דענקער נאָך אַ ווייטערן שריט. פונקט, ווי אַ קראַנקער קערפּער, מוז זוכן אַ רפואה אין געוויסע הייל פּלעצער, אין הייל קוואַלן, ער פאָרט אין באַשטימטע ערטער פון קוראַציע, אַזוי מוז אויך אַ קראַנקע נשמה, זוכן איר גייס־טיקע רפואה, אין דער צייט, וואָס איז מער געאייגנט פאַר דער נשמה־היילונג; דאָס זענען, די טעג פון ימים נוראים. „דרשו ד׳ בהמצאו", טייטשט די גמרא; זוכט די ג־טהייט, זוכט די ג־טלעכקייט, די גייסטיקייט, אין דער צייט, ווען זי איז אַממייסטן געאייגנט דערצו, אין די ימים נוראים.

מיט טויזנטער יאָר צוריק, ווען מיר האָבן געהאַט אַ בית המקדש אין ירושלים און יידן האָבן זיך אין די הייליקע טעג פאַרזאַמלט אין דעם פּלאַץ, האָבן זיי פאַרבונדן ביידע: די הייליקייט פון רוים מיט דער הייליקייט פון צייט. היינט האָבן מיר ליידער נישט קיין בית המקדש, אָבער מיר האָבן שולן און בתי מדרשים, הייליקע פּלעצער, אין וועלכע מיר קומען זיך צוזאַמען, אין די הייליקע טעג און מיר מאַכן זיך אַ חשבון הנפש, מיר היילן אונדזער נשמה.

דער סוד פון דעם גרויסן וווּנדער, וואָס יידן זענען געבליבן לעבן ביז צו דער היינטיקער צייט, שטאַמט בעיקר׳שט פון דעם, וואָס יידן האָבן געהאַט גרויסן מאָמענטן. זיי האָבן פון צייט צו צייט געהאַט מאָמענטן פון הייליקייט און גייסטיקייט. יעדער ייד האָט אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן, געקענט זיין ווי ווייט אָפּגעריסן פון רוחניות׳דיקייט, אָבער פון צייט צו צייט האָט ער זיך

געטובל׳ט אין דעם קוואל פון א הויכן מאמענט און דאס האט אים געגעבן כוח און מוט צו איבערטראגן אלע זיינע איבערלעבונגען.

יידישע עקזיסטענץ איז א נס. אבער זי איז צוגלייך אויך א קאנסעקווענץ פון אן אנדער נס, פון דער וווּנ־דערלעכער ווידערגעבורט און דערנייערונג, וואס יעדער ייד גייט אדורך פון צייט צו צייט, אין געהויבענע און דערהאבענע מאמענטן פון זיין לעבן.

צווישן די נסים, וועלכע פלעגן פארקומען אין בית־המקדש רעכנט די משנה, אז קיין מאל האבן רעגנס נישט פארלאשן דאס פייער פון מזבח; קיין מאל האבן ווינטן נישט אוועקגעבלאזן דעם רויך זייל; יידן זענען געשטא־נען ענג איינער נעבן דעם צווייטן און דאך האבן זיי פלאץ געהאט זיך צו בוקן; קיין מאל האט א שלאנג, אדער אן עקדיש אין ירושלים, קיינעם נישט געשעדיקט. (אבות פ״ה מ״ה).

דער פשוט׳ער מענטש ווערט נתפעל בלויז פון אומ־נאטירלעכע דערשיינונגען וועלכע קומען פאר אין דרויסן. ער ווערט דערשטוינט, ווען ער זעט מיט זיינע אויגן עפעס, וואס עס איז שלא כדרך הטבע. ער באמערקט אבער נישט די גרויסע נסים וואס געשען מיט א מענטשן אינערלעך, אין זיך אליין און דורך זיך. יעדע מענטשלע־כע, גייסטיקע איבערלעבונג, וואס קומט פאר אין דעם מענטש, אין זיין וועזן, אין זיין מהות, איז דאס גרעסטע

וואונדער. בדרך הטבע איז עס איבערהויפּט נישט צו פאַרשטיין: ווי אַזוי, אַ מענטש קען, אין געוויסע מאָמענטן, באַקעמפן זיין נאַטור, זיין אינסטינקט; ווי אַזוי, אַ מענטשן קען איינהאַלטן זיין תאווה; ווי אַזוי, ער קען אונטערדריקן דעם עגאָאיזם, וואָס איז איינגעבוירן אין אים, כדי אַ טובה צו טאָן אַ צווייטן; ווי אַזוי, ער קען זיך אויפאָפּפערן פאַר אַן אידעע; ווי אַזוי, ער קען מוחל זיין איינעם, וואָס האָט אים געטאָן שלעכטס, וכדומה. די אַלע מעגלעכע אייגנשאַפטן, ביי אַ מענטשן זענען וואונדערלעכע נסים, וועלכע קענען בדרך הטבע פון קיין שום וויסנשאַפטלעכע פסיכאָלאָגיע, נישט דערקלערט ווערן.

מיר דערציילן, למשל, פון דעם גרויסן נס, וואָס איז געשען מיט אברהם אבינו, ווען ער איז אַרויסגעקומען אַ לעבעדיקער פון אַ ברענעדיקן קאַלעך-אוויון. מיר רעדן אָבער נישט פון דעם, אַ סך גרעסערן, נס וואָס איז געשען מיט אברהם אבינו. איינער אַליין האָט ער זיך אַנטקעגן געשטעלט קעגן אַ גאַנצע וועלט. ער האָט געוואַגט צו באַקעמפן געצענדיסט, טראָצדעם מען האָט אים געוויזן דעם ברענענדיקן קאַלך-אויוון, טראָצדעם מען האָט אים געוואָרנט, אַז מען וועט אים אַהין אַריינוואַרפן, אויב ער וועט נישט אָפּשטעלן זיין אַגיטאַציע. דאָס פייער פון דעם ברענענדיקן קאַלך-אויוון, האָט ביי אברהם נישט געקענט אויסלעשן דאָס הייליקע פייער, וואָס האָט געברענט אין זיין האַרץ. דאָס אַרויסקומען אַ לעבעדיקער

פון דעם דרויסנדיקן פייער איז גאָר אַ קליין נס, אין פאַרהעלטניס צו יענעם נס, וואָס אינערלעך אין זיין הארץ האָט זיך געקענט געפינען אַזאַ גרויס פייער, וואָס קיין כח האָט דאָס ניט געקענט פאַר־לעשן.

זייער ריכטיק דערציילט די גמרא: רב פפא האָט אַמאָל געפרעגט אביי׳ן פאַרוואָס איז דאָס, אַז אונדזערע עלטערן דערציילן פון גרויסע נסים, וואָס זיי האָבן געזען מיט זייערע אויגן; פאַרוואָס זעען מיר נישט קיין נסים? איז דען דער היינטיקער דור שוואַכער פון יענע אַמאָליקע דורות? רב פפא זאָגט דאָ אַ דרייסטן, געוואַגטן וואָרט: אפשר וועסטו וועלן באַהויפּטן, אַז יענע דורות האָבן געקענט בעסער לערנען פון אונדזערע, זאָלסטו וויסן, אַז דאָס איז ניט אמת. מיר קענען פיל מער פון זיי. אין פאַר־העלטניס צו אונדז, האָבן זיי אַ סך ווייניקער געקענט. אביי האָט אים דאַרויף געענטפערט: קמאי הוו קאמסרי נפשיהו אקדושת השם. יענע דורות האָבן אָבער זיך גע־קענט מוסר נפש זיין אויף קידוש השם, זיי האָבן גע־קענט זיך אָפּפערן פאַר אַן אידעע. די נסים, וואָס זיי האָ־בן געזען זענען געווען קאָנסעקווענצן פון אַנדערע נסים, וואָס זענען פאָרגעקומען נישט אַרום זיי, נאָר אין זיי, אין זייער אינערלעכקייט. זיי האָבן געהאַט דאָס גרעסטע נס, וואָס זיי זענען אומשטאַנד געווען, צו געבן זיך אַליין אַלס קרבן, פאַר זייער אידעאַל. דאָס איז געווען דאָס הויפּט נס; ווען מען האָט נישט קיין אינערלעכן, חוץ־

לדרך־הטבע׳דיקן לעבן, קען מען קיין דרויסנדיקע נסים נישט זען. (ברכות כ׳ ע״א).

מיר רעדן אויך היינט פון גרויסע נסים, וואָס גע־שען מיט אונדז אין מדינת ישראל; פון די נצחונות, וואָס קליינע גרופּן יידן האָבן אָפּגעהאַלטן קעגן גרויסע מאַסן פון שונאים. מיר פאַרגעסן אָבער, אַז פריער פאַר די דרויסנדיקע נסים, זענען תמיד דאָרט געווען נסים פון מסירת נפש; נסים, וואָס יידישע יוגענט איז, געווען בע־רייט אָוועקצוגעבן זייער לעבן פאַר דעם אידעאַל. דאָרט, וווּ עס זענען דאָ אָט די נסים פון אינעווייניק, זענען שוין די דרויסנדיקע, שפּעטערע נסים נישט קיין גרויס וואונדער. דעם גרעסטן טעות מאַכן מיר, ווען מיר ווילן זען בלויז דרויסנדיקע נסים אַליין. מיר מוזן קודם ווייזן דאָס נס פון מסירת נפש פאַר אונדזער אידעע, דאַן קענען מיר זיין זיכער מיט דעם דרויסנדיקן נס.

מיט רעכט רעכנט די משנה די גרויסע נסים, וואָס זענען געשען מיט די יידן אין דעם בית המקדש. דאָ זע־נען נישט געמיינט קיין דרויסנדיקע נסים, נאָר אינער־לעכע נסים.

קיינמאָל האָבן רעגנס נישט פאַרלאָשן דאָס פייער פון דעם מזבח, אויב אַ ייד איז געקומען אין בית המקדש אַריין, האָט אויף זיין אינערלעכן מזבח. אין זיין האַרץ ווידער אָנגעהויבן צו ברענען דאָס יידישע פייער. אַ גאַנץ יאָר האָט אויף דעם ייד אַרויפגערעגנט פון פאַרשידענע זייטן. רעגן, איז דער סימבאָל פון פאַרשידענע תאוות,

גייגונגען און ליידנשאפטן, וואס שטראמען אויף דעם מענטש, אזוי אז ס'דאכט זיך, אז ביי אים איז אינגאנצן אויסגעלאשן געווארן יעדער פונק פון גייסטיקייט און אידעאליזם. קוים אבער איז ער געקומען אין בית המ־קדש אריין, אין דער באשטימטער צייט, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז קיין רעגן האט נישט געקענט ביי קיין שום ייד אינגאנצן אויסלעשן זיין יידישן פונק. דאס זעלבע איז אויך געמיינט מיט דעם, וואס די משנה זאגט ווייטער, אז קיין שום שטורמווינט האט נישט אוועקגעבלאזן דעם רויך־וואלקן; קיין שום ווינט קען נישט אוועקבלאזן דעם יידישן הויך, וואס ברויזט אין א יידישער נשמה. א גאנץ יאר האט דער ייד געמעגט זיין ארייגעלאזט אין אנדערע ווינטן, אין אנדערע שטרעמונגען, קוים אבער איז ער געקומען אין בית המקדש אריין, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז ער אטעמט אלץ נאך מיט א יידישער נשמה, ווייל קיין שום ווינט קען זי ביי א ייד נישט ארויסבלאזן.

דאן קומט א ווייטערער נס: זיי זענען געשטאנען ענג נעבן אן אנדער אבער זיי האבן זיך געבוקט ווי גע־עריק. יידן שטיין א גאנץ יאר זייער ענג. עס איז זיי ענג. יעדן דאכט זיך, אז דער צווייטער נעמט ביי אים אוועק זיין פלאץ, זיין פרנסה, זיין כבוד. פון דעם קומען דאן ארוים פארשידענע בייזקייטן און סכסוכים. אבער אט דאס אלעס איז נאר אזוי לאנג ווי יידן שטייען אין דרויסן. קוים קומען זיי אין בית המקדש און זיי הויבן

זיך אויף אַ ביסל העכער פון דעם טאָג טעגלעכן לעבן, דאַן זען זיי, אַז עס איז דאָ פּלאַץ פאַר אַלע. ווען מען בוקט זיך פאַר ג-ט דערבליקט מען זיין אייגענע קליינלעכקייט און מען באַגניגט זיך מיט דעם, וואָס מען האָט און עס איז מער נישט ענג. אויך דאָס איז אַ נס, ווייל בדרך הטבע וויל דער מענטש איינשלינגען אַלעס.

דאַן קומט אַ גאָר גרויס נס: קיין שלאַנג, אָדער עקדיש האָט אין ירושלים קיינמאָל, קיינעם נישט געביסן. די גרעסטע צרות פון מענטשן קומען דורך לשון-הרע, וואָס בייסט ווי אַ שלאַנג, וואָס שעדיקט ווי אַן עקדיש. דורך לשון-הרע ווערט צעשטערט, נישט בלויז אינדיווידועל לעבן, נאָר אויך דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, דיסציפּלין און אָרדענונג. וויפל גייסטיקע גרויסקייט, דאַרף אַ מענטש באַזיצן, ער זאָל זיך נישט לאָזן באַאיינפלוסן פון לשון הרע. דער ייד אָבער, האָט אַ גאַנץ יאָר געקענט לעבן אין פאַרשידענע נידעריקע עמפינדונגען, קוים אָבער איז ער אין די געוויסע מאָמענטן געקומען קיין ירושלים, איז ער באַזעלט געוואָרן מיט אַזאַ הויכן גייסט, אַז דאָרט האָט נישט עקזיסטירט קיין לשון הרע, קיין רכילות, נאָר אידעאַלע פריינדשאַפט און ברודערלעכקייט.

מיר האָבן היינט נישט קיין בית המקדש; מיר האָבן אָבער אונדזערע הייליקע פלעצער, ווו מיר קומען צוזאַמען אין אונדזערע הייליקע טעג. זאָלן מיר אויך געדענקען אין די נסים, וואָס זענען פאָרגעקומען ביי אונדז אַמאָל. זאָל אויך היינט, אין די טעג, ווידער אויפלאַכן

דאָס יידישע פייער אין יעדן יידישן הארץ; זאָל קיין ווינט נישט אָוועקבלאָזן די יידישע נשמה; זאָל אויפהערן צו זיין ענג אין דער יידישער געזעלשאַפט און זאָלן מער קיין שלאַנגן און עקדישן אונדז נישט בייסן און מיר וועלן האָבן אַ גוט, געבענטשט יאָר.

די באַדייטונג פון סליחות

שבת צו נאַכטס, נאָך האַלבער נאַכט, ווען די קינדער פון אַלע פעלקער שלאָפן זיך רואיק און צופרידן, דאַמאָלט שטייען די קינדער פון ישראל אין די שולן, און קלאַפן מיט זייערע קולות אין די הימלישע טויערן. זיי זאָגן סליחות. אַזוי איז עס יאָר איין יאָר אויס, תמיד שבת צו נאַכטס פאַר ראש השנה, פאַרזאַמלען זיך יידן אין בתי מדרשים און אין בתי תפילה, און מען זאָגט סליחות.

וואָס איז דער אינהאַלט פון די סליחות? וואָס איז זייער באַדייטונג? און פון וואַנען און פון ווו שטאַמען זיי?

דאָס וואָרט „סליחות" געפינט זיך אין תנ"ך, אין פאַרשידענע פאָרמען, און אומעטום באַדייטעט עס דאָס זעלבע. עס באַדייט: אַ געבעט צו ג-ט, ער זאָל פאַרגעבן די זינד. ווען יידן האָבן געזינדיקט ביים עגל, שטייט אין דער תורה, אַז משה רבינו האָט געבעטן ביי ג'ט וסלחת לעוננו. זאָלסט פאַרגעבן אונדזערע זינד. ווען דוד המלך האָט געבעטן ג-ט, ער זאָל אים מוחל זיין אויף זיינע זינד, האָט ער זיך אויסגעדריקט „וסלחת לעוני". זאָלסט פאַר־

געבן מיינע זינד. שלמה המלך האָט געבעטן וסלחת לאש־מת עבדיך. דו זאָלסט פאַרגעבן די זינד פון דיינע קנעכט. און דער רבונו של עולם, ווען ער האָט פאַרגעבן די זינד פון די יידן שטייט אויך אין דער תורה, ויאמר ד׳ סלחתי כדברך.

דער מקור פון זאָגן סליחות, איז דערפאַר גאָר אַן אַלטער. לויט דער טראַדיציע, וואָס געפינט זיך נאָך אין דער גמרא, הייסט עס, אַז כביכול ג־ט אַליין, האָט אָנגע־וויזן משה רבינו, אַז אין יעדער צייט ווען יידן וועלן זיך פאַרזאַמלען אין שולן און אין בתי מדרשים, און וועלן זיך פאַראייניקן און זאָגן דעם סדר פון סליחות, וועט ג־ט זיך אָפּרופן און ענטפערן מיט מחילה.

פאַרשטייט זיך אָבער, אַז נישט אַלע סליחות זענען פאַרפאַסט געוואָרן אין איין צייט. פאַרשידענע פייטנים, האָבן אין פאַרשידענע לענדער אין פאַרשידענע צייטן, אונטער פאַרשידענע באַדינגונגען, פאַרפאַסט פאַרשידע־נע סליחות, טראָצדעם אָבער, הערט זיך פון כמעט אַלע סליחות, איין שטימע, איין קלאַנג, און איין געדאַנק. דאָס איז די אָנערקענונג פון דעם ייד, אַז ער איז זינדיק, אַז ער איז שולדיק. לא בחסד ולא במעשים באנו לפניך כדלים וכרשים דפקנו דלתיך . . . נישט מיט קיין טענות קומען מיר, ווייל מיר ווייסן, אַז מיר זענען אומגערעכט. ווי אָרעמעלייט, ווי אביונים קלאַפּן מיר אין ג־ט׳ס טירן, און מיר בעטן: רבונו של עולם זיי אונדז מוחל, רבונו של עולם פאַרגיב אונדז. כמעט אַלע סליחות, פאַרענדיקן

זיך מיט דערזועלבער בקשה, מיר בעטן פארגעבונג, מיר בעטן מחילה.

שוין פון דעם אינהאלט פון די יידישע סליחות, איז זייער גרינג צו זען, דעם גרויסן אונטערשיד, וואס איז פאראן, צווישן דעם געדאנקען גאנג פון א ייד, און דעם געדאנקענגאנג פון א נישט־ייד. גענוג זיך צו פארטיפן אין דעם אינהאלט פון די סליחות, און מען געפינט באלד, א גרויסן חילוק פון יידישקייט, ביז גוישקייט. מען איז־בערצייגט זיך, אז יידישע ציוויליזאציע און גוישע ציווי־ליזאציע, באוועגן זיך אין זייער ווייטע, קעגנזעצטע ריכ־טונגען, איינע פון דער צווייטער.

די מערסטע סליחות זענען פארפאסט געווארן, אין צייטן פון גרויסע רדיפות און ביטערע גזירות, וואס יידן האבן מיטגעמאכט. יעדע סליחה דריקט אויס, א ים פון ביטערקייט, אויף די שחיטות און הריגות פון איר צייט. יעדע סליחה איז, א טיפער הארץ־אויסגוס, אויף די בלו־טיקע עפיזאדן אין דער יידישער געשיכטע, און איז א ווי געשריי אויף אונדזער גרויליקער לאגע אין דעם פינסטערן גלות. די יידישע מיט טרערן אנגעזאפטע פען, האט פארצייכנט די גרויזאמע שטענדיקייט פון יידישן לעבן, זייט דעם חורבן פון דעם ערשטן מקדש. מיט טרוי־ער און געוויין האבן אונדזערע גרויסע פייטנים געשיל־דערט דעם גרויסן אומגליק פון דעם ייד, ווייל ער גע־פינט זיך צווישן פעלקער, וועלכע זענען, ווי די וועלף און די לייבן, וואס זוכן נאר צו פארצוקן דאס עלנדע

שעפּעלע. אין סליחות איז פּאַראייביקט דער צער, דער שמערץ פון דעם יידישן פאָלק.

און צי מוזן מיר נישט מודה זיין און צוגעבן, אַז עס איז אויסער געוועגלעך כאַראַקטעריסטיש און מערק־ווירדיק אַז נאָכדעם וואָס די סליחות שילדערן פאַר אונדז די גאַנצע מאַרטיראָלאָגיע פון דעם יידישן פאָלק, אַלע רדיפות און גירושים. אַלע פּאָגראָמען און פּלינדערונגען, עקסצעסן און באַיקאָטן, צרות און יסורים, וואָס מיר האָבן מיטגעמאַכט, נאָך דעם אַלעם, פאַרענדיקט זיך ערשט יעדע סליחה, מיט אַ בקשה אויף פאַרגעבונג, אויף סליחה ומחילה. נאָך אַלעם בעטן מיר: דער רבונו של עולם זאָל אונדז מוחל זיין. מיר שרייען נאָך דאַן אויס, „אָשמנו מכל עם״, מיר זענען — הייסט עס — מער שולדיק פון יעדן פאָלק. אַנשטאָט צו האָבן טענות פאַר ווערן אומ־זיסט געשחטן, פאַר ווערן אומזיסט געפּלינדערט און גע־רויבט, קומען מיר גאָר און מיר בעטן: פאַרגעבונג און פאַר וועמען? פאַר אונדז! פאַר די געטריבענע, פאַר די געפּייניקטע, פאַר די פאַריתומטע.

די, וואָס האָבן געמאָרדעט, די, וואָס האָבן גערויבט און די וואָס האָבן געפּייניקט, די זאָגן קיין סליחות נישט. עס פעלט זיי אפילו נישט איין דער געדאַנק, אַז זיי דאַרפן בעטן מחילה וסליחה. זיי קלאַפּן זיך קיינמאָל נישט אין האַרצן, פאַר זייערע מעשים רעים. עס פּייניקט זיי כלל נאָר נישט דאָס געוויסן. זיי פילן קיינמאָל נישט קיין שום

שולד געפיל, און האָבן קיינמאָל נישט, קיין געדאנק פון חרטה.

דער כאַראַקטער שטריך אַליין, געניגט אַנצווייזן, ווי גרוים עס איז דער אונטערשייד צווישן יידישקייט און גויישקייט. די גאַנצע געביידע פון יידישקייט, דאָס גאַנצע וועזנטלעכע פון יידישן דענקען, איז באַזירט אויף מאָראַל. דער ייד האָט פון תמיד אָן געגלויבט, אַז שטראָף, צער און עלנט, זענען די פאָלגן פון זינד. דער ייד האָט פון תמיד אָן געגלויבט אַז אויך געשיכטלעכע געשעעענישן און היסטאָרישע פּאַסירונגען, זענען נישט מער, ווי איין לאַנגע קייט פון סיבות און פאָלגן, פון קויזאַליטעטן און קאָנסעקווענצן, וואָס זענען געבונדן מיט מאָראַלישע טוגענדן און מאָראַלישע זינד. אַ פאָלק שטייט ברום המעלה, ווען עס איז מאָראַליש אין אָרדנונג. און אַ פאָלק פאַלט ווען עס איז זינדיק. דערפאַר איז אויך די יידישע היסטאָריע איין אומאונטערבראָכענע קייט פון אורזאַך און פאָלגע, וועלכע זענען געבונדן מיט דעם מאָראַלישן אויפפיר פון דעם ייד. ווען עס איז געקומען אָן עת צרה, האָבן יידן אין דעם געזען, אַ שטראָף פאַר זייערע זינד. דאָס געפונען מיר זייער דייטלעך אין אונדזער תנ"ך. אונדזער געשיכטע שילדערט פאַר אונדז, אַז תמיד ווען עס איז געווען „ויעשו בני ישראל את הרע בעיני ד׳, ווען יידן זענען געווען געפאַלן, איז די קאָנסעקווענץ געווען „וימסרם ד׳". ג-ט האָט זיי איבערגעגעבן אין די

הענט פון זייערע שונאים. קוים האבן יידן געטאן תשובה איז געווען, „ויצילם ד׳״, ג-ט האט זיי גערעטעט.

ביי אלע צרות, וואס יידן האבן געליטן, האבן זיי תמיד מצדיק געווען אויף זיך דעם דין „ווייל זיי האבן זיך געפילט שולדיק, און געגלויבט אז די שטראף קומט פאר זייערע זינד. אזא זאך איז גאר ניט דא ביי די אומות העולם. ביי גויים קען זיך פילן זינדיק בלויז א יחיד, בלויז אן איינציקער מענטש, אבער נישט א פאלק. א פאלק קען אפטאן אלע רציחות אין דער וועלט. א פאלק קען רויבן, מארדן, און פארניכטן. דאס אזוי גערופענע אינטערנאציאנאלע געזעץ, מעג פראטעסטירן, און דאס פאלק בלייבט אין זיינע אייגענע אויגן תמיד גערעכט. ווער ווייסט עס נישט אז מיר לעבן היינט אין א צייט, ווען אלע זענען איבערצייגט, אז די מאראל פון א יחיד און די מאראל פון א פאלק זענען צוויי פארשידענע זאכן. וואס עס איז פארבאטן פאר א יחיד, דאס איז נישט נאר דערלויבט, נאר טאקע א טוגנד פאר א רבים, פאר א קאלעקטיוו. ליידער אבער לעבן מיר שוין היינט אין א צייט, אין וועלכער די מאראל פון דעם יחיד דערנענטערט זיך וואס אמאל מער, צו דער מאראל פון דעם כלל. איינע פון די הויפט-צרות פון דעם היינטיקן מענטש, איז דאס, וואס ער האט זיך גאנץ אויפגעהערט צו פילן שולדיק גראד אין א צייט, וואס איז ממש פארפלייצט מיט פארברעכנס, גראד אין אזא צייט, האט זיך דאס שולד געפיל אויסגעוועפט ביים מענטשן. קיינער איז

נישט שולדיק. קיינמאָל איז דער מענטש נישט געווען אזא צדיק ביי זיך, ווי היינט. די היינטיקע וויסנשאַפט און די היינטיקע קונסט, האָבן אַ גרויסן חלק אין דעם, וואָס דער מענטש איז היינט געוואָרן אַזוי אומשולדיק. היינטיקע וויסנשאַפט זעט אין מענטש אַ פּראָדוקט פון באַדינגונגען, און לייקנט אין דער עקזיסטענץ פון אַ פרייען ווילן, במילא איז דער פאַטאַלער מענטש שולד־לאָז. נישטאָ קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר מעשים, וואָס זענען פאָלגן פון דרויסנדיקע פאַטאַלע סיבות. קינסטלער ווידער, האָבן זיך היינט אַזוי שטאַרק פאַר־טיפט אין דער מענטשלעכער פּסיכיק, און אַנאַליזירט די פּסיכאָלאָגיע פון דעם פאַרברעכער, אַז זיי צעשרייבן זיך איבער אים, ענטוזיאַזמירן זיך מיט אים. דער פאַרברע־כער איז גאָר געוואָרן אַ גאַנצער ענין פאַר קונסט. איז דאָך במילא נישטאָ קיין רייד פון קיין שולד.

דאָס איז דאָס פונדאַמענטאַלע פון יידישקייט. מיר יידן גלויבן אַז דער מענטש האָט אַ פרייען ווילן, אין דערפאַר איז ער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים. דאָס איז דער חילוק פון אַ מענטש ביז אַ חיה. די חיה קאָן נישט געמשפּט ווערן, ווייל זי האָט קיין ברירה נישט. דער מענטש אָבער האָט אַ ברירה, דערפאַר ווערט ער פאַר זיינע מעשים געמשפּט. ער ווערט געשטעלט פאַר דעם טריבונאַל פון הימלישער גערעכטיקייט. ער דאַרף אָפּגעבן דין וחשבון. ווי שאַרף קלינגען די ווערטער פון רמב״ם, וועלכער זאָגט: „עס זאָל קיינעם נישט איינפאַלן

צו האלטן ווי די טיפּשים פון די אומות העולם, וועלכע דענקען, אַז דער מענטש, ווען ער ווערט געבוירן, ברענגט ער שוין מיט זיך מיט די אייגנשאַפטן פון זיין, אָדער אַ צדיק אָדער אַ רשע. דאָס הייסט, אַז עס איז בכלל נישט זיין שולד ווען ער איז אַ רשע, און עס איז כלל נישט זיין פאַרדינסט, ווען ער איז אַ צדיק. דאָס איז אַ גראָבער טעות, ווייל יעדער מענטש האָט די ברירה, די מעגלעכ־קייט אויסצוקלייבן, וואָס ער וויל און אויב ער זינדיקט איז עס זיין שולד״.

יידישקייט שטעלט דעם מענטש פאַרן העכסטן משפּט און פאָדערט פון אים אַ דין וחשבון. און ווען עס קומען די טעג פאַר ראש השנה פאַרזאַמלען זיך יידן אין די שולן צו סליחות. זיי פאַרטיפן זיך אין זיך אליין. זיי אַנאַלי־זירן דעם עבר, פאַר דעם שיין פון זייער אייגענעם גע־וויסן. זיי באַקענען זיך צו זייערע חטאים, האָבן חרטה אויף דער פאַרגאַנגענהייט, בעטן סליחה ומחילה, און זענען מבטיח, מיט אַ טיפן ערנסט, און מיט ריינע ווער־טער, נישט צו ווידערהאָלן דאָס פאַרגאַנגענע; זיי זענען מבטיח פון איצט אָן, צו זיין בעסער, פאַרנונפטיקער, מענטשלעכער און אידעאַלער.

דאָס איז דער אינהאַלט און די באַדייטונג פון די יידישע סליחות.

ראש-השנה — און זײַנע סימבאָלן

און געשען איז דאָס אין ראש השנה מיט מער פון 2500 יאָר צוריק!

יידן האָבן דאַמאָלט געפּייערט, נישט בלויז דעם אָנפאַנג פון יאָר, נאָר אויך דעם אָנפאַנג פון אַ נייער עפּאָכע, אין זייער וואונדערלעכער היסטאָריע.

נאָך זיבעציק יאָר גלות אין בבל, זענען יידן ווידער צוריקגעקומען אין זייער לאַנד אַריין. די פּסוקים דערציילן, אַז דאַמאָלט אין ערשטן ראש השנה, האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע יידן קיין ירושלים. אויף דעם ברייטן פּלאַץ, ביים וואסער טויער, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ הילצערנער באַלעמער. אויף דעם באַלעמער איז געשטאַנען עזרא הסופר. נעבן אים: די כהנים, די לוויים און די געלערנטע פון די יידן. נאָך דעם, ווי עזרא האָט געלויבט ג-ט, זיך געבוקט און מתפלל געווען צו אים, האָט ער פון פרימאָרגן ביז האַלבן טאָג, פאַרגעלייענט פאַר אַלע מענער און פרויען די ווערטער פון תורת משה. עזרא הסופר האָט די תורה געלייענט קלאָר און שכל׳דיק. ער האָט זי דערקלערט און האָט אויך דייטלעך צו פאַרשטיין

געגעבן איר אינהאלט. דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויסגע־בראָכן אין אַ געוויין. עזרא, די לוויים און די געלערנטע האָבן דאָס פאָלק באַרואיקט און געזאָגט: וויינט נישט! דער היינטיקער טאָג איז אַ הייליקער טאָג צו אונדזער ג־ט. (נחמיה ח׳).

פאַרוואָס האָבן יידן דאַמאָלט געוויינט? נישט קיין טרערן פון פרייד זענען דאָס געווען. די ווערטער פון עזרא: אל תתאבלו ואל תעצבו; טרויערט נישט! נעמט אייך נישט צום הארצן! קענען זיך נישט באַציען אויף קיין פריידיקע טרערן. עזרא האָט דאַמאָלט נישט גע־האַלטן קיין רעדע צום פאָלק; ער האָט נישט געפּרעדיקט צו די יידן; ער האָט בלויז איינפאַך געלערנט מיט דעם פאָלק, די תורה פון משה רבינו און זי דערקלערט. וואָס איז געווען די סיבה פון דעם געוויין?

מיט מסירת נפש זענען יידן דאַמאָלט צוריקגעקומען קיין ארץ ישראל. זייער פיזישער מצב איז געווען אַ טרויעריקער און אַן עלנטער. יידן אָבער, האָבן פון תמיד געגלויבט, אַז דער מענטש באַשטייט, נישט בלויז פון גוף, בלויז פון קערפּער, נאָר אויך פון נשמה, פון גייסט. יידן האָבן פאַרשטאַנען, אַז פונקט ווי עס וויינט זיך אויף נויט, פיין און צער, בנוגע צום גשמיותדיקן לעבן, פונקט אַזוי, דאַרף מען וויינען און קלאָגן אויף אָרעמ־קייט, עלנטקייט און נידעריקייט, בנוגע צו רוחניות צום גייסטיקן לעבן. ווען יידן האָבן געהערט די ווער־טער פון דער תורה, אויסגעטייטשט דורך דעם

גרויסן עזרא הסופר, האָבן זיי דערפילט זייער גייסטיקע אָרעמקייט, זייער מאָראַלישע געפאַלנקייט און זייער אָפּגעריסנקייט פון דעם יידישן גייסט און פון דעם גרויסן יידישן אידעאַל. זיי האָבן יאָמערלעך געוויינט, אויף זייער נידעריקן, גייסטיקן מצב.

עזרא הסופר און די יידישע געלערנטע האָבן דאַן געזאָגט: טרויערט נישט! נעמט אייך נישט צום הארצן! אַליין די טרערן, שוין דאָס בלויזע באַוואוסטזיין, אַז איר האָט אויף וואָס צו וויינען, איז די בעסטע גאַראַנטיע פאַר אייער גיכערן אויפשטייג און פאַר אייערע זיכערער דערהויבנקייט, וואָס וועט קומען אין דער גאָר נאָענטסטער צייט.

אַזוי איז עס אויך געשען! די תלמידים פון עזרא הסופר האָבן דאַן ווייטער געשפּינען די פעדים פון יידישער גייסטיקייט. עס איז באַלד אַנטשטאַנען די גאָלדענע תקופה פון אנשי כנסת הגדולה וסופרים — פון דער שאַפונג פון תורה שבעל פה.

* *

די ווערטלעכע איבערזעצונג פון ראש השנה איז: דער „קאָפּ פון יאָר” ווער איז אָמבעסטן געאייגנט צו מאַכן אַ חשבון? געווים דער קאָפּ, דער מוח. ראש השנה גיט אונדז די געלעגנהייט אַרויפצוקלעטערן און צו דערגרייכן יענעם הויכן טורם, פון וועלכן עס עפנט זיך פאַר אונדז, אַ ברייטער אויסבליק, אויף דעם פליסנדיקן טייַ

פון די געשיכטלעכע געשעענישן, וואָס פאַלן אריין אין דעם ים פון אייביקייט.

ראש השנה פאַרזאַמלן זיך יידן אין די בתי תפילה. אַלע קומען. אַלע זאָגן תפילות: איינער מער, אַ צווייטער ווייניקער. ליידער אָבער זאָגט מען בלויז. אין אמתן, וואָלט מען געדאַרפט פאַרשטיין זייער תוכן, זייער אינ־האַלט, דאַמאָלט וואָלטן מיר אויך היינט, ווי אין צייטן פון עזרא, דערבליקט דעם גרויסן גייסטיקן תהום אין וועלכן מיר זענען פאַרזונקען. מיר וואָלטן געזען די עלנ־טע, גייסטיקע אָרעמקייט, אין וועלכער מיר געפינען זיך היינט, נאָך אונדזער גרויסן חורבן. דאָס וואָלט געווען אפשר דער ערשטער שריט, צו אונדזער אויפשטייג און צו אונדזער דערהויבנקייט.

וואָס איז דער הויפט־אינהאַלט פון די יידישע, ראש־השנה׳דיקע תפילות?

קודם כל רעדן זיי פון דעם: יום ראשון, פון דעם אָנהויב פון דעם וועלט־באַשאַפן ווען עס רעדט זיך פון אַ חשבון הנפש, מוז יעדער איינער וויסן, אַז עס זענען פאַראַן געוויסע פעדים, וואָס פאַרבונדן דעם יחיד מיט דער גאַנצער מענטשהייט און מיט דעם גאַנצן וועלט־באַשאַף. נישטאָ קיין שום זין פאַר קיין מענטשלעך לעבן, ווען עס איז נישט אינטים פאַרבונדן מיט דעם לעבנס קוואַל פון דעם גאַנצן אוניווערס. דער יחיד מוז געפינען די פעדים, מיט וועלכע ער איז אריינגעוועבט, אין דעם גרויסן געוועב, פון דער גאַנצער מעטשהייט. אָבער די

פעדים געפינט דער מענטש ערשט דאַמאָלט, ווען ער דערקענט זיך אַליין. ווען ער פאַרשטייט זיך אַליין און זיין אייגנאַרטיקייט.

דער אַלטער אַרכימעדעס האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט זיך אונטערגענומען אויפצוהויבן דעם ערד־קוגעל. נאָר מען זאָל אים געבן אַ פעסטן פונקט, פון וואַנען אַ הויב צו טאָן. די היינטיקע מאָדערנע מאַטעמאַטיק האַלט פאַר אַן אַקסיאָמע, אַז אַלע פאָרמולעס, אַלע אַריטמעטישע פאַרוויקלטע קאַלקולאַציעס, באַרוען קודם כל אויף אַן אויסגאַנגס פונקט. קוים נעמט מען אַוועק דעם אויס־גאַנג פונקט, אָדער מען לייקנט אין אים, פאַלט צוזאַמען דער גאַנצער מאַטעמאַטישער געבוי. אויך אין דעם פּלי־סענדן ים פון דערשיינונגען און געשעענישן, מוז מען האָבן קודם כל אַ שטיץ פונקט, אַ ברעקל פעסטע זיכערקייט, פון וואַנען אָנצוהויבן. ביי אונדז יידן הויבט זיך דער וועלט חשבון אָן, מיט דעם יחיד. דער אויסגאַנגס פונקט איז קודם כל יעדער איינצעלנער מענטש. אויב מען לאָזט אוים דעם אויסגאַנס פונקט, אויב מען הויבט נישט אָן מיט זיך אַליין, פאַרלירט מען דעם אָנהאַלט און דער גאַנצער חשבון הנפש בלייבט, ווי אין דער לופט.

די מוספדיקע שמונה עשרה פון ראש השנה איז גע־טיילט אין דריי טיילן: אין מלכות, זכרונות און שופ־רות. די תפילות דערמאָנען דעם יידישן יחיד די דריי־ערליי וועלטן, אין וועלכער ער לעבט. קודם אין זיין איי־גענער וועלט, דאַן אין דער וועלט פון זיין אייגן פאָלק

און דאַן אין דער וועלט פון דער אוניווערסאַלער מענטש־הייט.

אָנהויבן מוז מען פון זיך אַליין. אַ לעבן פון בלויז גשמיות, פון בלויז קערפּערלעכקייט, שאַפט אַ מחיצה, אַן אייזערנע וואַנט, וואָס טיילט דעם יחיד פון זיין פאָלק און במילא האָט אַזאַ יחיד קיין שום פאַרבינדונג נישט מיט דער מענטשהייט בכלל.

אין ראש השנה מוז יעדער ייד זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אויף וויפל ער האָט זיין אייגענעם איך צוגעגרייט, פאַר אַ פאַרבינדונג מיט זיין פאָלק און דורך דעם פאַר אַ העכערע באַציאונג צו מענטשהייט בכלל.

דער אינהאַלט פון די ראש השנהדיקע תפילות, וויקעלט זיך דערנאָך כסדר, אַרום די באַגריפן פון ייד און וועלט. דאָס נאַציאָנאַלע ווערט באַטאָנט אין דעם אוניווערסאַלן, דאָס יידישע אין דעם אַלוועלטלעכן. אין דעם ערשטן טאָג פון תשרי איז געשאַפן געוואָרן די וועלט; עס איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער מענטש. אדם הראשון. עס זענען אויך דאַמאָלט געבוירן געוואָרן, צוויי פון אונדזערע אבות און עס זענען געדאַכט געוואָרן צום טראָגן, צוויי פון אונדזערע אמהות. ראש השנה איז יוסף באַפרייט געוואָרן פון זיין געפענגעניש און אין ראש־השנה, אַ האַלב יאָר פאַר יציאת מצרים, זענען יידן באַבאַפרייט געוואָרן פון דער מצרישער אַרבעט. יידישע גאולה איז כסדר געבונדן מיט דעם גורל, פון דער גאַנצער מענטשהייט. ווילן מיר פאַרשטיין די וועלט, מוזן

מיר קודם כל פאַרשטיין אונדז אַליין. ערשט ווען מיר וועלן ווי געהעריק באַנעמען די אייגנשאַפטן, וואָס טיילן אונדז אָפּ פון אַנדערע, ערשט דאַמאָלט וועט פאַר אונדז קלאָרער ווערן דאָס געמיינזאַמע, דאָס שותפותדיקע, וואָס מיר אַלס יידן, האָבן מיט דער גאַנצער מענטשהייט.

אויב מיר זענען יידן, בלויז אויף דעם שטייגער, ווי אַנדערע זענען שפּאַניער, אָדער ענגלענדער. ווו איז דאַן די לאָגיק און ווו איז דער זין, וואָס מיר האָבן זייט אברהם אבינו ביז היינט, זיך אַרום געדרייט אָפּגעזונדערטע, אויף דער אַלמענטשלעכער אַרענע? אויב זיין יידן איז נישט מער ווי זיין דאָס, וואָס אַנדערע פעלקער זענען אויף זייער שטייגער, ווו איז דאַן דער שכל פון דער יידישער מאַרטירערשאַפט, זייט דער עקדת יצחק ביז דעם אומקום פון די זעקס מיליאָן יידן, אין אונדזער צייט? עס קען דאָך נישט זיין בלויז קיין צופאַל, וואָס זייט מצרים, זענען נאָר די קינדער פון יעקב, דריי מאָל אָפּגעריסן געוואָרן פון זייער היימלאַנד. די יידישע מאַרטירערשאַפט, דריקט אויס די עלנטקייט פון דער גאַנצער מענטשהייט; די בענקשאַפט נאָך יידישע גאולה, דריקט זיך אויס אין די תפילות, אין פאַרבינדונג מיט וועלט דערלייזונג, לויט די וויזיע פון די נביאים, וועגן אחרית הימים.

דער אוניווערס איז, לויט יידישע אויפפאַסונג, אַ ריזיקע געביידע, וואָס איז געבויט אויף דעם פונדאַמענט פון יחידישער אחריות. עס הערן זיך שוין היינט אין דער גרויכער וועלט שטימען, וואָס וואָרענען, אַז עס איז

ענדלעך געקומען די צייט, אַנצונעמען די יידישע שיטה; אויב נישט, וועט די וועלט אויפגיין אין אירע אייגענע פלאַמען. אויב דער יחיד, וועט נישט נעמען אויף זיך די יחידישע אחריות, נאָר וועט זיך איבערגעבן דעם לויתן־שטאַט, וואָס פאַרשלינגט אַלעס, וועט אין גיכן קומען אַ סוף צו דער גאַנצער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. דער גרויסער קאַמף, וואָס גייט היינט אָן אין דער וועלט, איז נישט מער, ווי אַ קאַמף צווישן יחידישער אחריות און קאָלעקטוויסטישער טאָטאַליטאַרישקייט.

די היינטיקע נייע אַנטיסעמיטן, די באָלשעוויקעס וואַרפן כסדר פאָר, אַז יידן זענען קאָסמאָפּאָליטן. יידן, הייסט עס, זענען אַזעלכע מענטשן וואָס פילן זיך פאַרבונדן מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט. זייערע קעפּ טראַכטן נאָר וועגן דער גאַנצער וועלט און נישט וועגן איין באַשטימט פאָלק. עס איז אמת, אַז מיר יידן דענקען תמיד אין דער גאַנצער מענטשהייט. פון פרעה׳ן ביז צו אשור, בבל, אַנטיוכוס און טיטוס; דאַן פון די אינקוויזיציעס, ביז די גאַז־קאַמערן, האָט קיין פאָלק אין דער וועלט, נישט אָנגעזאַמלט אַזוי פיל דערפאַרונג, וועגן רשעות, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט, ווי מיר יידן. מיר פאַרשטיין דערפאַר, אַז אַזוי לאַנג עס עקזיסטירט איין ממשלת זדון, איז די גאַנצע מענטשהייט נישט זיכער.

וואָס איז דער אויספיר פון דעם אַלעם? דער אויספיר איז, אַז אין די טעג פון חשבון הנפש, דאַרף אַ ייד

געדענקען, אָנהויבן פון זיך אַליין; זיך פאַרטראַכטן אין דעם זין און תכלית פון זיין אייגענעם לעבן. פון זיך דאַרף ער איבערגיין צו זיין אייגן פאָלק און פון זיין אייגן פאָלק, צו דער גאַנצער מענטשהייט.

דער גרויסער תנא רבי יהודה בר אילעי האָט געזאָגט: די יידישע אומה איז אין דער תורה געגליכן צו זאַמד און צו שטערן. דאָס לערנט, אַז אויב יידן פאַלן, זענען זיי אַזוי נידעריק ווי זאַמד. אָבער ווען זיי שטייגן, דערגרייכן זיי ביז צו די שטערן אין הימל.

לאָמיר זיך אַליין אָפּגעבן אַ חשבון: צו זענען מיר היינט ווי שטערן אָדער ווי זאַמד? אין אונדזערע אייגענע הענט ליגט עס, אַז אַפילו ווען מיר זענען ווי זאַמד, קענען מיר זיך דערהויבן ביז צום הימל. דאָס קען קומען נאָר דאַמאָלט, ווען מיר וועלן דערבליקן אונדזער מצב און איינזען אונדזער גייסטיקע אָפּגעלאָזנקייט.

ראש־השנה — און זיין באַדייטונג

דער פשוטער טייטש פון אָט די צוויי ווערטער איז. „אָנהויב פון יאָר".

זיכער איז, אַז ראש מיינט קאָפּ, מיינט דאָס וויכטיקס־טע, דאָס ערשטע, מיינט: אָנפאַנג און אָנהויב.

פאַרוואָס אָבער שנה הייסט יאָר, איז ביז היינט פי־לאָלאָגיש נישט קלאָר.

גרויסע שפּראַכקענער און דענקער זענען מחולק, איבער דעם שורש, איבער דעם שטאָם פון וואָרט שנה. א טייל באַהויפּטן, אַז דאָס וואָרט שנה שטאַמט פון שני, משנה, וואָס הייסט נאָכאַמאָל, טאָפּלט און מיינט, פאַרטאָפּלען, ווידערהאָלן און איבערחזר'ן. אַנדערע דאָ־קענען באַהויפּטן, אַז דאָס וואָרט שנה שטאַמט פון שרש, שינוי, משונה, וואָס הייסט: פאַרשידן: זיין אַנדערש, זיך טוישן.

מערקווירדיק איז, אַז איין טייטש שטייט גאַנץ אין קאָנטראַסט צו דער צווייטער. לויט דער ערשטער טייטש הייסט שנה — יאָר, ווייל די יאָרן טאָפּלען זיך, זיי אי־בערחזר'ן זיך, זיי ווידערהאָלטן זיך. דאָס מיינט, אַז זיי זע־

נען גלייך איינס צום צווייטן. לויט דער צווייטער טייטש קומט אויס, אַ יאָר הייסט דערפאַר שנה, ווייל יאָרן ענ־דערן זיך: יעדעס יאָר איז אַנדערש און יעדעס יאָר איז פאַרשידן, איינס פון דעם צווייטן. אַ ניי יאָר מיינט לויט דעם, אַז עס קומט אַ יאָר, וואָס איז נישט גלייך צו דעם וואָס עס איז אַוועק.

עס פרעגט זיך, וועלכע פון די צוויי טייטשן איז די ריכטיקע?

ווען מען פאַרטיפט זיך אין דעם ענין קומט אויס, אַז טראָצדעם, וואָס אין פלוג זענען די צוויי טייטשן זיך סותר, זענען זיי אָבער דאָך אַלע ביידע אמת.

דאָס וועזנטלעכע פון אַ מענטש, איז זיין צווייאיקייט, זיין דואַליטעט. דער מענטש איז אַ קאָמבינאַציע פון מאַטעריע און גייסט; פון גוף און נשמה. פון זיין פיזישער זייט און פון זיין פסיכישער זייט — בנוגע צו זיין פיזישער זייט, צו זיין גוף שטרעבט ער, אַז זיינע יאָרן זאָלן זיך ווידערהאָלן, אי־בערחזרן; זיי זאָלן זיך טאָפּלען און די נייע זאָלן זיין גלייך צו די פאַרגאַנגענע. בנוגע צו זיין פסיכישער זייט אָבער, צו זיין נשמה, דאַרף דער מענטש שטרעבן, אַז די יאָרן זיינע זאָלן זיך ענדערן. דער מענטש טאָר גייס־טיק נישט בלייבן שטיין אויף איין אָרט. זיינע געדאַנ־קען און געפילן מוזן כסדר מאַכן פאַרשריט און שטייגן, אויף וואָס אַמאָל העכערע מדרגות.

דעם געדאַנק וויל איך היינט אַ ביסל מער דער־קלערן.

— 2 —

ביכער פון עלעמענטאַרער באָטאַנישער וויסנשאַפט לערנען אונדז, אַז מיר קענען ציילן די יאָרן פון יעדן בוים. ווען מען זעגט איבער אַ בוים געפינט מען אין דער ברייט פון דעם האַלץ־שניט, אַזעלכע קיילעכדיקע רינ־גען אָדער קרייזן, וואָס נעמען אַרום איינער דעם צווייטן און רינגלען אַרום איינער דעם צווייטן. אָט די רינגען און די קרייזן זענען דאָס די יאָרן פון דעם בוים. אין יעדער יאָר קומט צו צום בוים אַ נייער רינג, אַ נייער קרייז. דערפאַר ווען מען ציילט איבער די רינגען אין דעם האַלץ־שניט פונעם בוים, ווייסט מען דאָן גענוי, וויפל דער בוים איז אַלט.

ווי באַקאַנט, פאַרגלייכט אונדזער תורה דעם מענטש צו אַ בוים. „כי האדם עץ השדה", זאָגט דער פסוק (דברים כ" י"ט), דער מענטש איז ווי אַ בוים וואָס וואַקסט אין פעלד.

אָבער דאָך איז דער מענטש אַנדערש ווי דער בוים, אין אַ סך זאַכן. דער בוים טראָגט זיינע יאָרן אָפן און בולט פאַר יעדן. ביים בוים קען יעדער אָפציילן גענוי, ווי אַלט ער איז; דער מענטשלעכער געבוי דאַקעגן, ווייזט כלל נישט קיין בולט"ע אָדער אָפענע סימנים פון זיינע יאָרן. קיינער קען נישט דערקענען ביים מענטש

גענוי, ווי אַלט ער איז: דער מענטש ווייזט נישט פאַר יעדן די צאָל פון זיינע יאָרן אַזוי גענוי, ווי עס טוט דאָס דער בוים. דאָס מענטשלעכע פּנים נאַרט אָפּ. פאַר־שידענע מיטלען זענען פאַראַן, דורך וועלכע מען קען באַהאַלטן דאָס עלטער פון אַ מענטש און בלויז פון דעם געזיכטס אויסזען זיינעם, קען מען קיינמאָל נישט באַ־שטימען, ווי אַלט אַ מענטש איז.

דאָס איז נאָך נישט דאָס גאַנצע עס איז דאָ נאָך אַ גרויסער אונטערשיד צווישן מענטש און בוים. אַ טיפע־רער און אַ שטאַרקערער חילוק.

ביים בוים דערקענען בלויז די דרויסנדיקע, די אַנ־דערע זיינע יאָרן. דער בוים גופא דאַקעגן, ווייסט כלל נישט, ווי אַלט ער אַליין איז. דער בוים פאַרמאָגט נישט קיין זעלבסטבאַוווסטזיין. ער איז בלויז מאַטעריע און איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פון נאַטור. דערפאַר לייגט די נאַטור אַליין אַרויף אויף אים דעם חותם פון יאָרן. זי, די נאַטור איז די אַלייניקע בעל בית'טע איבער דעם בוים, שאַפט זי אים יעדעס יאָר אַ נייעם רינג, אַ נייעם קרייז, כדי אַלע זאָלן וויסן ווי אַלט דער בוים איז און ער אַליין ווייסט כלל גאָר נישט פון דעם.

ביים מענטש איז פונקט פאַרקערט. די דרויסנדיקע, די אַנדערע קענען קיימאָל נישט וויסן, ווי אַלט דער מענטש איז. די נאַטור לייגט נישט קיין שום פינקטלעכן חותם, אויף דעם מענטש'ס יאָרן. זי נאַרט אַפילו אָפּ בנו־גע צו זייער סכום. דערפאַר אָבער ווייסט דער מענטש

אליין, גאנץ געגוי ביי זיך, אין זיין באוווסטזיין, ווי אלט ער איז. כאטש דער מענטש איז א טייל פון דער נאטור און איז געקניפט און געבונדן מיט איר, איז ער דאך נישט אינגאנצן אפהענגיק פון איר, און אוודאי, און אוודאי נישט פארשקלאפט צו איר. ער קען דערפאר אליין און טאקע אויסשליסלעך אליין, זיך מאכן א חשבון פון זיינע יארן, גאנץ אומאפהענגיק פון דער נאטור.

דער מענטש איז א קאמבינאציע פון נאטור און מענטש און איז אזוי געשאפן, אז דאס מענטשלעכע, וואס איז אין אים, איז תמיד בכח צו באקעמפן דאס נאטירלעכע, וואס איז אין אים.

די נאטור אליין פארמאגט נישט קיין שום קאמף. נישטא אין איר נישט קיין גוטס און נישט קיין שלע כט׳ס. אין דער נאטור גופא, ווידערהאלן זיך די יארן, גלייך איינס צו דעם צווייטן, ווי די גלייכע רינגען און קרייזן פון א בוים. נישטא אין דער נאטור קיין שום שינויים און ענדערונגען. נישטא קיין סתירה צווישן אינסטינקט און פליכט. נישטא איז דער נאטור, קיין חר־טה, קיין געוויסנסביסן, קיין מאראלישע פרינציפן דארט איז אלעס געזעץ, אן אינסטינקט, וואס ווערט פינקט־לעך און געטריי דורכגעפירט.

דער מענטש דאקעגן איז פול מיט ענדערונגען, מיט ווידערשפרוכן און סתירות. דאס גאנצע מענטשלעכע לעבן איז איין לאנגער קאמף, איין לאנגער געראנגל, צווישן פארשידענע כוחות אין אים גופא. די יארן ביים

מענטש מיינען נישט בלויז די צייט אַליין, נאָר זיינע מעשים, זיינע איבערלעבונגען. און זיי, די מענטשלעכע מעשים, די איבערלעבונגען, זיי זענען קיינמאָל נישט גלייך איינע צו דער צווייטער, און דערפאַר הייסט אַ ניי יאָר פאַר דעם מענטש, פאַר זיין פּסיכישער זייט, אַן אַנדער יאָר גאַנץ פאַרשידן פון דעם, וואָס עס איז אַוועק.

— 3 —

דער יידישער ראש השנה איז דערפאַר מיט רעכט אַ טאָג פון חשבון הנפש, אַ חשבון פון די מעשים, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אַ גאַנץ יאָר. דער צוועק פון דעם חשבון איז: זיך צו ענדערן, זיך צו טוישן, צו ווערן אַליין אַן אַנדערער מענטש.

חז״ל אין מדרש שטעלן זיך אָפּ און פרעגן, פאַר־וואָס ביי די קרבנות, וואָס יידן האָבן מקריב געווען אין ראש השנה, שטייט נישט והקרבתם נאָר ועשיתם. הא כיצד? אמר הקב״ה מעלה אני עליכם, כאילו היום נע־שיתם לפני, כאילו היום בראתי אתכם בריאה חדשה. — אין ראש השנה דאַרף יעדער ייד זיך באַטראַכטן, ווי ער וואָלט ערשט היינט געבוירן געוואָרן, ווי ער וואָלט ערשט היינט אויפסניי געשאַפן געוואָרן.

דער יסוד פון יידישקייט איז, אַז דער מענטש איז כלל נישט געבונדן מיט זיין נאַטור, מיט זיין געוווינטקייט, נאָר איז גאַנץ פריי אין זיינע מעשים. ער קען צו יעדער צייט זיך ווילן אַ נייעם וועג, וועלכער זאָל גאָר נישט

זיין ענלעך צו דעם, אויף וועלכן ער איז ביז היינט געגאַנגען.

יעדן שבת באַנייט זיך דער טרייער יידישער ייד. ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ זיינע וואָכעדיקע קליידער, טובלט זיך, טוט אָן נייע בגדים, און ווערט אַ נייער מענטש. דאָס וואָרט חודש אין העברעיש מיינט אויך באַנייאונג, און אוודאי מוז יעדער ייד זיך בכלל באַנייען אין ראש-השנה.

קיינער פון אונדז מענטשן איז נישט ריין פון זינד. פאַר יענעם קענען מיר אָפּט פאַרלייקענען אונדזערע אייגענע חטאים, אָבער פאַר זיך אַליין קען מען גאָר נישט פאַרלייקענען. ביי זיך ווייסט יעדער זיינע אייגענע שוואַכקייטן, אָבער ער איז אומשטאַנד זיי צו באַהערשן.

יידישקייט האָט קיינמאָל נישט געפירט קיין שום מלחמה קעגן גשמיות׳דיקן לעבן, קעגן קערפּערלעכע פאַרגניגנס, ווי דאָס האָבן געטאָן כסדר און סיסטעמאַטיש אַלע אַנדערע רעליגיעס, להבדיל. יידישקייט האָט זיך פון, תמיד אָן געהאַלטן אין אַ גאַנץ אַנדערן פּרינציפּ. מיר האָבן אַריינגעברענגט הייליקייט, אין דעם טאָג טעג-לעכן פּשוט׳ן לעבן.

עסן און טרינקען איז זיכער נישט קיין רוחניות, קיין גייסטיקע טעטיקייט. דאָס איז אַ ריין גשמיות׳דיקער באַדאַרף און פאַרגניגן. אָבער עס קען דערהויבן ווערן און געהייליקט ווערן.

דאָס עסן פון אַ מענטש קען דעם מענטש דערנידע-

ריקן ביז צו טומאה און פאַרדאָרבנקייט, און עס קען אים אויך אַרויפברענגען ביז צו קדושה און דערהויבנקייט.

יידן פון מעקסיקע געדענקען נאָך גאַנץ גוט, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דאָס טעגלעכע עסן פון אַ יידישן ייד. דאָס וואַשן זיך, דאָס מאַכן אַ ברכה, דאָס איינלאַדן אַ אורח צום טיש, דאָס רעדן אין לערנען בשעת דעם עסן, און דאָס בענטשן נאָך דעם עסן. דאָס אַלעס האָט ממש געהייליקט דעם ייד און געברענגט הייליקייט אין זיין גאַנצן לעבן.

מען קען נישט פאַרלאַנגען צו זיין היינט, אַזוי ווי מיר זיינען געווען אַמאָל. אָבער דאָך, צו זינקען אין טומאה און אין אויסגעלאַסנקייט, איז אַ בושה.

לאָמיר באַשליסן פון דעם נייעם יאָר אָנצוהויבן אַ גאַנץ נייעם וועג. פאַרגעסן אין דעם, וואָס עס איז געווען און אָנפאַנגען אַ לעבן מיט אידעאַל; אַ לעבן מיט אחריות פאַר זיך אַליין און פאַר קומענדיקע דורות. לאָמיר פון היינט אָן וויניקסטנס נישט ברוטאַל טרעטן מיט די פיס אויף די הייליקייטן, פאַר וועלכע מיר זענען געגאַנגען אין וואַסער און אין פייער. און מיר וועלן באַגליקט ווערן מיט אַ גוט, געבענטשט יאָר.

ראש-השנה

דער אָנהויב פון יאָר ביי יידן, איז די צייט, אין וועלכער יעדער מענטש האָט די געלעגנהייט, זיך צו פאַרטראַכטן, ווי ער האַלט אין זיין מאָראַלישער וועלט. יידישקייט קוקט אויף דעם לעבן, מיט אַ בליק פון קדושה. קומט אַ ניי יאָר, בעגינט אַ ניי לעבן זענען די ערשטע טעג פון נייעם יאָר, אינגאַנצן געווידמעט, פאַר דעם העכסטן צוועק, פון פאַרשטאַרקן און אויפהויבן די מאָראַל אין מענטשן. אָנהויב פון יאָר מיינט דערפאַר, ביי אונדז, אַן איבערבליק איבער די פאַרגאַנגענע 12 חדשים און אַ חשבון, וואָס דער מענטש האָט דערגרייכט, אין טאָן גוטס; בעיקר אָבער, אַ חשבון פון דעם, אין וואָס ער איז אַדורכגעפאַלן, אין דעם יאָר. ווי אונדזער חכמי המוסר זאָגן, מיינט ראש השנה, אַן אָרונטערציאונג פון אַ סך הכל, — אַ מאָראַלישע בוכהאַלטעריע פון מעשים, פון אַ גאַנץ יאָר.

יידישע פילאָזאָפיע האַלט, אַז צייט איז בלויז אַ מענטשלעכער באַגריף. פאַר דעם רבונו של עולם, עקזיסטירט נישט קיין צייט און נים קיין רוים. ג-ט איז

אייביק און אומענדלעך. אין די תפילות פון ראש השנה זאָגן מיר: אין קץ לשנותיו; נישטאָ קיין סוף צו זיינע יאָרן. בלויז דער מענטש איז באַגרענעצט אין צייט. זיין לעבן איז קורץ. ער קאָן נישט אַמאָל, אפילו באַגרייפן די אייביקייט. דערפאַר מוז דער מענטש, זיין קורצן לעבן, טיילן אין יאָרן. ער דאַרף זיינע יאָרן אויסשטעלן, ווי די מייל שטיינער, וואָס שטייען אויף אַ וועג. פונקט ווי אַ מענטש, וואָס גייט דורך אַ שטרעקע אין רוים, שטעלט אַוועק נאָך יעדן שטיק, אָפּגעגאַנגענעם וועג, אַ מייל שטיין, כדי צו וויסן, וויפיל מייל, ער איז שוין אָפּגעגאַנגען; אַזוי, דאַרף יעדער מענטש זיך אַוועקשטעלן, מייל שטיינער אין דער צייט; דאָס זענען די יאָרן, כדי צו געדענקען, וויפל צייט-טיילן, ער איז שוין אַדורכגעגאַנגען. און פונקט אַזוי ווי: ווען אַ מענטש גייט אין וועג, ווייס ער ניט, וואָס עס וועט געשען, בשעת ער וועט אַריין אין נעכסטן מייל; ער ווייסט בלויז, וואָס עס איז מיט אים געשען, אין זיין שוין אַדורכגעגאַנגענעם וועג, אַזוי איז אויך מיט דעם וועג, וואָס דער מענטש מאַכט אין דער צייט. קיינער ווייסט נישט, וואָס דער מאָרגן קען אים ברענגען; יעדער טריט אין דער צוקונפט, איז פאַרהילט אין אַ פאַרנעפּלטן שלייער. אין ראש השנה, זאָגן דערפאַר יידן ניט פאַרוים דאָס, וואָס וועט געשען; זיי ווענדן ניט זייער בליק אין דער צוקונפט; נאָר קוקן זיך קודם גוט צוריק, צום אַדורכגעגאַנגענעם וועג; דאָס הייסט, זיי לערנען פון דער פאַר-

גאנגענהייט, כדי צו וויסן, ווי זיך נוהג צו זיין, אין דעם עתיד.

זייער אינטערעסאנט איז דער פארגלייך פון ראש השנה, אלס א גרענעץ אין דער צייט, צו א רייזע, וואס א מענטש מאכט, איבער א גרענעץ פון א לאנד. מיר לעבן אין א מאדערנע צייט. פעלקער פון דער וועלט האבן איינגעפירט, א זייער פינקטלעכע ארדנונג, צו קאנטראלירן די גרענעצן פון יעדער מדינה. ווען א מענטש, וויל היינט מאכן א רייזע, אויסער די גרענעצן פון דער מדינה, אין וועלכער ער רעזידירט, מוז ער דערליידיקן א גאנצע רייע פון פארמאליטעטן, וואס זענען איינע, אנדערש פון דער צווייטער.

קודם כל מוז ער האבן א פאספארט. אן א פאספארט, קען ער קיין איין שריט, אויסער דער גרענעץ נים מאכן. אבער א פאספארט באקומט מען נים אזוי לייכט. כדי צו באקומען א פאספארט, מוז מען האבן פארשידענע באשייניקונגען; א צייגניש פון דער פאליציי, אז מען איז מאראליש שולדלאז; אז מען האט זיך אין לאנד אויפגעפירט אנשטענדיק און מען איז נים באפלעקט. דאן א צייגניש אז מען האט אפגעצאלט אלע התחייבות; נים שולדיק קיין שטייער, און אזוי ווייטער. דאן אויך א צייגעניש פון א דאקטאר, אז מען איז נים באלאסטעט מיט קיין עפידעמישער קראנקהייט, — אז מען איז געזונט.

ווען מען האט דעם פאספארט, דאמאלס, דענקט מען

אריין מיט וואָס אריבער צו פאָרן די גרענעץ: צו מיט א שיף, צו מיט דער באַן, צו מיט דעם עראָפּלאַן. דעצי־דירנדיק זיך, מיט וואָס צו מאַכן די רייזע, מוז מען דאַן ערשט זיך קויפן א קארט, ווייל אָן א קארט וועט מען קיינעם ניט מיטנעמען.

האָבנדיק שוין אַלעס: א פּאַספּאָסט, א שיף און א קארט, הויבט זיך ערשט אָן א גאַנצע רעוויזיע פון דעם באַגאַזש, וואָס מען פירט מיט זיך, וואָס פאַר א סחורה מען פירט, ווו מען האָט זי געקויפט און וויפל מען האָט באַצאָלט פאַר איר, וכדומה.

מיר, יידן האָבן די זעלבע אָרדענונג און די זעלבע פאָרמאַליטעטן, נאָר ניט בנוגע צו א רייזע פון לאַנד צו לאַנד, נאָר בנוגע צו דער רייזע, וואָס יעדער ייד מאַכט אין דער צייט, פון איין יאָר צו א צווייט יאָר. ראש השנה, זאָגן אונדזערע מוסר ספרים, איז אויך א רייזע; א גרויסע רייזע; עס איז א נסיעה אין דער צייט. מיר גייען אריבער א צייט־גרענעץ, מיר פעקלען זיך אריבער, פון איין יאָר צו א צווייטן. ביי א נסיעה איבער א גרענעץ, פאָדערט זיך דערפאַר צו דערלעדיקן פאַרשידענע פאָרמאַליטעטן; מען מוז האָבן א פּאַספּאָרט, א רייזע־באַשייניקונג. מיר באַזאָרגן זיך דערפאַר א כתיבה וח־תימה טובה; גאַנץ חודש אלול, ווינטשט מען זיך א כתיבה וחתימה טובה; דאָס הייסט, צו באַקומען אַן אונ־טערגעשריבענעם דאָקומענט, פון דעם בית דין של מעלה, וועלכער זאָל אונדז באַרעכטיקן צו דער נסיעה.

כדי דעם דאָקומענט צו באַקומען. מוזן מיר אויך האָבן פאַרשידענע באַשייניקונגען; מיר מוזן האָבן אַ באַשטעטיקונג, טאַקע פון אונדז אַליין, פון אונדזער געוויסן, אַז מיר האָבן זיך אויפגעפירט אַנשטענדיק, אַז מיר זענען מאָראַליש ניט באַפלעקט. מיר מוזן אויך וויסן, אַז מיר האָבן באַצאָלט אַלע אונדזערע חובות, וועלכע מיר האָבן לגבי מענטש, געזעלשאַפט און פאָלק. אויך, אַז מיר זענען ניט אָנגעשטעקט, מיט עפּעס אַן עפּידעמיש-גייסטיקער קראַנקהייט.

מיט אונדזער כתיבה וחתימה טובה, מוזן מיר דאַן האָבן אַ שיף, מיט וועלכער מיר זאָלן אַריבער די גרענעץ, אין דער צייט, דאָס איז אונדזער מקום קדוש, אונדזער שול, אונדזער בית תפילה; די שיף, וואָס איז אַזוי אויסגעפּרוווט, זייט טויזנטער יאָר. אין דער שיף, זענען יידן אַדורכגעגאַנגען געפערלעכע גרענעצן, אין דער צייט. זיי זיינען פאַרזיכטיק אַדורכגעגאַנגען, גאַנצע צוויי-טויזנט מייל שטיינער, איבערלאָזנדיק אונטערן זיך, בית עלמינס פון ריזיקע אימפּעריעס, וועלכע זענען שטורמיש, אין ריזיקע אייזערנע שיפן געפלויגן אין די צוקונפט. אונדזערע שולן און בתי תפילה, וועלכע זענען געבויט מיט קדושה און טהרה, מיט תורה און גמילות חסדים, זענען די זיכערסטע סגולה און די בעסטע גאַראַנטיע, דורכצוגיין אין זיי, אַלע צייט גרענעצן; זיי פאַרזיכערן אויך דעם קיום און המשך, פון דעם גאַנצן פאָלק.

מיר דאַרפן אויך אונטערזוכן דעם באַגאַזש, וואָס מיר

ווילן אדורכפירן די גרענעץ. מיר האבן פארשידענעם באגאזש. מיר האבן כשרע סחורה און טריפהנע סחורות. ביים קאנטראלירן אונדזערע פעקלעך, זעען מיר, מיט אונדזערע אייגענע אויגן א סך זאכן, איבער וועלכע מיר מוזן זיך קלאפן אין הארצן. מיר מוזן זען צו קענען אזוי אדורך, אז מיר זאלן ניט שווער באשטראפט ווערן, אדער חלילה ניט זיין באדראט, מען זאל אינגאנצן קאנפיסקירן אונדזער סחורה... מענטשלעכע קאנטראל באאמטע, קען מען צומאל אונטערקויפן. אבער ביי דער רייזע אין דער צייט, אין נייעם יאר קען מען קיינעם ניט אונטערקויפן; דארט איז הכל גלוי וידוע...

דערפאר, ווען עס קומען די ימים נוראים, האבן מיר, די ערלעכסטע און דערהויבנסטע, כוונות און מאטיוון. מיר זעען איין א סך פעלערן, וואס מיר האבן אין משך פון יאר געמאכט. אבער איין זאך טוען מיר פארגעסן. מיר פארגעסן. אז מיט א יאר צוריק, האבן מיר אויך דאס זעלבע געהאט; אויך דאמאלס, האבן מיר איינגעזען אונדזערע פעלער; אויך דאמאלס, האבן מיר גענוי קאנטראלירט אונדזערע מעשים און מיט ערלעכע כוונות און מחשבות, גענומען אויף זיך, אלץ צו פארריכטן; ליידער אבער, האבן די כוונות און מחשבות ניט געפירט צו מעשים; אונדזערע פלענער פאלן, אלס קרבנות, פון דער מענטשלעכער שוואכקייט.

זאלן מיר אלע, ערנסט באטראכטן אונדזער מצב, זאל די באטראכטונג אונדז ברענגען צו גוטע מעשים, פאר אונדזער ישוב און פאר כלל ישראל.

יום-כיפור

(אַ פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג)

יום-כיפור, וואָשט אָפּ דעם גייסטיקן שמוץ, וואָס זאַמלט זיך אָן, אין דער מענטשלעכער נשמה און רייניקט דעם מענטש פון זיינע זינד.

שכל׳דיק, איז דאָס גאַנץ אומפאַרשטענדלעך. דער שכל באַגרייפט נישט, ווי אַזוי מען קען בכלל, אָפּווישן געשעענע פאַקטן; ווי אַזוי מען קען ריין ווערן פון פאַקטיש, אָפּגעטועגע זינד?

אויף דעם פּראָבלעם, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אונדזערע חכמים. מערקווירדיק: חז״ל האָבן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, פאַרענטפערט די פראַגע, מיט אַ תירוץ, וועלכער איז היינט, כמעט דער יסוד פון מאָדערנער פילאָזאָפיע.

מען קען אָפּווישן אפילו אָפּגעטועגע זינד, — זאָגן חז״ל — ווייל. תשובה קדמה לבריאת עולם. תשובה איז געשאַפן געוואָרן, נאָך פאַר דעם וועלט-באַשאַף. תשובה, איז געשאַפן געוואָרן, נאָך איידער דער מענטש איז אויף

דער וועלט געקומען. תשובה, איז דערפאַר פריער, פאַר דעם מענטשלעכן שכל. ווען דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, איז דער באַגריף פון תשובה שוין געווען; דער כח, צו קענען אָפּשטעלן דעם עבר און אָנהויבן אַ נייעם עתיד; דער כח, אַז צו יעדער צייט, זאָל קענען קומען אַ גאַנץ נייע דערנייערונג, אַזוי, אַז דער עבר זאָל אינגאַנצן פאַרשווינדן, דער כח, איז עלטער פון דעם מענטשן לעבן באַשאַף.

ווען מען באַקענט זיך מיט דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע, דערוויסט מען זיך, אַז דער דערמאָנטער געדאַנק פון חז"ל, איז געווען גאַנץ פרעמד, פאַר די וועלטלעכע פילאָזאָפן. ערשט אין דער נייער צייט הויבט מען אָן, אין דער וועלטלעכער פילאָזאָפיע צו אָפּערירן, מיט דעם דערמאָנטן געדאַנקען-גאַנג פון אונדזערע חז"ל.

דער פשוטער בשר ודם רעדט זיך איין, אַז די גאַנצע מעשה גייט אים גאָר נישט אָן. אין זיין טאָג טעגלעכן לעבן, איז אים די פראַגע קיין שום שטער נישט. עס דאַכט זיך אים, אַז ער קען זיך אויסלעבן, אַלע זיינע יאָרן און זיך אַפילו נישט אינטערעסירן מיט דער פראַגע. אין אמת'ן אָבער, איז דער ענין אַזאַ מין אַקטועלער, אַז עס איז ממש נישטאָ קיין איין פונקט אין לעבן, וואָס זאָל נישט זיין געבונדן מיט דעם פראָבלעם.

ווען מען נעמט דאָס לעבן פון אַ פשוט'ן, איינצעלנעם מענטש און מען פאַרטראַכט זיך אַ ביסל, מוז מען זיך שטעלן די פראַגע: זענען די אַלע דערשיינונגען פון דעם

לעבן, די פריידיקע און די טרויעריקע, בלויז צופאלן, אדער זענען זיי געוויסע קאנסעקווענצן פון פריער באַ־שטימטע אורזאכן; איז אן עקסידענט פון אן אויטא, א אולסטער אין מאגן, א געלונגען געשעפט, אדער א גוטער שידוך, א צופאל, אדער א קאנסעקווענץ פון אן אורזאך, וואס האט עקזיסטירט פריער? וועלטלעכע פי־לאזאפיע איז געבויט אויף דעם שכל. דער שכל דיקטירט, אז אלצדינג, וואס עס איז פאראן אין דער וועלט, האט אן אורזאך. דער שכל קען נישט דענקען אנדערש, ווי נאר אין קאטעגאריעס פון אורזאך און קאנסעקוועניץ. די נאטור פון דעם מענטשלעכן פארשטאנד קען זיך נישט פארשטעלן קיין שום זאך, אן א פארוואס. קיין שום זאך, קען נישט געשען צופעליק, בלויז דערפאר, ווייל איך האב אזוי געוואלט. אויך דער ווילן פון דעם מענטש, האט א פארוואס, דער מענטש וויל נישט, סתם אזוי, אין דער וועלט אריין. אויב ער וויל עפעס, איז ביי אים פאראן א פארוואס. אפילו שטימונג פון א מענטש, מוז האבן א פארוואס, וואס לייטעט מיט דער שטימונג. לויט דעם מענטשלעכן שכל, קען קיין שום נייאיקייט אין דער וועלט נישט פארקומען. א נייער באשאף איז אוממעגלעך. דער שכל האט אנגענומען אן אקסיאמע, וועלכע לויטעט: פון גאר נישט, קען גאר נישט געבוירן ווערן. ממילא מוז יעדע זאך, וואס געשעט, געבוירן ווערן פון עפעס. דער עפעס, איז דאס די אורזאך פון יעדן געשעעניש. פון דעם קומט אויס, אז אלעם געשעט, לויט א געוויסן פראגראם,

לויט געוויסע סיבות, וואָס ברענגען אַרויס אַלע דערשיינונגען. דער בוים, למשל, וואַקסט, ווייל די נאַטור געזעצן צווינגען אים צו וואַקסן. אויך דער מענטשן טוט אַלצדינג, וואָס ער טוט, דערפאַר, ווייל געוויסע נאַטור־כוחות טרייבן אים דערצו.

אַזוי זאָגט פילאָזאָפיע, וואָס אָפּערירט מיט דעם שכל. אָבער דער מענטש, האָט אויסער זיין שכל, אויך אַ געפיל, אַן אינטואיציע און די אינטואיציע, זאָגט דעם מענטש אַנדערש. יעדער מענטש פילט אינערלעך ביי זיך, אַז ער איז נישט קיין שקלאַף פון עפּעס דרויסנדיקע אורזאַכן; ער איז נישט פאַרקויפט צו קיינעם; ער איז פריי. דער פרייהייטס־געדאַנק איז ביים מענטש שטאַרק און ער וועט זיך נישט לאָזן איינרעדן, אַז ער קען נישט טאָן, ווי ער וויל. אויך דאָס טאָג טעגלעכע לעבן ווייזט, אַז דער מענטש איז פריי. אויב דער מענטש מוז טאָן, ווי דאָס נאַטור געזעץ באַשטימט; ער מוז וועלן און מוז דענקען, ווי עס איז פאַר אים באַשטימט פון פריער, דאַן צו וואָס זיך צו ברעכן דעם קאָפּ, וואָס עס איז בעסער, וואָס עס איז וויכטיקער, אָדער וואָס עס איז גערעכטער? סיי ווי, וועלן מיר דאָך מוזן טאָן, ווי עס איז באַשטימט פון דעם נאַטור־געזעץ?

וועט מען אפשר זאָגן: טאַקע אַזוי! אַ שאָד די אַרבעט! עס וועט סיי ווי געשען דאָס, וואָס עס דאַרף געשען. פילט אָבער יעדער, אַז דאָס איז ממש נאַריש. דאָס איז אַ שטיינערנער פאַטאַליזם פון אַ ווילדן אַראַבער,

וואָס ליגט אין זאַמד אין דער מדבר און זאָגט: אַזוי וויל אַללאַ.

די פראַגע איז אָבער נישט געבונדן, בלויז מיט דעם לעבן פון דעם איינצלנעם מענטש, זי איז דער וויכטיקסטער פונקט אין דער מאָדערנער סאָציאָלאָגיע.

מאָדערנע סאָציאָלאָגיע באַהויפּטעט, אַז אַלע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, אָרגאַניזאַציעס, פעלקער, מלחמות און סאָציאַלע דערשיינונגען, זענען קאָנסעקווענצן פון געוויסע דרויסנדיקע סבות. נישט די מענטשן באַשטימען זייערע סאָציאַלע אָרדנונגען, נאָר געוויסע אורזאַכן צווינגען די מענטשן, אַז זיי זאָלן זיך איינריכטן אַזוי, ווי זיי ריכטן זיך איין. אין אַנדערע ווערטער הייסט דאָס: די מענטשן פירן זייער צוזאַמענלעבן, נישט לויט דעם, וואָס זיי ווילן און וואָס זיי דענקען, נאָר פאַרקערט: זיי ווילן און זיי דענקען, לויט דעם, ווי די עקאָנאָמישע און מאַטעריעלע באַדינגונגען צווינגען זיי דערצו. דאָס מיינט ווייטער, אַז די מענטשן באַקומען זייערע ווילנס און זייערע געדאַנקען לויט דעם, וואָס די עקזיסטירנדיקע פאַרהעלטענישן דיקטירן זיי.

די שיטה שטייט אָבער, אין ווידערשפּרוך מיט דעם געדאַנק פון רעוואָלוציע. עדוואַרד בערנשטיין פרעגט: אויב אַזוי, זענען דאָך די רעוואָלוציעס אַ נאַרישקייט, סיי ווי, וועלן מענטשן איינריכטן זייערע געזעלשאַפטן, לויט די דרויסנדיקע פאַרהעלטענישן. צו וואָס רעוואָלוציעס?

אין דער לעצטער צייט, איז די פראַגע איבערגעגאַנ־

גען צום פּראָבלעם פון דעם גאַנצן קאָסמאָס. ד״ר אָפּענ־היימער האָט פּלוצים דערקלערט, אַז גאָר אַלע מאַטעמאַ־טישע פאָרמולעס; אַלע געזעצן פון ניוטאָן און אַלע מאָ־דערנע אינסטרומענטן, קענען באין אופן נישט דערקלערן דאָס געהיימניש פון וועלט. עס איז זיכער פאַראַן אַ גע־היימניש, אַ סוד אין דעם וועלט באַשאַף. אָבער די ביז־איצטיקע וויסנשאַפט, איז נאָך נישט אימשטאַנד, אפילו אויף אַ האָר, דעם סוד צו דערקלערן, די אַטאָמישע פּי־זיק באַווייזט בולט, אַז דער אופן פון דער ביז איצטי־קער וויסנשאַפטלעכער לאָגיק, איז פאַלש. די אויפפירונג פון דער אַטאָמישער וועלט, איז קעגן יעדן שכל און קעגן יעדער לאָגיק. אין דער אַטאָמישער וועלט, זעט מען, אַז אַלצדינג, וואָס מיר האָבן ביז היינט אָנגענומען פאַר לאָגישן אמת, איז נישט וואָר.

לויט נייער מאָדערנער פילאָזאָפיע, זעט עס אויס, אַז די וועלט שטרעבט צו אַן אַלגעמיינעם אויסגלייך פון די פיזיקאַלישע כוחות. דער אוניווערס, דערנענטערט זיך כסדר צו אַן אויסגלייכונג פון אַלע פאַרשידנקייטן; און אויב אַזוי, מוז קומען צו אַ סוף, צו אַן ענדע פון דעם ציל. סוף סוף, וועט אַזאַ אַלגעמיינע אויסגלייכונג קומען. אַלס אַ פּועל יוצא פון דער שטרעבונג, וואָס עקסיסטירט אין קאָסמאָס. ווען אָט דער צושטאַנד, וועט דערגרייכט ווערן, וועט דאָס הייסן, אַז דער אוניווערס האָט מער נים וואָס צו טאָן, במילא וועט דער אוניווערס מוזן אָפּ־געשטעלט ווערן.

פון דער שיטה אַרויסגייענדיק, מוז מען אָננעמען, אַז דער אוניווערס האָט אַ באַשטימטן סוף. אויב ער האָט אַ סוף, מוז ער האָבן אויך אַן אָנפאַנג: אויב ער שטרעבט צו אַ ציל, האָט מען אים אַמאָל אַוועקגעשטעלט אַ ציל; און דערפאַר, מוז מען צוגעבן, אַז דער אוניווערס איז געשאַפן.

לפי זה קומט אויס, אַז דער ציל פון דעם אוניווערס, וואָס מען דערקענט אים שוין היינט, צווינגט אָנצונעמען: אַ וועלט באַשאַף; אַ וועלט באַשאַף צווינגט אויך אָנצונעמען, אַ וועלט ענדע. עס איז בלויז מעגלעך, אַז דער אוניווערס זאָל ביים סוף, באַקומען עפּעס אַ נייעם ציל און דאַמאָלט, וועט זיך אָנהויבן אַ נייע וועלט־דראַמע.

מאָדערנע פילאָזאָפיע שטייט היינט פאַר אַ פּראָבלעם: צו וועט די וועלט שפּילן נאָכאַמאָל אַ נייעם ספּעקטאַקל, אָדער וועט זי אונטערגיין איינמאָל פאַר אַלע מאָל?

ווי איר זעט, איז די פראַגע: צו איז פאַראַן אַ דערנייערונג אין דער וועלט, אַ פראַגע וואָס באַרירט, אַזוי דעם יחיד, ווי דעם כלל און אויך דעם קאָסמאָס.

יידישקייט האָט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געזאָגט, אַז: תשובה קדמה לבריאת עולם; נאָך פאַר דעם וועלט באַשאַף איז געשאַפן געוואָרן אַ כח, וועלכער קען צו יעדער צייט אָנהויבן אַ נייעם עתיד.

דער אינדיווידועלער מענטש, קען צו יעדער צייט, אָנהויבן אַ ניי לעבן, יש קונה עולמו בשעה אחת; אין איין שעה, קען אַ מענטש זיך דערווערבן אַ נייע לעבן; ער

קען זיך ערנייערן. אויך די געזעלשאַפט, איז נישט פאַר־שטיינערט, אין איר פאָרם. עס ליגט אַ גרויסער אמת, אין דעם פאַרוואורף, וואָס מען מאַכט אונדז, אַז מיר יידן זענען גענייגט צו רעוואָלוציעס. מיר גלויבן אין דעם, אַז מען קען דערנייערן, מען קען, דורך רעוואָלוציע, עפ־נען דעם וועג, פאַר דעם כח, וואָס ליגט אין דעם כלל, צו דערנייערונג. אויך דער קאָסמאָס, ווען ער וועט פאַר־ענדיקן זיין ציל, זיין תכלית, וועט זיך ערנייערן, צו אַ נייעם ציל, צו אַן עולם שכולו שבת. דער כח, איז גע־שאַפן פון פאַר דער בריאה.

נישט אומזיסט איז ביי אונדז דער באַגריף פון תשו־בה, געבונדן מיט שבת. דער מענטש, וואָס אַ גאַנצע וואָך איז ער פאַרזונקען אין וואָכעדיקייט, קען יעדן שבת ווערן, אַ נייער, גאָר אַנדערער מענטש. ער האָט אַ נשמה יתירה, אַן אַנדערן גייסט: ער פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פרינץ, אין דעם באַשטייט דער סוד פון יידישקייט. מען טאָר נישט אומאויפהערלעך, גיין אין געשפאַן פון אַל־טעגלעכקייט; מען קען נישט זיין אייביק אַ פאַריאָגטער אין דעם וואָכנדיקן לעבן; און כסדר קעמפן פאַר פוסט־קייט און זינלאָזיקייט פון לעבן.

איין מאָל אין יאָר, אַ שטריך איבער דער גאַנצער וואָכעדיקייט! געדענקען, אַז דער כח איז דאָ, אַזוי ביים יחיד, אַזוי ביים כלל און אַזוי ביים גאַנצן אוניווערס.

כל-נדרי...

וועלכער ייד איז אומשטאַנד גלייכגילטיק בייצושטיין דעם צויבער און די קראַפט פון דער כל-נדרי מעלאָדיע?...

אין וועלכן יידישן האַרץ רופט זיך נישט אָפּ ביים כל-נדרי ניגון, דער עכאָ פון איבערלעבענישן און געשעע־נישן, וואָס נישט בלויז מיר אַליין, נאָר אויך אונדזערע עלטערן האָבן זיי אַדורכגעלעבט?...

צי ווייסן מיר דען אפילו, ווו און ווען די מעלאָדיע איז געשאַפן געוואָרן?

צי ווייסן מיר כאָטש אפילו, ווער עס איז געווען דער מחבר פון דעם טעקסט פון כל-נדרי?

פון דעם רבנישן און פון דעם הלכה'שן שטאַנדפּונקט, האָבן די ווערטער פון כל-נדרי ניט קיין שום געזעצלעכע באַרעכטיקונג. זיי האָבן אפילו נישט קיין ריכטיק לאָגישן אָדער שכלדיקן פּירוש.

פּראָזאַאישע, אומפאַרשטענדלעכע ווערטער זענען זיי. און האָבן זוכה געווען צו בלייבן פאַראייביקט און צו באַהערשן די הערצער פון דורות, אַ דאַנק זייער מעלאָ־

דיע, וואָס רייסט זיך צום הימל, וואָס שפּאַלט וועלטן און צעברעכט נשמות...

איינס ווייזן מיר: כל-נדרי איז העכער פון אונדז, און העכער פון אונדזער פאַרשטאַנד. אין אים ליגט אונדזער נשמה; אונדזער פאָלקס-נשמה, וואָס האָט אין דער מע־לאָדיע געפונען איר ריכטיקן אויסדרוק — איר ריכטיקע פאַרקערפּערונג.

אין די דאָזיקע עטלעכע קלאַנגען זענען פאַרזונקען מיר אַליין און אונדזערע אַלע דורות. אין די קלאַנגען דריקן זיך אויס אַלע אונדזערע איבערלעבענישן פונעם עבר. דער גאַנצער צער פון דער פאַרגאַנגענהייט; אַט דאָס אַלץ, וואָס קען נישט דערזאָגט ווערן דורך ווערטער...

וויפל פאַרפאָלגונגען איז דער כל-נדרי מיט זיין מע־לאָדיע נישט אויסגעשטאַנען?

פרעמדע האָבן אים באַוווּנדערט, זיי האָבן זיך גע־שראָקן פאַר אָט די פראַזאַאישע ווערטער מיט דעם מיס־טעריעזן ניגון. זיי האָבן אויך דערשפּירט די ריזיקע מאַ־ראַלישע קראַפט פון דעם כל-נדרי, און מיט פאַרשידענע מיטלען האָבן זיי געפּרוּווט, אַזוי דעם טעקסט, ווי דעם ניגון צו פאַרשטומען און אָפּצווישן.

אויך אונדזערע אייגענע גאונים און פּוסקים, האָבן פיל מאָל — כדי פּטור צו ווערן פון בלבולים און פאַר־לוימדונגען — געפּרוּווט אומברענגען דעם כל-נדרי. (רא״ש סוף יומא, כלבו סי׳ ס״ח).

אָבער נישט די מאַכט פון פרעמדע און נישט די פאַר־

הייליקטע אויטאָריטעט פון אונדזוערע גאונים און פוסקים, זענען געווען אומשטאַנד צו דערדריקן די אומשטערבלעכע פאַרקערפּערונג פון יידישן פאָלקס-צער, פון יידישן פאָלקס-קרעכץ...

יאָרן גייען, יאָרן לויפן, און די קראַפט און דער צויבער פון כל-נדרי ווערט נישט קלענער.

ווי אַ ייד זאָל זיך נישט געפינען, אין וואָס פאַר אַ אומשטענדן ער זאָל נישט לעבן, איז גענוג ער זאָל דערהערן די קלאַנגען פון כל-נדרי און אין די טיפענישן פון זיין נשמה ציטערט עפּעס אויף. ער דערפילט אין זיך די אייביקע יידישע קראַפט, דעם כוח פון דער דורכגעלעבטער, אומפאַרשטענדלעכער יידישער געשיכטע...

— 2 —

כדאי צו דערמאָנען די פאָלגנדע, אַלגעמיין באַקאַנטע דערציילונג:

דער יידיש-געבוירענער היינריך היינע, האָט מיט זיין שאַרפער סאַטירע און בייסיקן וויץ, אויסגעלאַכט די גאַנצע מענטשהייט און אָפגעשפּאָט פון דער גאַנצער וועלט.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער געלעגן קראַנק אין זיין בעט, אָבער אויך דעמאָלט האָט אים זיין הומאָריסטישע מוזע נישט פאַרלאָזט.

איינמאָל אין דער נאַכט פון כל-נדרי, האָט אים זיין

אינטימסטער פריינט, דער קלאַסישער קאָמפּאָזיטאָר מענ־דעלסאָן, בערטאָלדי באַזוכט, ער האָט זיין פריינט, דעם שפּאַסיקן פריילעכן לץ געפונען אין אַן ערנסטן טריבן צושטאַנד, און ער האָט אים געפרעגט: פאַרוואָס ער איז אַזוי ערנסט. היינע האָט אים געענטפערט, צי ווייסטו ניש, אַז היינט איז די נאַכט פון יום־כיפור, און אין דער סינאַגאָגע ווערט איצט געזונגען כל־נדרי?

שפּיל מיר כל־נדרי, האָט היינע געבעטן דעם מוזי־קאַלישן גאון.

און מענדעלסאָן האָט אויף דער פּיאַנאָ דעמאָלסט אַרויסגעבראַנגט די קינסטלעכע כל־נדרי טענער, און ביי־דע אַפּטריניקע, אָפּגעריסענע פון דעם יידישן שטאַם־בוים, האָבן זיך פונענדערגעוויינט...

איידעלע, יידישע סטרונעס, וואָס זענען געווען באַ־האַלטן און פאַרשטויבט אין אַ ווינקעלע פון זייערע הער־צער, האָבן אויפגעציטערט. זיי זענען אַרויסגעקומען פון זייערע באַהעלטענישן און האָבן אָנגעהויבן צו נאָגן די משומדישע הערצער, ביי די קלאַנגען פון די כל־נדרי טענער.

— 3 —

אין יום־כיפור קומט דער ייד אין שוהל, אַ געבוי־גענער. ער גיסט אוים זיין הארץ פאַר ג־ט. נישט קיין רייכטום און נישט קיין ערדישע גיטער, בעט דער ייד. נישט קיין וועלטלעכע גליקן און נישט קיין מאַכט. דער

ייד ווייסט, אַז עשירות האָט אים אין גלות קיינמאָל קיין גליק נישט געברענגט. ווען אפילו עס איז אים שוין גע־לונגען צו קומען און זיך צו באַזעצן אין אַ גוט לאַנד; ווען אפילו עס האָט אים געגליקט און ער האָט געמאַכט אַ פאַרמעגן, ווייסט ער אויך, אַז ער איז מיט גאָרניש זי־כער, ווייל אָט קומט אַ גזירה, אַ פּלינדערונג, אַ פּאָגראָם און אַ שחיטה און פון אַלעם ווערט אַש און פּאָרעך.

און — מישטיינס געזאָגט — וואָס האָט עשירות און מאַכט בכלל געבראַכט אויף דער וועלט, אויב נישט קנאה, שנאה, פאַרביטערונג און מלחמות? עשירות און מאַכט זענען נישט דאָס וועזנטלעכע פון לעבן. מען קען לעבן אָן עשירות און אָן מאַכט, און מען קען זיין דער אומגליקלעכסטער מיט עשירות און מיט מאַכט.

דער ייד, פאַרזונקען אין אַזעלכע געדאַנקען, קומט צו אַ באַשלוס, אַז לעבן מיינט גאָר עפּעס אַנדערש. לעבן מיינט, דענקען און פילן; לעבן מיינט האָבן אַן אידעע, האָבן אַן אידעאַל, ווייל אָן אַן אידעע, אָן אַן אידעאַל. וואָס איז דער אונטערשייד פון מענטש ביז חיה?

בויגט דער ייד זיין קאָפּ פאַר ג־טלעכקייט און זאָגט:

„אלקי עד שלא נוצרתי איני כדאי ועכשו שנוצרתי כאילו לא נוצרתי".

ג־ט! איידער איך בין געשאַפן געוואָרן, וואָס בין איך געווען? און איצט אַז איך בין שוין געשאַפן, וואָס בין איך? גלייך ווי איך וואָלט נישט געווען געשאַפן גע־וואָרן.

וויפל אידעע, וויפל אידעאַל, וויפל טיפער עטישער און מאָראַלישער כוח, ליגט אין די פּאָר ווערטער!

ווי גוט און ווי גליקלעך איז דער ייד, וועלכער קען בויגן זיין קאָפּ מיט הכנעה און געבראָכנקייט, און זאָגן אָט די ווערטער. זיי, די ווערטער, באַפרייען אים פון גשמיות און גראָבקייט; פון חומריות און ליידנשאַפטן, זיי ווייזן אים דאָס ריכטיקע אידעאַל פון לעבן. זיי לערנען אים, אַז אמתדיק גליק קען דער ייד נאָר האָבן דעמאָלט, ווען ער לעבט זיך אויס אין זיינע אייגענע יידישע ווערטן, און שטעלט זיך אַלס אַ רינגעלע אין דער לאַנגער יידישער קייט.

ליידער איז אונדזער היינטיקער מאָדערנער ייד נישט פעאיק צו זאָגן, אָט די פּאָר ווערטער. אין דעם היינטיקן יידישן אינטעליגענט דערוועקט זיך עפּעס אַ פּוסטער שטאָלץ, אַקעגן אַזעלכע הכנעהדיקע ווערטער. ער וויל זיך נישט, און ער קען זיך נישט, בויגן פאַר קיינעם, אפילו נישט פאַר דעם הימל. ער וויל נישט, און קען נישט, מודה זיין, אַז זיין אייגן פּערזענלעך לעבן, אַליין און פאַר זיך, האָט נישט קיין שום זין, און נישט קיין שום צוועק. וואָלט ער אין דעם מודה געווען, וואָלט ער זיך דאָן נישט נאָכגעיאָגט נאָך דעם אייגענעם תאווה־דיקן לעבן אַ גאַנץ יאָר. געפינט זיך דערפאַר דער היינטיקער אינטעליגענטער ייד אין אַ מין מאָדנער בי־פּסיכישער לאַגע: פון איין זייט איז ער צו שטאָלץ צו קענען אַראָפּבויגן דעם קאָפּ און זאָגן דעם „עכשו שנוצרתי

כאילו לא נוצרתי״, און פון אַ צווייטער זייט איז ער צו שוואַך, צו קענען זיך שאַפן אַן אייגן אינהאַלטספולן לעבן. ער איז צו קליין צו קענען זיך שאַפן אַן אמתן נייעם אידעאַל, וואָס זאָל אים געבן גליק אין לעבן.

אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אייגענע, גרויסע קולטור־רעלע ירושה, איז די היינטיקע יידישע אינטעליגענץ גע־בליבן בלויז ביי אַ דורשט צום לעבן. אָבער נישט ביים לעבן גופא... איר הערט ווי זיי האַלטן אין איין שרייען: **לעבן! לעבן!** אָבער זיי קומען נישט צו צו לעבן גופא; וואַנדערן אַרום מיט אַ בענקשאַפט אין האַרץ, און בלאָנד־זשען אַרום, אינערלעך לאַנגווייליקע, אָן אַ תיקון.

אַ גאַנץ יאָר רעדט מען זיך איין, אַז מען קען זיך צונויפשמעלצן מיט דער אַרומיקער פרעמדער קולטור און פאַרגעסן אין אַלעם. עס איז אָבער נישט אמת. עס איז גענוג איין כל־נדרי נאַכט אויפצוּוועקן אַ טיפע בענק־שאַפט און אַן אומרו אין יעדן יידישן האַרץ.

— 4 —

די משנה אין סוף יומא, ברענגט, אַז אונדזער גרוי־סער רבי עקיבא האָט אין פאַרבינדונג צו יום־כיפור אויס־געּרופן: „אשריכם ישראל״, ווייל איז צו אייך יידן, „לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם״. פאַר וועמען ריי־ניקט איר אייך, און ווער רייניקט אייך!

גליקלעך זענען די, וואָס פאַרזאַמלען זיך אין די שוהלן און אין די בתי־מדרשים און פאַררייניקן זיך אין איין תפי־

לה, אין איין ניגון, אין איין אידעע און אין איין ג־טלעכ־קייט.

גראַנדיעז, רוחניותדיק, איז דאָס בילד, ווען מיליאָנען הערצער קלאַפּן אין איין טאַקט, און בויגן אַראָפּ די קעפּ פאַר דער העכערער ג־טלעכער מאַכט.

„פאַר וועמען רייניקן מיר זיך, און ווער רייניקט אונדז?"

נישט קיין באַנקראָטירטע ג־טלאָזע אידעאַלן, וואָס זענען באַזירט אויף אַ נשמה־לאָזן, מאַטעריאַליסטישן יסוד, וואָס פאַרוואַנדלען מענטשן אין אויסגעבילדעטע גולמ'ס, אין ציוויליזירטע ראָבאָטס, וואָס זענען געפערלעכער ווי ווילדע חיות אין וואַלד.

מיר רייניקן זיך אין אונדזער טויזנטיעריקער, פעלזנ־פעסטער, נביאישער מאָראַל; אין אונדזער אייביק אמ־תער, תורהדיקער יידישקייט, וואָס רייניקט יעדעס יידי־שע האַרץ, לייטערט יעדן ייד, דערהויבט אים און ברענגט אים צו דער העכסטער מדרגה פון מענטשלעכ־קייט און גייסטיקייט.

לאָמיר האָפן, אַז דער היינטיקער שבתדיקער יום־כי־פור, וועט אויפוועקן די יידישע הערצער, צוריקצוקומען צו זייער שורש, צו זייער מקור, צוריק צו דער יידישער נשמה און יידישן גייסט.

יום כפור - און יידישע אחריות

יום־כיפור ביי יידן, איז דער קלימאַקס פון די ימים נוראים, דער העכסטער טאָג פון דעם תשובה־מאָנאַט, דער שענסטער און דערהויבנסטער טאָג פון דעם גאַנצן יאָר.

דער יום־כיפור איז געווען ביי יידן תמיד, דער גייס־טרייכסטער און אינהאַלטרייכסטער טאָג פון יידיש, לע־בן. דער ייד האָט שטענדיק געפילט, אַז לעבן מיינט אינהאַלט, מיינט דענקען, מיינט חשבון הנפש. אויב אַ גאַנץ יאָר איז דאָס יידישע לעבן געווען פול מיט דענ־קען, מיט אינהאַלט און חשבון הנפש, אין דאַן יום־כיפור געווען, אַ טאָג פון לויטער אינהאַלט, פון העכסטן מאָס דענקען, און אויסערגעוויינלעכן חשבון הנפש.

אין דעם טאָג האָט יעדער ייד פאַרגעסן זיינע פער־זענלעכע אַמביציעס, זיין קנאה און שנאה צו זיינע פריינד און געגנער, און איז דערהויבן געוואָרן צו דער העכס־טער מדרגה פון מענטשלעכקייט, פריינדלעכקייט און ברו־דערלעכקייט. דער געדאַנק, אַז אַ מענטש איז בלויז אַ בשר ודם, און אַ בשר ודם זינדיקט, האָט יעדן ייד גע־

ברענגט דערצו, זיך צו באַקענען צו זינד, און אַלע, אפילו די גרעסטע צדיקים, האָבן זיך געקלאַפּט אין הארצן על חטא, כאָטש מען האָט געוווּסט, אַז זייערע חטאים זע־נען געווען גאַנץ קליינע.

אַלע האָבן געזוכט צו ווערן בעסער, איידעלער און שענער, ווייל בעסער, איידעלער און שענער, האָט דאָך גאָר קיין גרעניץ נישט.

ווי וווּנדערלעך האָט דעם געדאַנק אַרויסגעברענגט דער גרויסער הייליקער רבי לוי יצחק פון בערדיטשעוו, ווען ער האָט אַמאָל אין יום־כיפּור, זיך אַוועקגעשטעלט אין שוהל, און געטענהט צום רבונו של עולם, אַז ער, — דער רבונו של עולם, — דאַרף זיין שטאָלץ אויף די היינ־טיקע דורות. אַמאָליקע דורות זענען דאָך געווען ליג־נער, — האָט רבי לוי יצחק געטענהט. — זיי פלעגן קומען אום יום־כיפּור אין שוהל, און געזאָגט על חטא, אויף חטאים, וואָס זיי זענען קיינמאָל נישט באַגאַנגען, קיין אמת וואָרט איז זיי ניט אַרויס פון מויל; גערעכנט חט־אים, וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט געטאָן. היינטיקע דורות אָבער, ווען זיי זאָגן די אַלע על חטא׳ס, איז עס דאָך אמת. וואָס הייסט אמת! הונדערט פּראָצענט! ניש־טאָ קיין איין וואָרט שקר. דערפאַר אַליין, איז דער היינ־טיקער דור ווערט אַ מחילה, סליחה וכפּרה.

איבער אַלעם שטעלט דער ייד אַוועק דעם אמת. מעג דער אמת רויט מאַכן דאָס פּנים פאַר בושה, דאָך מוז ער, דער אמת געשטעלט ווערן אין זיין ריכטיקן ליכט.

ער מוז ארויסגעזאגט ווערן. און פון דעם שטאנדפונקט פון אמת, באגייען מיר א גרויסע זינד, וואס מיר פאר־פעלן אין דעם צעטל פון די על חטא׳ס, איינעם, וואס איז דער אמתדיקסטער פון אלע. מיר זאלן זיך גוט אי־בערלייגן, וואלטן מיר געזען אז מיר היינט וואלטן בא־דארפט זיך קלאפן אין הארצן: „על חטא שחטאנו לפניך בעם הארצות״. קיינמאל האבן מיר ניט געזינדיקט מיט דעם חטא, אזוי שטארק ווי היינט. מעגלעך, אז אלע אנ־דערע חטאים, וואס מיר רעכענען, זענען טאקע די קאנ־סעקווענץ פון דעם איינעם חטא, פון דעם עם הארצות, וואס הערשט אין דעם יידישן לעבן. נעמט למשל די חטאים: פון „עזות מצח״, פון „טפשות פה״, „טומאות שפתים״... דאכט זיך, זיי אלע קומען פון גראביונגעש־קייט, פון עם הארצות. א ייד, וואס האט געלערנט תורה און איז דערצויגן געווארן אין גייסט פון תורה, קען גאר ניט זיין אזא גרויסער עזות פנים, ער קען גאר ניט פאר־אומרייניקן זיין מויל, מיט ווולגארע רייד, און קען גאר נישט אזויפיל פלוידערן, גלאט אין דער וועלט אריין. פאק־טיש איז עם הארצות דער קוואל פון אלדאס בייז, דער אמתער שטן, וואס פירט און פארפירט צו אלע זינד.

איינער פון אונדזערע מאדערנע שרייבער מאכט אויפ־מערקזאם, אז אייגנטלעך האבן מיר יידן אויף אונדזער גאנג צווישן די פעלקער, תמיד געהאט צייטן, ווען יידי־שע קיבוצים זענען געווען געשלאגן מיט עם־הארצות. דער בעסטער באווייז איז: פאר כל־נדרי, רופן מיר אוים

„על דעת המקום ועל דעת הקהל אנו מתירים להתפלל עם העבריינים". דאָס ווייזט, אַז עבריינים, אומוויסנדע זענען תמיד געווען ביי אונדז, אָבער אַ גרויסער אונטערשייד איז, פון די פּאַרצייטיקע עבריינים, אָדער עם־הארצים, ביז צו די היינטיקע מיט וועלכע מיר זענען געשטראָפט. די פּאַרצייטיקע עבריינים, זענען ווי באַקאַנט, געווען די אנוסים, וועלכע זענען דורך דער פאַרשאָלטענער אינקוויזיציע, מיט גוואַלד אָפּגעריסן געוואָרן פון יידישן גייסט, פון יידישן פאָלק, און פון יידישער אמונה. יענע אנוסים זענען אויסערלעך בלויז, געווען פרעמד פון יידישקייט. אין זייערע הערצער, זענען זיי געבליבן טריי צו יידישע אידעאַלן, און צום יידישן גייסט. אונדזערע היינטיקע עבריינים, זענען דער גאַנצער היפוך. זיי זענען גאַנץ פאַרקערט. זיי זענען אין זייער האַרצן, אינעווייניק גאַנץ פרעמד פון יידישקייט, פון יידישן גייסט, און יידישן אידעאַל, נאָר אויסנווייניק, צוליב געווינסקייט צוליב געזעלשאַפט, אָדער פאַמיליע, קומען זיי אין שול יום־כיפור, און באַגעגענען זיך מיט יידן. פּאַרצייטיקע עבריינים, האָבן לײדער נישט געקאַנט פריי זיך אָפּגעבן מיט לימוד התורה, זענען זיי מיט דער צייט געוואָרן פאַרגרעבט. די שרעקלעכע לאַגע, אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען, האָט געמאַכט פון זיי עבריינים. מיר מוזן דערביי געדענקען, אַז אפילו אין די ערגסטע צייטן, ווען צרות און רדיפות האָבן געהאָגלט איבער יידישע קעפּ, האָבן אויך דעמאָלט יידן געטראַכט מיט מסירות

נפש צו פאַרהיטן, אַז דאָס יידישע ליכט זאָל אינגאַנצן נישט אויסגעלאָשן ווערן. מען האָט מיט אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע מיטלען געקעמפט דערפאַר, אַז דער יונגער דור זאָל נישט אויסוואַקסן אין עם-הארצות און אַז יידישע זין און יידישע טעכטער, זאָלן וויסן פון דער גרויסער גייסטיקער ירושה פון זייער פאָלק.

די אַמאָליקע עם-הארצות האָט געהאַט איר באַרעכטיקונג. זי איז געווען אַן אַרויפגעצוווּנגענע פון די אוממגליקלעכע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אומשטענדן, אונטער וועלכע יידן אין פאַרשידענע לענדער האָבן געלעבט.

דאָ אָבער אין מעקסיקע, האָט די גרויסע עם-הארצות, וואָס הערשט ביי אונדז אומבאַדינגט קיין שום באַרעכטיקונג נישט. זי איז נישט די קאָנסעקווענץ פון עקאָנאָמישע אָדער פּאָליטישע סיבות. יידן אין מעקסיקע, זענען עקאָנאָמיש און פּאָליטיש גאַנץ גוט געשטעלט, און האָבן אויך ברוך השם די שענסטע יידישע שולעס, אפשר די פּרעכטיקסטע אויף דעם גאַנצן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. מיר האָבן — הייסט עס — די בעסטע מעגלעכקייטן, און די בעסטע שאַנסן, צו געבן אונדזערע קינדער אַן אמת יידישע דערציאונג. מיר קאָנען — הייסט עס — אויפשטעלן אַ יונגן יידישן דור, וואָס זאָל זיין אַ כבוד און אַ שטאָלץ, נישט נאָר פאַר אונדז אַליין, נאָר אויך פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

מיר טוען עס אָבער נישט, ווייל, — עס איז אַ

ווייטאָג דאָס ארויסצוזאָגן, ווייל, מיר אַליין ווילן עס ניט, מיר אַליין דאַרפן עס נישט. מיר האָבן נישט קיין שום געפיל פון נאַציאָנאַלער אחריות.

דער עלטערער דור אין מעקסיקע, וועלכער איז דאָ דער ערשטער דור אין לאַנד, האָט טאַקע מיטגע־בראַכט — ווער מער, ווער ווייניקער — טראַדיציעס, אידעאַלן און יידיש וויסן פון דער אַלטער היים. אָבער דער עלטערער דור אַליין, ווערט פון טאָג צו טאָג מער פאַרגרעבט און מער גלייכגילטיק, צו יידישע אידעאַלן, און במילא גלייכגילטיק צו דער אידעאַלער דערציאונג פון דער יינגערער גענעראַציע. אין יום־כיפור דאַרפן מיר זיך דערפאַר קלאַפּן אין האַרצן, אַן אמתן על חטא: על חטא שחטאנו בגראָביונגעשקייט.

אין מיין דרשה, וואָס איך האָט געהאַלטן אום ראש־השנה פאַר תקיעות שופר, האָב איך דערמאָנט אַ פּערל־דיקן מאמר פון דעם מדרש. אין דער תורה שטייט, אַז יצחק, ווען ער איז אַלט געוואָרן, האָט ער געוואָלט אי־בערגעבן די ברכות זיין זון. ווען די טיר האָט זיך געעפנט און עשו איז אַריינגעקומען, „ויחרד יצחק חרדה גדולה עד מאוד”, איז יצחק'ן באַפאַלן אַ שרעקלעך גרויסע צי־טערניש ביז גאָר. זאָגט דער מדרש, אַז אייגנטלעך איז דאָס נישט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס יצחק האָט געציטערט. יצחק איז אַמאָל געלעגן געבונדן אויף אַ מזבח און אַ חלף איז געווען אויסגעשטרעקט איבער אים, דעמאָלט האָט ער זיכער גאַנץ גוט געציטערט. נאָר די־

פראגע איז: — זאגט דער מדרש — ווען האט ער שטאר־קער געציטערט, צי דעמאלט ווען ער איז געלעגן געבונדן און געהאט א חלף איבער זיין האלדז, אדער דעמאלט, ווען די טיר האט זיך געעפנט, און עשו איז אריינגעקומען? פארשטייט זיך אבער — זאגט ווייטער דער מדרש — אז ווען עשו איז געקומען נאך די ברכות, האט יצחק מער געציטערט ווייל דארט שטייט „חרדה גדולה עד מאוד”. דאס איז געווען די גרעסטע שרעק אין יצחקס לעבן.

ווי דערהאבן און אייביק אמת, זענען די הייליקע ווערטער פון אונדזערע חז”ל! נישט איינמאל איז פאר־געקומען אין אונדזער געשיכטע, אז דאס יידישע פאלק איז געווען פשוט געבונדן, און דעם שונאס מעסער, אדער בלאנקע שווערד, איז געווען אויסגעשטרעקט איבער זיין האלדז. זיכער האט דער ייד דעמאלט געציטערט. עס זענען געווען אפילו צייטן — אזעלכע מאמענטן האב איך אליין איבערגעלעבט — ווען עס האט זיך געדאכט, אז עס איז פשוט נישטא קיין רעטונג פון דעם שונאס מע־סער, אבער דאס יידישע פאלק לעבט דאך און וועט לעבן, צום טראץ פון אלע זיינע שונאים.

אנדערש אבער איז, ווען דאס יידישע פאלק דארף צוקוקן, אז טירן פון יידישע הייזער עפענען זיך, און עס קומען אריין יידישע זין, וועלכע, אנשטאט צו זיין יעקבס, אדער ישראלס, זענען זיי גאר עשו׳ס, דעמאלט באפאלט אונדז א „חרדה גדולה עד מאוד”, א שרעקלע־

כע ציטערניש, ווייל דאָס איז מער שרעק, מער פחד, ווי פאַר דעם שונאס חלף. דאָס איז שוין אַ סכנה, וועלכע באַדראָט ממש די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק.

עס נעמט אָן אַ ציטער צוקוקנדיק זיך צום יונגן יידישן דור דאָ. יידישע בחורים און מיידלעך, האָבן ניט דעם מינדסטן באַגריף פון יידן און יידישקייט, האָבן נישט קיין אַנונג פון אונדזערע אייביקע גייסטיקע ווערטן; וואָס קען פון זיי ווערן? ווי קענען זיי רעאַגירן, ווי קענען זיי אויסהאַלטן אַ נסיון, אין אַ מאָמענט פון סכנה?

לאָמיר אַלע קלאַפּן אין האַרצן, על חטא שחטאנו לפניך „בפּוסטקייט און בעבריינישקייט"...

די סוכה און די ארבעה מינים

דער יום־טוב פון סוכות, איז אַ ווונדערלעכע קאָמבי־נאַציע. ער פאַרייניקט אין זיך: דערינערונגען פון שקלאַ־פעריי און דערינערונגען פון פרייהייט.

די תורה באַפעלט יידן, צו זיצן אין סוכה, כדי צו דערמאָנען, אַז אין סוכות, אין ביידלעך זענען יידן גע־זעסן, בשעת זיי האָבן געוואַנדערט אין דער מדבר. די מצווה, פאַרשטייען מיר זייער גוט! די סוכה, איז דער סימבאָל: פון וואַנדערונג, פון היימלאָזיקייט, פון אומזי־כערקייט, פון שוואַכקייט, פון נע־ונד־זיין — פון אוים־געוואָרצלטקייט.

די תורה באַפעלט אָבער אויך, אין יום־טוב פון סו־כות, צו נעמען ארבעה מינים און זיך צו פרייען; דער־פאַר איז סוכות, דער זמן שמחתנו. דאָס, פאַרשטייען מיר שוין נישט! וואָס פאַר אַ פרייד גיבן, דווקא די ארבעה מינים?

דער פסוק זאָגט דייטלעך: נעמט די פיר מינים „ושמחתם לפני ד׳ אלקיכם”; און איר וועט אייך פרייען פאַר ג־ט, אייער ג־ט, וואָס פאַר אַ כוח, האָבן די פיר מינים,

אונדז צו געבן פרייד; און נאָך דערצו, ג־טלעכע פרייד.

עס איז דערפאַר כדאי, זיך צו באַקענען, מיט דער אויפקלערונג פון דעם מדרש, וועגן די פיר מינים.

דער מדרש זאָגט: דער אתרוג, איז אין זיין פאָרם, ענלעך צו דעם האַרץ, פון אַ מענטש. דער לולב, איז גלייך צו דער שדרה, צו דעם רוקנביין, פון אַ מענטשלעכן קערפּער. דער הדס, זעט אויס, ווי אַ מענטשלעך אויג און די ערבה, איז ווי דאָס מענטשלעכע מויל.

דאַן זאָגט דער מדרש: דבר אחר; נאָך עפּעס! דער אתרוג, דערמאָנט אין אברהם אבינו; דער לולב, דערמאָנט אין יצחק; דער הדס, אין יעקב; און די ערבה, אין יוסף. נעמט די ארבעה מינים! וועט איר אייך פרייען.

וואָס מיינט דאָ דער מדרש? גאָר פשוט!

וואָס מיר זאָלן אַלץ נישט דרשנען, וועגן דער סוכה, איינס איז קלאָר: זי איז אַ דירת ארעי! זי דערמאָנט בעיקר, אין וואַנדערונג און דאכלאָזיקייט. עס פאַרשטייט זיך, אַז נע ונדקייט, איז ווייט פון צו געבן שמחה. דער ייד אָבער ווייזט אַז ער איז אַן אויסנאַם. ער קען, אפילו אין מצב פון וואַנדערונג, האָבן שמחות, אויב ער האָט נאָר, די אייגנשאַפטן פון די פיר מינים.

דאָס איז דער זין, פון דער קאָמבינאַציע פון דער סוכה, מיט די ארבעה מינים. אין סוכות דערמאָנט דער ייד, אַז טויזנטער יאָר, לעבט ער אויף דער גאַנצער וועלט, בלויז אין אַ דירת ארעי, אין אַ סוכה. אָבער ער ווייזט צוגלייך, אַז די כוחות, וואָס האָבן אים געגעבן

חיות און מוט זיך צו דערהאַלטן, זענען די אייגנשאַפטן פון די ארבעה מינים; און דאָס גיט אים פרייד.

קודם קומט דער אתרוג. ער זעט אויס, ווי דאָס האַרץ פון אַ מענטש. דער אתרוג דערמאָנט אונדז: אמת! דער ייד איז נע ונד! אין די גלות-לענדער, זענען אפילו זיינע שטאַרקסטע געביידעס, געבויט אָן אַ פונדאַמענט. ביים לייכטסטן ווינט, דראָט אַ סכנה, אַז זיי זאָלן ח״ו איינגאַנצן איינפאַלן. דער ייד איז צוזייט און צעשפּרייט. דער ייד איז צוזייט און צעשפּרייט, אין אַלע עקן פון דער וועלט; ער וואַנדערט, פון לאַנד צו לאַנד, פון ערד-טייל צו ערד-טייל. איין זאַך אָבער, פאַרמאָגט דער ייד, וואָס באַגלייט אים אין זיין וועג, דאָס איז דער „אתרוג הדומה ללב"; דאָס יידישע האַרץ, דאָס יידישע געפיל, וואָס ברענט אין יעדן יידישן האַרץ. דאָס פּינטעלע ייד, אין יעדן יידישן האַרץ, וואָס פאַראייניקט אַלע יידישע יחידים און מאַכט זיי פאַר איין גאַנצקייט. דאָס איז, איינס פון די שטאַרקסטע כוחות, וואָס האָט דעם ייד דערהאַלטן, אין זיין לאַנגן גלות. געטריבן פון פאַרשידענע, בייזע ווינטן, האָט דער ייד געמוזט, אָפט פאַרלאָזן זיין ביזאַיצטיקן וווינונגס-אָרט און גיין, ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן. אָבער, וווהין ער איז געקומען, האָט ער תמיד אָנגעטראָפן, יידן מיט יידישע הערצער, וועלכע האָבן אים געהאָלפן, זיך איינצוריכטן און אויפסניי, זיך אויפצובויען.

מיט רעכט זאָגט דערפאַר דער מדרש, אַז דער אתרוג דערמאָנט אונדז אין אברהם אָבינו. די אייגנשאַפט

פון דעם יידישן הארץ, די, האָבן מיר געירשנט פון אבר־הם אבינו, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט, מיט דער מדה פון הכנסת אורחים. זיין הארץ האָט געפלאַקערט מיט ליבע צו יעדן מענטש; ער האָט יעדן אויפגענומען בסבר פנים יפות. מיט דער מדה האָט ער, אין זיין צייט, געראַטעוועט די דאַמאָלדיקע באַרבאַרישע וועלט פון גע־צנדינסט, פון סדום׳ער רשעות און אכזריות.

אינטערעסאַנט איז דער דין, וואָס איז פאַראַן ביים אתרוג. ער מעג זיין, שיין ווי גאָלד; ער מעג האָבן אַלע מעלות, נאָר טאָמער איז ביי אים נישטאָ דער פיטום, דאָס קעפעלע, איז ער פסול; ער טויג נישט! אויך דאָס גוטע הארץ, מוז האָבן אַ פיטום, מוז האָבן אַ קעפעלע. סתם גוטסקייט, איז גאָר נישט ווערט. מיר קומען היינט זייער אָפט צוזאַמען מיט יידן, וועלכע באַטאָנען, אַז זיי האָבן אַ גוט הארץ, אַ יידיש הארץ. דער אומגליק איז אָבער, וואָס זייער הארץ איז ליידער אָן אַ פיטום. דער פיטום סימבאָליזירט, לויט דעם מדרש, די יידישע אמו־נה. די אמונה אין אַ ג־ט, וואָס פירט די וועלט און פאַר־לאַנגט, אַז מענטשן זאָלן איינער דעם צווייטן העלפן. ווען דער פיטום איז נישטאָ, ווען עס פעלט דאָס פינ־טעלע אמונה און מען גיט, סתם אין דער וועלט אריין, איז דאָס נישט קיין יידישע גוטסקייט; די גוטסקייט שטאַמט, גאָר פון אַן אַנדערן מקור; די גוטסקייט איז: אַוואַנטוריזם, לייכטזיניקייט, פוסטע באַרימעריי, און פירט צו אויסגעלאַסנקייט.

נאָך דעם אתרוג, קומט דער לולב, דער סימבאָל פון דער מענטשלעכער שדרה, פון דעם רוקנביין. קיין שום ווינט ,האָט אונדז נישט געקענט אוועקבלאָזן און קיין שום רשעות האָט אונדז נישט געקענט פארניכטן, אַ דאַנק, אונדזער עקשנותדיקן איבערטראָגן אַלע יסורים און זיך האַלטן גלייך, ווי אַ לולב, אין אַלע צייטן פון אונדזערע פאַרפאָלגונגען.

די מדה פון עם קשה עורף, איז אונדז בייגעשטאַנען, אין אונדזער גרויסן נסיון. מיר זענען האַרטנעקיג, גע־שטאַנען און זיך געהאַלטן, אין אונדזער שטאַם. ביי דעם לולב איז פאַראַן אַ דין, אַז לולב הכפוף איז פסול; אַן איינגעבויגענער לולב טויג נישט. אויב אַ ייד בויגט זיך צופיל, ער בויגט זיך פאַר דעם גוי, ער בויגט זיך פאַר דער גויאישער קולטור, פאַר דער גויאישער שפראַך. פאַר דעם גויאישן לעבנסשטייגער, איז ער פסול, איז ער נישט קיין טרייער ייד. אויב אַ ייד מיינט, אַז מיט דעם, וואָס ער וועט זיך צולעקן צום גוי, און נאָכטאָן זיינע מעשים, מיט דעם, וועט ער אַ טובה טאָן דעם יידישן כלל, מאַכט ער דעם גרעסטן טעות. געבויגנקייט, גייט נישט צוזאַמען מיט יידישקייט. יידישקייט, מיינט שטאַנדהאַפטיקייט, האַרטנעקיקייט און אויסגעהאַלטנ־קייט — גלייך, ווי אַ לולב.

לולב, זאָגט דערפאַר דער מדרש, דערמאָנט אונדז אין יצחק. די יידישקייט פון יצחק, איז געווען אַזוי אויס־געהאַלטן, ביז צו מסירת־נפש, ביז צו לאָזן זיך, אפילו

פאַרברענען אויף דער עקדה. פון יצחק, האָבן מיר גע־ירשנט די מדה פון זיין גרייט, צו גיין אפילו אויף שייטער־הויפנס, פאַר דעם יידישן אידעאַל, זיך נישט צו בויגן פאַר קיינעם און קיינעם נישט נאָכצוגעבן, נאָר שטייף, גלייך, ווי אַ לולב.

מיט דעם לולב, ווענדן מיר זיך אין אַלע זייטן פון דער וועלט און מיר דעקלאַרירן, אַז קיינעם וועט נישט געלינגען אונדז צו בויגן.

עס קומט דאַן דער הדס, וואָס איז ענלעך, צו אַ מענטשלעך אויג. פעלקער פון דער וועלט, ווען זיי האָבן פאַרלוירן זייערע לענדער, זענען זיי אינגאַנצן אונטער־געגאַנגען. די סיבה דערפון איז געווען, הויפּטזעכלעך, וואָס זייער אויג האָט זיך צוגעקוקט צום לעבן, פון זיי־ערע באַזיגער. זיי האָבן איינגעזען, אַז עס וועט זיי בע־סער לוינען, אָנצונעמען דאָס לעבן פון זייערע באַזיגער און זיך אויסצומישן מיט זיי. דאָס יידישע אויג אָבער, האָט זיך קיינמאָל נישט איינגעקוקט אין דעם לעבן פון די פעלקער פון דער וועלט. דאָס יידישע אויג האָט גאַנץ גוט געזען, ווי פעלקער פון דער וועלט לעבן מיט עולם הזה, מיט פאַרגעניגנס און ווילטאָג, אָבער אויף איין מינוט אַפילו, האָט דער ייד זיך נישט מקנא געווען, אין אַ גויישן לעבן; ער האָט נישט געקוקט מיט דעם גשמיות־דיקן אויג — נאָר מיט דעם גייסטיקן אויג, — מיט דעם אויג, וואָס איז גלייך צו דעם שמעקנדיקן הדס-בלעטעלע. זיין גייסטיק אויג האָט געזען, אַז זיין אייגנאַרטיק יידיש

לעבן, זיינע שבתים, זיינע ימים־טובים, זיין תורה, זיין עטיק, זיין שטאם גיבן, אפילו אין ארעמקייט, מער גליק, ווי די רייכטימער פון דעם גוי, וואס אימפאנירן טאקע דעם קערפערלעכן אויג, אבער קיין גליק, גיבן זיי באין אופן נישט.

מיט רעכט זאגט דער מדרש, אז דער הדם דערמאנט אין יעקב אבינו. יעקב אבינו, זייענדיק ביי לבן, האט ער געהאט א גאר גוט עולם־הזה׳דיק לעבן; ער האט גע־מאכט א גרוים פארמעגן פון די עקודים נקודים וברדים; אבער, ווען ער האט זיך דערמאנט אין זיין גייסטיקן מצב, ווען ער האט א קוק געטאן, מיט זיין גייסטיקן אויג, וואס דערשמעקט דעם עתיד, האט ער דערזען, וואס פאר א געפאר עס דראט אים ביי לבן; ער ווערט פארלירן זיינע קינדער, זיי וועלן ווערן אראמעער, ווי לבן׳ס קינ־דער. ער לאזט דעמאלט איבער אלצדינג, די שאף, די רינדער, מיט דעם גאנצן פארמעגן און אנטלויפט פון לבן׳ס הויז. ער קערט זיך צוריק קיין כנען, אין לאנד פון זיינע עלטערן.

די איינגנשאפט פון קוקן, נישט בלויז מיט דעם פי־זישן אויג, נאר מיט אן אויג פון א הדס, וואס דערשמעקט די צוקונפט, די איינגנשאפט, האט דעם ייד פיל פארהאל־פן ער זאל זיך קענען דערהאלטן אין זיין סוכה, אין זיין גלותדיקן לעבן.

צולעצט קומט די ערבה, וואס קוקט אוים, ווי א מענטשלעך מויל. עס קענען זיין פארשידענע מיינונגען,

וועגן דער באַדייטונג פון אַ שפּראַך. מאַנכע זאָגן, אַז שפּראַך אַליין איז גאָר נישט וויכטיק. דער עיקר איז דער אינהאַלט, אָבער ווי עקשנותדיק מען זאָל נישט זיין, מוז מען צוגעבן, אַז שפּראַך איז אַ גרויסער כוח, וואָס דערהאַלט אַ פאָלק, עס זאָל נישט אונטערגיין. יידן זע־נען אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים דערפאַר, ווייל שלא שינו את לשונם, זיי האָבן נישט געענדערט זייער שפּראַך. זיצנדיק אין סוכה, וואָס סימבאָליזירט דעם יידישן גלות, נעמט דער ייד די ערבה, וואָס זעט אויס, ווי אַ מויל, כדי צו דעמאָנסטרירן, אַז דאָס יידישע מויל, האָט אַ גרויס חלק, אין דעם דערהאַלט און קיום פון דעם ייד. יידן, וואָס קענען נישט קיין יידיש און אויך נישט קיין לשון הקודש, קענען קיין גוטע יידן נישט זיין; זייער גאַנץ יידישקייט הינקט אונטער. אמת, די בלויזע שפּראַך אָן יעדן יידישן אינהאַלט, איז: גאָרנישט מיט גאָרנישט; דעם בעסטן באַווייז דערצו, האָבן מיר טאַקע פון דער ערבה. די זעלביקע ערבה, וואָס מיט די ארבעה מינים, איז זי אַזוי וויכטיק, ווי דער אתרוג און דער לולב. אָן איר, קען מען די ארבעה מינים נישט נעמען; די זעל־בע מיוחסדיקע ערבה, קוים גייט זי אַליין, אָן די מינים, — אין הושענא רבא — קלאַפּט מען זי אָפּ און מען וואַרפט זי אַוועק. זי איז דעמאָלט נישט מער, ווי אַן אָפּ־געקלאַפּטע הושענא.

די ערבה, זאָגט דער מדרש, דערמאָנט אונדז אין

יוסף. לעבנדיק אין מצרים און דערגרייכנדיק, אין דער מצרישער געזעלשאפט, די העכסטע שטעלונג, האט יוסף קיינמאל נישט פארגעסן אין זיין שפראך. אויך זיינע קינ־דער, וועלכע זענען געוועזן געבוירן אין מצרים, האבן גערעדט אין יידישער שפראך. ווען יוסף לאזט זיך דער־קענען צו זיינע ברידער, איז דאס ערשטע, וואס ער זאגט: „כי פי המדבר עליכם"; עס רעדט צו אייך, א יידיש מויל. רש"י זאגט: בלשון הקודש, ער האט. געוויזן זיינע ברידער, אז ער רעדט מיט זיין שפראך. דאס האט אים דערהאלטן ביי זיין שטאם.

בלויז אין אונדזער גשמיותדיקן לעבן, געפינען מיר זיך אין סוכות, אין ביידלעך. אבער אין אונדזער רוח־ניותדיק לעבן, האבן מיר די אייגנשאפטן פון די ארבעה מינים: דאס יידישע הארץ, די יידישע אויסדויער, דעם יידישן בליק און די יידישע שפראך. דאס גיט אונדז אמתע פרייד.

די באַדייטונג פון יום-טוב סוכות

פונקט ווי אַלע אַנדערע יידישע ימים טובים, האָט אויך דער יום-טוב פון סוכות אַ טאָפּלטע באַדייטונג, אַ נאַציאָנאַלע און אַ רעליגיעזע. ווען מיר זענען געווען אַ פאָלק, אויף אונדזער אייגענעם באָדן אין ארץ ישראל, איז דער סוכות יום טוב געווען דער חג האסיף, די אַגרי־קולטורעלע פייערונג, פון איינזאַמלען די תבואות פון די פעלדער, און די פרוכט פון די גערטנער, צוגלייך איז דער יום טוב געווען אַ זכר, אַ דערמאָנונג אין די צייטן ווען יידן האָבן געוואַנדערט אין דער מדבר און געזעסן איןביידלעך.

זייט אָבער, מיר זענען אין אונדזערע גלותן, זייט קרוב צו צוויי טויזנט יאָר, האָט דער יום-טוב פון סוכות אָנגענומען אַ גאַנץ נייע באַדייטונג. די סוכה איז געוואָרן דער אמתער סימבאָל, פון דער יידישער וואַנדערונג, פון דעם נע ונדיקן, היימלאָזן יידישן לעבן.

מיר האָבן נישט קיין היים אין חוץ לארץ. מיר האָבן בלויז סוכות, ביידלעך, געצעלטן, וועלכע מיר טראָגן אויף אונדזערע פּלייצעס, פון איין אָרט צום צווייטן, און

מיר שטעלן זיי אוועק אויף פרעמדע באָדנס, אויף פּלעצער, וואָס געהערן נישט צו אונדז.

פונקט ווי די סוכות, אַזוי זענען אונדזערע הייזער אין די גלות לענדער. ביידלעך בלויז זענען זיי, שוואַך געבויט, אָן אַ פונדאַמענט. ווענטלעך פון שוואַכסטן מאַטעריאַל, קוים צוגעטשעפּעט אַ שטיקל צו אַ שטיקל. דער דאַך נישט קיין זיכערער. דער ווינט רייסט זיך אַריין און דער רעגן רינט אַריין. אין די שלעכטע וועטערן איז ממש נישט איינצוזיצן, און אין די בעסטע וועטערן, איז עס נישט מער ווי אַ דירת עראי. עס איז נישט קיין הויז. עס איז בלויז אַ געצעלט.

די שכנים אַרום די יידישע סוכות, זענען קיינמאָל נישט פריינדלעך. זייער אָפּט וואַרפן זיי אַריין שטיינער אין די יידישע ביידלעך. מיר אַליין זיצנדיק אינעווייניק, הערן זייער אָפט דעם געלעכטער, אַ בייזן געלעכטער, פון די צימערן, נעבן וועלכע מיר האָבן אונדזערע ביידלעך אַוועקגעשטעלט. אַרויסגייענדיק פון אונדזערע ביידלעך, זעען מיר, ווי מען טייט אויף אונדז מיט די פינגער: אָט זענען זיי! די, וואָס האָבן קיין היים נישט, געצעלטן איינוווינער, נע ונדניקעס, וואַנדערער, ווער האָט זיי געבעטן, זיי זאָלן אַהער קומען?

אַזוי זעט עס אויס אין שטילע צייטן. אַ סך מאָל אָבער ווערן זיי ווילד די שכנים אונדזערע, און זיי וואַרפן זיך מיט רציחה אויף אונדזערע סוכות. זיי רייסן און ברעכן. קוים וואָס מיר באַוויזן זיך אַרויסצוכאַפּן מיט דעם לעבן.

מיר נעמען דאָס, וואָס איז געבליבן פון אונדזערע בייד־לעך, און אַנטלויפן. מיר זוכן און געפונען עפּעס אַ נייעם פּלאַץ, און מיר שטעלן פריש אַוועק אונדזערע סוכות, כדי זיי זאָלן ווייטער קענען שטיין, אַזוי לאַנג, ביז די נייע שכנים אונדזערע, וועלן טאָן דאָס זעלבע, וואָס אונדזערע אַלטע שכנים האָבן געטאָן. אַזוי זעט אויס די יידישע גלות געשיכטע. מיר טראָגן זיך מיט אונדזערע ביידלעך, פון לאַנד צו לאַנד, געטריבן, געיאָגט היימלאָז רולאָז, אַ מאַרש פון ביידלעך, אַ מאַרש פון אַ סוכות־פאָלק.

קרוב צו טויזנט יאָר איז אויף פּוילישער ערד גע־שטאַנען די יידישע סוכה, און געדאַכט האָט זיך, אַז זי, די פּוילישע סוכה, איז שטאַרקער פון אַ מויער. האָט זי דאָך איבערלעבט פעסטונגען. פּוילישע מויערן און פעס־טונגען, זענען געפאַלן. די פּוילישע מלוכה איז צוזאַמענ־געבראָכן, אָבער יידיש לעבן האָט, נישט געקוקט אויף פּוילנס צוזאַמענבראָך, זיך אַנטוויקלט געבליט און גע־שטראַלט מיט פרישקייט, הייליקייט און ליכטיקייט. פון דער יידישער סוכה אין פּוילן זענען הונדערטער יאָר געפלויגן הערלעכע געזאַנגען איבער לענדער פון דער גאַנצער וועלט.

אָבער אויף אונדזער גורל איז אויסגעפאַלן צו לעבן אין אַ צייט, ווען נישטאָ מער די פּוילישע סוכה. פאַר־ברענט אונדזערע ביידלעך, פאַרלענדט די געזאַנגען פון יידישן פּוילן, און פאַרגאַזט די אַלע, וועלכע האָבן קרוב

טויזנט יאָר די דאָרטיקע לופט פאַרשבת׳ט, און די דאָר־טיקע ערד פאַרשיר־השירימט.

אויף אונדזער גורל איז אויסגעפאַלן צו לעבן אין אַ צייט, פון דעם שווידערלעכסטן אָנפאַל אויף אונדזערע סוכות. נישט בלויז די פּוילישע סוכה, נאָר כמעט די מערסטע פון אונדזערע געצעלטן זענען צעשמעטערט געוואָרן, צוזאַמען מיט די, וואָס זענען געזעסן אינעווייניק. מיט פייער און שווערד, מיט מעסער און האַק, איז מען אַרויף אויף אונדזערעביידלעך, מיט אַזאַ אימפּעט און מיט אַזאַ ווילדקייט, אַז נישט נאָר האָבן מיר מער קיין צייט נישט געהאַט. אַרויסצונעמען אונדזערע וואַקל־דיקע געצעלטן, נאָר מיר האָבן אפילו אונדזערע לעבנס נישט געקענט ראַטעווען. די ערד האָט אַלעמען צוגעדעקט. קיין זכר איז מער נישטאָ דאָרט, נישט פון אונדז, נישט פון אונדזערע סוכות, נישט פון אונדזער לעבן און שאַפן דאָרט, אין משך פון טויזנטער און הונדערטער יאָר.

דער יום טוב פון סוכות אין אונדזער צייט לערנט אונדז, אַז אַ סוכה קען קיינמאָל נישט זיין קיין הויז, און אַז אַ ביידל, אַ געצעלט, קען קיינמאָל נישט זיין קיין היים. אַ סוכה האָט נישט אַמאָל דעם מאַטעריאַל, וועל־כער איז נויטיק פאַר אַ הויז. און עס לערנט אונדז אויך, אַז אויף פרעמדער ערד, קען מען קיין פעסטע הייזער נישט בויען. דער גלות קען דערפאַר קיינמאָל נישט זיין קיין יידישע היים. ער קען זיין בלויז אַ סוכה, נישט מער. זייער אינטערעסאַנט זענען די באַמערקונגען פון אַ סך

פון אונדזערע דענקער, וועלכע ווייזן אן, אז נישט בלויז איז די סוכה אליין, דער סימבאל פון אונדזער גלותדיקן לעבן, נאר אויך אלע דינים, וועלכע זענען פאראן ביים בויען די סוכה, און ביים צודעקן מיט דעם סכך, די זעלבע דינים, באציען זיך אויך צום לעבן פון דעם ייד אין גלות.

דער ערשטער דין ביי דער סוכה איז, אז זי טאר נישט זיין צוגעדעקט מיט א „דבר המקבל טומאה”, מיט אן אומריינער זאך. דער ייד אין גלות דארף אויך זיין זייער געווארנט, ער זאל זיך נישט דעקן מיט קיין אומריינער זאך. פעלקער, וועלכע וווינען אין זייערע אייגענע לענ־דער, מעגן זיך דערלויבן צו האבן כל ערליי פסלנות, אומריינקייטן און טומאות, ווי שווינדלער, באטריגער, אנזעצער, גנבים און באנקראטניקעס. אבער אין דער יידישער סוכה, אז עס געפינט זיך א פסלנות, א דבר טמא, ווערט די גאנצע סוכה פסול. דער גאנצער יידישער כלל ווערט פאראנטווארטלעך דערפאר, און דער גאנצער כלל ווערט פסול, דורך די טומאה פונם יחיד. די יידישע סוכה מוז זיין ריין פון יעדער טומאה און פון יעדן פסולת.

א צווייטער דין איז, אז די סוכה טאר נישט זיין „מחובר לקרקע”. דאס הייסט, אז דער סכך מוז זיין גאנץ אפגעשניטן, און טאר נישט זיין צוגעוואקסן צו דער ערד. אויך דאס יידישע לעבן אין גלות, טאר נישט צוגעוואקסן ווערן צו דער ערד, אויף וועלכער דער ייד לעבט. די וואס

בונדן זיך צו מיט אַלע פעדים, פון האַרץ און נשמה צו דער ערד אויף וועלכער זיי האָבן אויפגעשטעלט זייערע גלותדיקע סוכות, זאָלן זיי וויסן, אַז זיי פסלען די יידישע סוכה. צוגעבונדנקייט צו דער ערד, איז אַסימילאַציע. ווען מען ווערט צוזאַמענגעוואַקסן מיט דעם לאַנד, אין וועלכן מען וווינט, פאַרלייקנט מען דאַן אַז מען שטאַמט פון יידן, מען שעמט זיך מיט זיין יידישער שפּראַך, מען שעמט זיך מיטן יידישן נאָמען. קינדער ווערן פאַרהייראַט צו פרעמדע, מען באַהעפט זיך מיט לייב און זעלע צום באָדן, און אַזאַ סוכה איז פסול. די סוכה דאַרף אויף זיין „צלתה מרובה מחמתה", מער שאָטן ווי זון. אויך דאָס יידישע לעבן אין גלות, טאָר נישט האָבן צו פיל זון, צו־פיל זון הייסט צופיל עולם הזה, צופיל באַקוועמלעכקייטן. אַזוי איז די טבע פון אַ ייד, ווי נאָר ער דערפילט, אַז די זון הויבט אָן מער שיינען אין זיין הויז, און דאָס גליק גייט אים אַנטקעגן, פאַרגעסט ער באַלד, אַז ער איז אַ ייד און ווערט אַסימילירט מיט די ארטס איינוווינער. דאָס יידישע לעבן אין גלות, דאַרף האָבן שאָטן, דאַרף זיין פאַרשטעלט. דער ייד אין גלות מוז נישט אַרויסווייזן זיין גליק, מען קען לעבן באַשיידן און זיין גליקלעך.

אַ סוכה טאָר נישט זיין העכער ווי צוואַנציק איילן, ווייל העכער איז עס נישט מער קיין „דירת עראי", קיין צייטווייליקע דירה, נאָר טאַקע אַ דירת קבע, און במילא נישט מער קיין סוכה. אויך דאָס יידישע לעבן אין גלות טאָר נישט אָננעמען קיין כאַראַקטער פון אַ דירת קבע,

ווי דער ייד זאָל נישט וווינען, טאָר ער אויף אַ מינוט נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז בלויז ציטווייליק, בלויז אַ אַ איבערגאַנג. דאָס לעבן אין גלות איז נישט קיין לעבן, נאָר אַן איבערלעבן, נאָר אַ חיי שעה, אַבי איבערצוקו־מען. אונדזער דירה קבע אונדזער פעסטע היים איז דאָרט, דאָרט אין ארץ ישראל, וווּ מיר האָבן ב״ה דער־לעבט אַן אומאָפּהענגיקע מדינת ישראל.

נאָך אַ וויכטיקער דין איז פאַראַן ביים סכך פון דער סוכה, ער טאָר נישט זיין פון זאַכן, וועלכע זענען, „אין גידולם מן הארץ״, וואָס וואַקסן נישט פון דער ערד. דער ייד דאַרף געדענקען, אַז זיין לעבן אין גלות טאָר ער נישט בויען נאָר אויף זאַכן, וועלכע שטאַמען פון דער ערד, וועל־כע וואַקסן פון דער ערד, וועלכע האָבן אַ יסוד, אַ פונ־דאַמענט, אַ באָדן הינטער זיך. אין גלות טאָר דער ייד נישט בויען אויף לופט, אויף שאַכער מאַכער, אויף מעק־לעריי, און אויף מנחם מענדעליזם. דאָרט ווו יידן האָבן געבויט אויף אַזעלכע חלומות, האָבן פריער אָדער שפּע־טער, אויסגעבראָכן שטורעמס, וועלכע האָבן פאַרניכ־טעט די גלות סוכות.

די סוכה דערמאָנט אונדז נאָך אַ זאַך. זי דערמאָנט אונדז, אַז מיר זענען אַנדערש, ווי די, צווישן וועמען מיר געפונען זיך, אַז מיר זענען אַן עם לבדד, און אַז מיר ווילן נישט און וועלן נישט אויפגעבן דאָס באַזונדערע, דאָס יידישע, דאָס נאַציאָנאַלע, וואָס מיר האָבן אין אונדז. מיר זענען איבערצייגט אַז קומען וועט נאָך אַ צייט ווען אויף

הרב דייר אביגדור

דער גאַנצער וועלט וועט הערשן אַ סוכת שלום און דאַמאָלט וועט פאַר דער גאַנצער וועלט אויפשטייגן דאָס גרויסע ליכט פון ירושלים, דאָס ליכט פון דעם יידן, דאָס ליכט פון אחרית הימים.

קהלת

(אַ קורצע פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג פאַר די צוהערער פון מיינע לעקציעס)

כמעט אַ גאַנצע ליטעראַטור איז אָנגעשריבן געוואָרן וועגן דעם ספר קהלת. זייט דעם גראָען אַלטער, אין די צייטן פון אונדזערע תנאים, ביז צו דער היינטיקער צייט, מיט די מאָדערנע ביבל-קריטיקער, קען מען זיך פשוט קיין עצה נישט געבן מיט דעם רעטזעלהאַפטן ספר. די גמרא דערציילט: „בקשו חכמים לגנוז ספר קהלת מפני שדבריו סותרים זה את זה ומפני מה לא גנזוהו מפני שתחלתו דברי תורה וסופו דברי תורה" (שבת ל" עב). די חכמים האָבן געוואָלט פאַרשליסן, דאָס הייסט פאַרוואַרפן דעם ספר און אים נישט אַריינגעמען אין נ"ך, ווייל זיינע ווערטער זענען זיך סותר; זיי ווידערלייגן זיך איינס דאָס צווייטע, נאָר פאַרוואָס איז דאָס ספר דאָך געבליבן, ווייל דער אָנהייב אַנטהאַלט תורה און דער סוף אַנטהאַלט תורה.

די וועלט פרעגט אַ קשיא אויף דער גמרא: אויב די

חכמים האָבן איינגעזען אַז דער גאַנצער ספר טויג נישט, ער איז פול מיט סתירות, מיט קאָנטראַסטן און ווידער־שפּריכן, וואָס האָט דאָן געקענט העלפן דאָס, וואָס דער אָנהייב און דער סוף אַנטהאַלט תורה? דער אָנהייב און דער סוף קען דאָך נישט מכפר זיין אויף דער מיט? דאַן האָט מען דאָך געקענט טאַקע אַרויסוואַרפן די גאַנצע מיט און איבערלאָזן בלויז דעם אָנהייב מיט דעם סוף?

ווי עס שיינט אָבער, איז די כוונה אין דער גמרא אַ גאַנץ אַנדערע. די גמרא מיינט צו באַהויפּטן, אַז די תורה פון אָנהייב און פון סוף קהלת קומט נאָר דערפאַר, ווייל די גאַנצע מיט איז פול מיט קאָנטראַסטן. ווען עס זאָלן נישט זיין די סתירות און קאָנטראַסטן טויג נישט. ווייל פון ספיקות. פון סתירות און קאָנטראַסטן צו קו־מען צו תורה, דאָס איז דער העכסטער סיסטעם, אַפילו אין דער היינטיקער מאָדערנער פילאָזאָפיע.

אמונה, וואָס קומט נאָך סקעפּטיציזם איז אפשר די שטאַרקסטע אמונה, ובפרט ווען דער סקעפּטיציזם קומט נישט פון שכל, נישט פון טעאָריע און נישט פון קיין שיטה, נאָר פּשוט פון דעם לעבן גופא...

קהלת זעט איין אַז, „הכל הבל" נישט ווייל ער האָט אַזוי אויספילאָזאָפירט, אַזוי אויסגעקלערט, נאָר ווייל ער האָט זיך אַזוי איבערצייגט אין לעבן. ער האָט אַלצדינג אַליין אַדורכגעלעבט, אַלצדינג אַליין מיטגעמאַכט און ער האָט דערזען מיט זיינע אייגענע אויגן, אַז אַלץ איז ניש־טיק און ווערטלאָז.

הבל הבלים אויף יידיש הייסט: גאָרנישט שבגאָר־נישט...

צו דעם גאָרנישט שבגאָרנישט איז קהלת געקומען, נישט ווי אַלע גרויסע פילאָזאָפן, ליגנדיק ערגעץ אויף אַ בוידעם־שטיבל, צווישן דיקע ביכער, נאָר נאָכדעם, וואָס ער האָט געגאָסן פון אַלץ, וואָס געפינט זיך אונטער דער זון און נאָכדעם וואָס ער האָט איבערוווינגן אַלץ, וואָס געפינט זיך אונטער דער זון און נאָכדעם וואָס ער האָט זיך געמאַכט אַ חשבון פון אַלץ, וואָס ער אַליין האָט אַדורכגעלעבט אונטער דער זון.

קהלת שילדערט ווי ער האָט געלעבט אין לוקסוס. פון זיין שילדערונג באַקומען מיר דאָס געפיל אַז צום לוקסוס האָט אים געטריבן אַן אינערלעכער אומרו. קודם האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין רייכטום און אין תענוגים, דענקענדיק דערמיט צו פאַרטויבן זיין אינערלעכן אומרו. דאָס האָט נישט געהאָלפן און דער זעלבער אינערלעכער אומרו, האָט אים געטריבן צו חכמה, דענקענדיק דאָרט צו געפינען זיין אינערע מנוחה. ער לאָזט זיך אַריין אין וויסנשאַפט; ער וויל מיט חכמה פאַרשן אַלץ, וואָס קומט פאָר אונטער דער זון, אָבער ער בלייבט אויך אין וויסנשאַפט אומרואיק, ער געפינט נישט קיין באַפרידיקונג.

ער ציט דאָן אונטער דעם סך־הכל, אַז נישט לעבנס־לוסטיקייט און נישט וויסן ברענגען אמתע צופרידנקייט.

צומאָל דאַכט זיך דעם מענטש, אַז די נייע צייט וועט

אים ברענגען גליק; עס וועלן קומען נייע דערפינדונ־
גען, נייע באַקוועמלעכקייטן, דאָס אויג פון דעם מענטש
וועט נישט ווערן זאַט פון זען, דאָס אויער וועט נישט
ווערן זאַט פון הערן. דאָס אַלץ איז בלויז אילוזיע — זאָגט
קהלת — ווייל אַלץ וואָס איז געטאָן געוואָרן. וועט ווײ־
טער געטאָן ווערן און קיין שום נייעס איז נישטאָ אונ־
טער דער זון.

אין קהלת זענען פאַראַן קאָנטראַסטן און סתירות,
ווייל קהלת איז ניט קיין טעאָרעטיש בוך, נאָר אַ שיל־
דערונג פון דעם לעבן, און דאָס לעבן איז בלויז קאָנ־
טראַסטן, בלויז סתירות. דער מענטש קען גאָרנישט
דערגרייכן. שלעכטע מעשים ווערן אָפּגעטאָן אונטער
דער זון, און די וויסנשאַפט ברענגט אויך גאָרנישט שב־
גאָרנישט.

גראָשנדיקע אַפּיקורסים האָבן אַ טענה צו קהלת:
וואָס הייסט, עס איז נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון?
סטייטש! און וואָס איז מיט אַן עראָפּלאַן, מיט אַ ראַדיאָ,
מיט אַ טעלעוויזיע און מיט דעם אַטאָם?

ווען מען באַקענט זיך אָבער אַביסל מער, מיט מאָ־
דערנער מאַטעמאַטיק, טעכניק און מעכאַניק, ווייסט מען,
אַז די גאַנצע היינטיקע נייע ציוויליזאַציע באַשטייט
בלויז פון אַנטדעקונגען און נישט פון קיין שום דערפינ־
דונגען. עס איז כלל נאָך גאָרנישט דערפונדן געוואָרן קיין
שום נייעס. טאָג־טעגלעך אַנטדעקט מען נייע זאַכן, ווייל
זיי זענען ביז צו דער אַנטדעקונג אויך געווען, נאָר מען

האָט זיי נישט דערקענט. מען האָט פון זיי נישט געוווּסט.

דער עראָפּלאַן, למשל, איז געבויט אויף די זעלבע יסודות און געזעצן, ווי דאָס פליען פון די פייגל, מען האָט אָבער קיינמאָל נישט אויסשטודירט אויף וואָס עס באַשטייט דאָס פליען פון די פייגל, ביז מען האָט דאָס אַנטדעקט, אָבער נישט דערפונדן.

ראַדיאָ און טעלעוויזיע זענען דער פּועל־יוצא פון דעם שטודיום פון מענטשלעכן אויג און מענטשלעכן אויער. מען האָט אַנטדעקט, אַז ליכט לויפט מיט אַ שנעלקייט פון 180 טויזנט מייל אין אַ סעקונדע. דאָס איז אויך בלויז אַן אַנטדעקונג און נישט קיין דערפינדונג. ווען עס וואָלט אַזוי פאַקטיש נישט געווען, וואָלט מען דאָס באַין אופן נישט געקענט באַשאַפן, אָדער דערפינדן.

ווער רעדט פון אַטאָם, וואָס איז כלל ניט קיין דערפינדונג, נאָר בלויז אַן אַנטדעקונג פון שוין עקזיסטירנ־דע, פּראָטאָנען, ניוטאָנען און עלעקטראָנען. איבערי־קנס, האָט נאָך מיט מער פון צוויי טויזנט יאָר צוריק דער אַלטער גריכישער פילאָזאָף דעמאָקריט, געלערנט אַז עס עקזיסטירן אַטאָמען.

אָט די אַנטדעקונגען האָבן טאַקע אָנגעמאַכט אַ גאַנצע מהפכה אין דער פילאָזאָפישער וועלט. מען האָט אַנט־דעקט זאַכן, וואָס לייגן זיך כלל נישט אויף דעם שכל. דערפאַר זאָגט אַ פּראָמינענטער אַמעריקאַנישער דענ־קער, אַז ער מוז אָנהייבן צווייפלען אין זיינע ביז איצטי־קע ספיקות. ביז היינט — זאָגט ער — האָבן מיר גע־

צווייפלט אין גלויבן, און היינט מוזן מיר אָנהייבן צווייפ־לען אין דעם, צי זענען מיר באַרעכטיקט צו צווייפלען אין גלויבן.

נעמען מיר למשל די אַנטדעקונגען פון מיקראָבן. קענען מיר דען פאַרשטיין מיט דעם שכל, אַז עס זענען פאַראַן מיליאַרדן לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס מיר קענען זיי בשום אופן נישט זען מיט אונדזערע אויגן? עס איז דאָך פשוט אַ שרעק, צו טראַכטן, אַז אַט די באַ־שעפענישן לעבן צווישן אונדזערע ציין, אין אונדזער מויל, און אין אונדזערע גערערים, אָבער אַ פאַקט איז עס. מען האָט עס אַנטדעקט.

אָדער למשל קען מען פאַרשטיין מיט דעם שכל, אַז דורך אַ דריי־עקיק שטיקל גלאָז, קען מען באַשטימען פון וואָס פאַרא מאַטעריאַל עס באַשטייען אַלע זאַכן אין דער וועלט?

די אַלע אַנטדעקונגען האָבן געברענגט צו דעם, אַז דער מענטש זעט, אַז מיט דעם שכל אַליין קען מען זיך נישט באַנוגענען, מען מוז גלויבן אין אַ גרויסן כוח, וואָס איז איבער דעם שכל.

* * *

דער באַרימטער פראַנצויזישער פילאָזאָף זשאַן פּאָול סאַרטער, דער מחבר פון דער נייעסטער פילאָסאָפיע, וואָס רופט זיך עקסיסטענציאַנאַליזם, האָט גרויסע טענות צו דער אַלגעמיינער וועלט־פילאָזאָפיע. זי איז געגאַנגען —

זאָגט ער — אויף אַ פֿאַלשן וועג. זייט טויזנטער יאָר האָט די וועלט־פֿילאָזאָפֿיע, נאָר כסדר געוואָלט אויפֿקלערן דעם זין פֿון דער וועלט, און דעם זין פֿון דער מענטשהייט, און האָט פֿאַרזען דעם יחיד, דעם איינצלנעם מענטש. אין דער גרויסער פֿילאָזאָפֿישער געביידע איז דער פּיט־שינקער יחיד עפּעס ווי פֿאַרלוירן געגאַנגען.

דער מאָדערנער עקזיסטענציאַליזם האָט זיך גע־שטעלט די אויפֿגאַבע, צו געבן דעם יחיד דעם זין פֿון זיין עקזיסטענץ, אים צו לערנען וואָס ער קען און וואָס ער דאַרף טאָן פֿאַר זיין עקזיסטענץ.

דער מענטש — לויט דער נייער פֿילאָזאָפֿיע — איז אין אַ כסדרדיקן אומרו, ווייל דער מענטש איז פֿריי, און אויב ער איז פֿריי, איז ער אַליין פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זיינע מעשים. טרויעריק איז דערפֿאַר דער גורל פֿון דעם מענטש, וואָס האָט נישט קיין שום פּלייצע, קיין שום ריקנהאַלטער, האָט זיך נישט אויף וועמען צו פֿאַרלאָזן, נאָר מוז זיין פּעקל אַליין טראָגן. די מענטשלעכע פֿרייהייט איז דערפֿאַר אַ פֿאַרשאָלטענע פֿרייהייט. פֿון דעם קומט דער אומרו, דער פּחד, דער שרעק, די מורא פֿאַר דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט.

עס איז דערפֿאַר דאָס גרעסטע גליק פֿאַר דעם מענטש, צו האָבן אַ גלויבן און צו גלויבן אין ג־ט, ווייל אָן גלויבן איז זייער אומהיימלעך. מיט דעם אומגלויבן פֿאַרשווינדן די שענסטע האָפֿנונגען, מען פֿאַרלירט אַ

סך טרייסט און אַ שטאַרקן אָנשפּאַר אין מאָמענט פון פאַרצווייפלונג.

די אינטעליגענץ פון דער היינטיקער וועלט, האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער נייער פילאָזאָפיע. אין אַמעריקע איז דער אינטערעס פון דעם עקזיסטענציאַליזם זייער גרויס. די אמונה אין דעם פּראָגרעס פון קולטור, האָט געליטן די גרעסטע מפּלה אין דעם לעצטן וועלט-קריג, און דאָס לעבן אַליין האָט צעטרייסלט דעם קולטור-אָפּ-טימיזם. דאָס לעבן האָט געברענגט אַ טיפע בענקשאַפט נאָך אמונה. אין אַן אַנקעטע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף דער האַרוואַרד-אוניווערזיטעט, האָבן זיבעציק פּראָצענט סטודענטן געענטפערט, אַז זיי האָבן אַ דראַנג צו אמונה און אַז זיי נויטיקן זיך אין גלויבן.

יידישע סטודענטן אין אַמעריקע, האָבן אָפּגעדרוקט אַן אויסגאַבע, אין וועלכער זיי דערקלערן ווי פאָלגט: „די קאַטאַסטראָפע-יאָרן פון היטלעריזם און סטאַלין, די וועלט-מלחמה און מדינת-ישראל, זענען פאַר אונדז דערשיינונגען, וואָס מיר קענען זיי אומבאַדינגט נישט פאַרשטיין מיט אונדזער שכל. די געשעענישן האָבן אין אונדזער לעבן געפירט צו אַ ווידערגעבורט פון אינטע-רעס פאַר אונדזער אמונה. מיר זעען אין אונדזער אמונה דעם איינציקן אָנהאַלט, דאָס איינציקסטע מיטל פון רע טונג. עס האָט ביי אונדז אויך געפּלאַצט דער גלויבן אין וויסנשאַפט: די אַמאָליקע זיכערקייט, אַז וויסן וועט וועגן עס איז פאַרענטפערן די גרונט-פראַגן און ענד-פראַגן

פון דער מענטשהייט. מיר זענען איבערצייגט, אַז וויסנ־שאַפט איז נישט קיין ערזאַץ פאַר אמונה".

באַקענענדיק זיך מיט די אַלע נייע מאָדערנע שטרע־מונגען, פאַרשטייט מען ריכטיק די ווערטער פון קהלת: נישט לעבנסלוסטיקייט און נישט וויסן, קען דעם יחיד געבן עקזיסטענץ, נאָר „סוף דבר הכל נשמע את האלקים ירא זאת מצוותיו שמור כי זה כל האדם". דער תכלית פון אַלע תכלית'ים איז דער גלויבן אין ג־ט; לעבן מאָ־ראַליש און עטיש. און דאָס איז דער מענטש. ער איז נישט קיין חכם, נישט קיין וויסנשאַפטלער, און נישט קיין באַקוועמלעכקייטס־באַשעפעניש, נאָר אַ מאָראַליש־עטיש וועזן.

צו דעם סוף קומט מען, נישט פון קיין טעאָריעס און נישט פון קיין שיטות, נאָר פון לעבן אַליין; פון די סתי־רות אין לעבן, פון די קאָנטראַסטן; מען קומט צו דעם, ווייל **כי זה, כל האָדם**... מאָראַל און עטיק, גלויבן אין ג־ט, נאָר דאָס, ברענגט גאַנצקייט אין דעם מענטש.

שמיני עצרת

(טראַדיציאָנעלע און פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען)

נאָך די ערנסטע און פאָרכטיקע טעג, פון ראש־השנה און יום־כיפור; נאָך די פריילעכע טעג פון סוכות, קומט דער יום־טוב — שמיני עצרת.

אין דער תורה, איז נישט אָנגעגעבן, נישט קיין שום באַדייט און נישט קיין שום אינהאַלט, פאַר דעם יום־טוב. עס שטייט בלויז: דעם אַכטן טאָג פון סוכות זאָלט איר מאַכן אַ יו״ט, עצרת. פאַרוואָס און צוליב וואָס, שטייט נישט.

אונדזערע גרויסע גייסטיקע אַרכיטעקטן, די אנשי כנסת הגדולה, האָבן אויסגעבויט די גייסטיקע געביידע, פון דעם יום־טוב, שמיני עצרת.

קודם כל, — זאָגן חז״ל — מיינט דער וואָרט עצרת: אויפהאַלט; איבערבלייב. אין סוכות פרייען זיך יידן. זיי עסן, טרינקען, טאַנצן, זינגען און שפילן. זאָגט דער רבש״ע צו די יידן: האַלט אייך אויף נאָך אַ טאָג, בלייבט אַליין מיט אייך; פאַרטראַכט אייך, אין אייך אַליין; וועט

איר פאַרשטיין, וואָס עס הייסט אמתע שמחה, וואָס עס הייסט אמתע פרייד.

מערקווירדיק! פאַר שמיני עצרת האָבן חז"ל אויס־קאָמבינירט, אַ מין וווּנדערלעכע צוזאַמענשטעלונג, פון תפילת גשם און הזכרת נשמות.

דאַכט זיך, אַז די צוויי באַגריפן, האָבן גאָר קיין שום שייכות נישט, איינער צום צווייטן. דאָס פאַרהעלטע־ניש פון גשם צו יזכור, איז אַזוי ווייט, ווי איינס פון דעם אַנדערן, ווי דער הימל איז ווייט פון דער ערד. דאָס געבעט אויף רעגן, איז געבונדן בלויז מיט גשמיות, בלויז מיט עולם הזה. דאַקעגן דאָס דערמאָנען די פאַרשטאָר־בענע איז בלויז עולם הבא, בלויז רוחניות. גשם איז בלויז גוף, בלויז קערפּערלעכקייט, און יזכור איז בלויז נשמה, בלויז גייסטיקייט. וואָס פאַר אַ מין צונויפשטעלונג איז דאָס?

אַ טיפערער בליק אין דעם אופן פון יידישן דענקען, לערנט אונדז, אַז נישט בלויז אין שמיני עצרת האָבן אונדזערע חכמים צונויפגעשטעלט די צוויי באַגריפן, נאָר אַפילו אין דער וואָכנדיקער שמונה עשרה, וואָס יע־דער ייד זאָגט דריי מאָל אין טאָג, פאַרבינדט ער דעם גשם מיט מתים. ער זאָגט: מכלכל חיים בחסד, מחיה מתים ברחמים רבים; ג־ט דערנערט די לעבעדיקע און מאַכט לעבן די טויטע און די גמרא זאָגט: מזכירין גשמים בתחיית המתים; דעם רעגן דערמאָנט מען צוזאַמען, מיט די פאַרשטאָרבענע. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

איך וויל צוריקקומען צום היינטיקן יום־טוב. אין שמיני עצרת, זאָגן חז״ל, דאַרף יעדער ייד זיך פאַרטראַכטן איבער דעם וואָס עס איז פרייד, וואָס עס איז שמחה.

יעדער וויל פרייד; יעדער וויל שמחה; מען ווינטש זיך, איינער דעם צווייטן צו דערלעבן שמחות. אָבער ווען האָט מען אמתדיקע שמחה? ווען האָט מען אמתדיקע פרייד?

דער היינטיקער מענטש זוכט פרייד אין לעבן. אָבער, ליידער געפינט ער נישט קיין פרייד. ווי קען מען זיך פרייען, ווען מען זעט אַז דאָס לעבן לויפט און יאָגט; עפּעס אַזוי פּוסט עפּעס אַזוי ליידיק, אַז עס איז בכלל גאָר נישט ווערט געלעבט צו ווערן. דאָן נאָך דעם פּוסטן יאָגעדיקן לעבן, קומט אַ מין ענדע, וואָס איז אַזוי עלנט, אַז עס נעמט ממש אַ שרעק זיך דעריין צו דערמאָנען. זוכנדיק פרייד, קלאַמערט זיך דער היינטיקער מענטש אין אונטערהאַלטונגען און פאַרוויילונגען, וואָס מען פאַראַנשטאַלטעט אין דעם לעבן. די אונטערהאַלטונגען און פאַרוויילונגען גיבן אָבער בשום אופן ניט קיין ברעקל פון פרייד. זיי הרגענען בלויז אַוועק די צייט; זיי באַשעפטיקן בלויז די געדאַנקען פון דעם מענטש, ער זאָל נישט אַריינקלערן אין דער פּוסטקייט פון זיין אייגן לעבן. מאָדערנע פּסיכאָלאָגן זאָגן אייך בפירוש, אַז אַלע היינטיקע ספּעקטאַקלען און פאַרשטעלונגען און גרויסע ענטוזיאַזמען, זענען בלויז קאַריקאַטורן פון פרייד. זיי האָבן אין זיך נישט קיין שום ממשות פון אמתער, פּסיכישער

פרייד. נאָך דעם איבערלעבן פון אַזעלכע ענטוזיאַזמען, פילט כמעט יעדער, אין זיין אונטערבאַוווסטזיין, אַז עס איז געווען גאָרנישט מיט גאָרנישט. בשעת מעשה רעדט מען זיך בלויז איין, אַז מען האָט אַן הנאה; באמת אָבער, איז דאָס בלויז אַן איינרעדעניש, וואָס באַזירט אויף אָפּ־נאַרעריי. היינטיקע וועלט אָרגאַניזירט שמחות. זי אָר־גאַניזירט אונטערהאַנדלונגען און פאַרוויילונגען. אמתע שמחות אָבער, קען מען נישט אָרגאַניזירן; זיי מוזן קו־מען אַליין, פון זיך און אין זיך. אמתע שמחות קען מען נישט אַראַנזשירן, פונקט ווי מען קען נישט אַראַנזשירן קיין שלום. שלום מוז קומען פון זיך, פון אינערן האַרץ און נישט פון קיין בלויזע, פוסטע פּראָפּאַגאַנדעס. אַ שלום, וואָס איז געמלאכה׳וועט איז קיין שלום נישט. אויך אַ געמלאכה׳וועטע שמחה איז נישט קיין פרייד און גיט נישט קיין עליית נשמה.

דאָס נישט קענען זיך פרייען פון דעם היינטיקן מענטש, איז פּסיכאָלאָגיש פאַרבונדן מיט דעם מאַטעריאַ־ליסטישן בליק פון דעם היינטיקן דור אויף וועלט און מענטש. אין קיין ג־טלעכקייט אין דער וועלט, גלויבט מען נישט; אַ לעבן פון ג־טלעכקייט און גייסטיקייט, לעבט מען נישט. דאָס שטאַרבן, באַטראַכט מען פאַר אַן אייביקן, אַבסאָלוטן טויט. פון וואַנען זאָל מען דאַן נעמען שמחה?

אמתע שמחה איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דעם, ווי אַזוי מען קוקט אויף לעבן און אויף טויט. ווען

א מענטש לעבט מיט אן אידעע, מיט גייסטיקייט, מיט ג־טלעכקייט; ווען א מענטש גלויבט אז ביידע: סיי לעבן און סיי טויט, שטאמען פון איין מקור, פון איין קוואל, — פון ג־ט, פילט ער א גאנץ אנדערן טעם אין לעבן. ער פילט דעמאלט, אן אינערע פרייד, וואס איז גאר נישט געבונדן מיט קיין דרויסנדיקע אנרעגונגען און עמאציעס.

אמתע פרייד האט דער ייד וועלכער קען פארבינדן דעם גשם מיט דעם יזכור; דעם גוף מיט דער נשמה; דעם עולם הזה מיט דעם עולם הבא. ער קען זיי פאר־בינדן דערפאר, ווייל ער זעט אין ביידע, די ג־טלעכ־קייט.

און באמת, וואס איז לעבן? נאך אלע גרויסע דער־פינדונגען און אנטדעקונגען, קען נאך אלץ קיינער נישט באהויפטן פון וואס עס באשטייט לעבן און פון וואנען עס קומט לעבן. אט קומט א רעגן, און באלעבט די נא־טור. דער רעגן ברענגט נארונג, פאר אלע בעלי־חיים. דער מענטש האט זיך אזוי צוגעוווינט צו דעם פראצעס פון רעגן און פון נאטור־באלעבונג, אז ער זעט נישט מער אין דעם קיין שום וואנדערלעכקייט, עס דאכט זיך אים, אז דאס איז א נאטור־געזעץ און האט מיט ג־טלעכקייט גארנישט צו טאן.

חז״ל זאגן, אז רעגן און נאטור־אויפלעבונג איז פונקט אזא וואונדער, ווי תחיית המתים. די אוצרות פון רעגן און די אוצרות פון תחית המתים זענען פארשלאסן מיט שליסלען, וואס געפינען זיך נאר אין דער האנט פון

רבש״ע אַליין. אמת! די נאַטור ברענגט רעגן. אָבער ווער איז די נאַטור? ווער לייטעט מיט איר? אויב נישט די ג-טלעכע קראַפט, וועלכע שטייט הינטער איר? (תענית ב׳ ע״א).

די גמרא דערציילט, אַז דער דור המבול, האָט גע־רויבט, געמאָרדעט און אָפּגעטאָן מעשים אשר לא יעשו. ווען מען האָט זיי אַמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט: סטייטש! האָט איר ניט קיין מורא פאַר ג-ט? שרעקט איר אייך נישט, אַז אין אָנגעזיכט פון אַזעלכע פאַרברעכנס וואָס איר באַגייט, וועלן די הימלען אויפהערן צו געבן רעגן? דערויף האָבן זיי געענטפערט: זיי דאַרפן נישט קיין רעגן, זיי האָבן גענוג וואַסער פון קוואַלן און ברו־נעמער וואָס זיי האָבן אַליין זיך געשאַפן מיט זייערע אייגענע הענט, זיי זענען דערפאַר גאַרנישט אָפּהענגיק פון הימל.

ג-ט אָבער האָט געזאָגט צום דור המבול: אויב איר אָנערקענט נישט, אַז אייער ברכה קומט פון הימל, וועט איר פאַר דאָס מוזן אָנערקענען די קללה פון הימל. דער־זעלבער רעגן, וואָס קומט פון הימל, אַלס אַ ברכה פאַר דער מענטשהייט, וועט קומען אויף אייך, אַלס אַ מבול, אַלס אַ קללה, אַ חורבן און אַ פאַרניכטונג.

דאָס איז ביז היינט אַן אייביקער אמת. די גרעסטע ברכות פאַר דער מענטשהייט, אויב זיי קומען נישט מיט דעם באַוווסטזיין פון ג-טלעכקייט, פאַרוואַנדלען זיי זיך אין קללות פאַר דער מענטשהייט. חכמה, גבורה און

עשרות, זענען די הויפּט־קוואַלן פון ברכה און גליק פאַר יעדן מענטש. אָבער אָן ג־טלעכקייט, זענען זיי ניט קיין ברכה, נישט קיין גליק, נאָר דאָס גרעסטע אומגליק. דער מדרש זאָגט, אַז בלעם און אחיתופל, זענען געווען פון די גרעסטע חכמים אין דער וועלט. אָבער זייער חכמה האָט זיי איבערגעפירט, זיי האָבן געברענגט אַ קללה, נישט קיין ברכה. שמשון הגבור און גלית הפלישתי, זענען געווען פון די גרעסטע גבורים אין דער וועלט. אָבער זייער גבורה האָט זיי ביידן אומגעברענגט. קרח און המן זענען געווען פון די גרעסטע עשירים אין דער וועלט. אָבער זייער עשירות האָט זיי ביידן באַגראָבן לעבעדיק.

וואָס פאַר אַ ברכה האָט די מאַטעריאַליסטישע ווי־סנשאַפט געברענגט פאַר דעם מענטש מיט דער אַנט־דעקונג פון אַ טעלעוויזיע, אָדער אַפילו מיט דעם אַטאָם? און וואָס פאַר אַ גדולה איז דאָס היינט אויף דער גאַנ־צער, גרויסער וועלט, מיט די רוסישע חכמים וואָס האָבן אַרויסגעשיקט אַ קינסטלעך לבנהלע, וואָס לויפט אַרום דעם ערד־קוגל? לויפט עס מיט עפּעס אַ ציל? מיט עפּעס אַ תכלית? וועט דאָס קינסטלעכע לבנהלע פאַרבעסערן די לאַגע פון די צענדליקער מיליאָנען מענטשן, פאַר־שמאַכטע אין געפּייניקטע, אין דעם לאַנד פון די דאָזיקע חכמים? אָדער וועט מען, אפשר גאָר, דורך דער דער־פינדונג קענען אַרויפשיקן צו דער לבנה מיליאָנען לעבע־דיקע מענטשן, כדי דאָרט, ווו קיינער זעט נישט, זיך קענען בעסער איזדיעקעווען איבער זיי? אַזאַ פּנים האָט

חכמה אָן ג־טלעכקייט. דאָס זעלבע איז מיט עשירות און מיט גבורה. לעבן וואָס סימבאָליזירט זיך אין גשם, ברענגט גליק נאָר דעמאָלט ווען עס איז געבונדן מיט ג־טלעכקייט. דאָס זעלבע איז מיט טויט. שטאַרבן איז דאָס גרעסטע אומגליק פאַר אַ מענטש, וואָס גלויבט נישט אין אַ לעבן נאָכן אָפּשטאַרבן. דער מאַטעריאַליסטישער מענטש זעט אין דעם טויט בלויז אונטערגאַנג, בלויז פאַר־ניכטונג. ער קען זיך נישט אויפהייבן צו דער מדרגה ער זאָל פאַרשטיין, אַז דווקא דאָס וואָס איז ניט קיין חומר, ניט קיין מאַטעריע; דווקא דאָס וואָס איז נישט גרייכ־באַר, נישט אָנטאַפּבאַר; דווקא דאָס וואָס מען זעט נישט און מען קען עס נישט נעמען אין דער האַנט אַריין; דווקא דאָס איז מער רעאַל, מער אמת, מער וואָר, ווי דאָס וואָס מען זעט און מען טאַפּט עס אָן. אַט דער מענטשלעכער געדאַנק און דער מענטשלעכער געפיל, איז באַשטימט אמת און וואָר. אָבער, קען מען אַ מענטש־לעכן געדאַנק אָנטאַפּן, אָדער קען מען אַ מענטשלעך גע־פיל זען? מיר דערמאָנען אונדזערע פאַרשטאָרבענע, מיר פילן אַ באַדערפעניש זיך צו פאַרבינדן געדאַנקלעך מיט זיי; דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז זיי זיינען נישט פאַרלוירן, זיי זענען נישט אונטערגעגאַנגען, זיי לעבן גייסטיק.

גשם און יזכור, איבערצייגן דעם מענטש, אַז אמונה, גלויבן אין ג־טלעכקייט, איז דער עסענץ פון לעבן און טויט. גדול יום גשמים כתחיית המתים; נישט בלויז עולם

הבא איז געבונדן מיט אמונה, נאָר אויך עולם הזה. ווען דער מענטש האָט אמונה, קען ער אויך האָבן אמתע פרייד. און די אמתע פרייד קומט טאַקע באַלד: אין שמחת תורה.

געדאַנקען וועגן שמחת תורה

איינער פון אונדזערע מאָדערנע ליטעראַטן ציט אַ פּאַראַלעל צווישן דעם יום טוב פון שמחת תורה און דער יידישער שפּראַך.

די יידישע שפּראַך און דער יום-טוב פון שמחת תורה האָבן ביידע איין גורל. רעדנדיק וועגן דעם פאָלקס יום-טוב: שמחת תורה, דערמאָנט זיך אויך, וועגן דער פאָלקס שפּראַך: יידיש.

די העברעישע שפּראַך איז אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך, די שפּראַך פון אונדזערע נביאים און תנאים; די שפּראַך, וואָס וועט אייביק זיין אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך.

און רייך איז די העברעישע שפּראַך. שיין, קרעפטיק און וווּנדערפול איז זי. נאָך שענער, נאָך רייכער, נאָך קרעפטיקער און וווּנדערפאַלער איז זי געוואָרן היינט, אין אונדזערע טעג פון אונדזער נאַציאָנאַלער ווידערגע-בורט. פון טאָג צו טאָג און פון שעה צו שעה ווערט זי שענער און רייכער, דורך די פעדערס פון געניאַלע

העברעישע שרייבער, און דורך די מיילעכלעך פון די יידישע קינדערלעך אין מדינת ישראל.

און אַלט איז זי, די העברעישע שפּראַך, עלטער פון אונדז. נאָך אברהם אבינו האָט עברית גערעדט און אויף דעם בארג סיני האָט מען די תורה אונדז אין העברעיש געגעבן.

יידיש דאַקעגן, ווייסט מען נישט גענוי ווען עס איז געשאַפן געוואָרן און ווען יידן האָבן אָנגעהויבן רעדן יידיש. לויט אַ טייל, האָט יידיש זיך אָנגעהויבן מיט „ג-ט פון אברהם", אָדער מיט „תחינות". לויט אַנדערע: מיט די ערשטע יידישע מעשה-ביכלעך. אָבער איין זאַך איז הכל מודים, אַז יידיש איז אַ שפּראַך, וואָס יידן האָבן זיך אַליין געשאַפן, זיי האָבן יידיש פון קיינעם נישט אויפגענומען. אין די גלות לענדער, האָט דאָס פאָלק אַליין געוואָלט האָבן אַן אייגענע שפּראַך, און האָט אָנגעהויבן רעדן יידיש.

און אַזוי איז די טבע פון אַ פאָלק. אַ פאָלק האָט ליב זיינע אייגענע שאַפונגען. דאָס, וואָס אַ פאָלק שאַפט פון זיך אַליין, פאַר זיך אַליין, דאָס ווערט איינגעבאקן ביי אים אין האַרצן.

אַ פאָלקס ליד איז דערפאַר אַזוי טייער און ליב ביי יעדן פאָלק. אַ פאָלקס ליד מעג זיין גאָר פּשוט, נאַאיוו און איינפאַך, אָבער פאַר דעם פאָלק איז עס האַרציק און נשמהדיק, כאָטש צומאָל ווייסט מען אפילו נישט גענוי, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן.

יידישע שפּראַך האָט אַרויסגעקוועלט פון דעם איי־גענעם יידישן ברונעם, פון דעם אייגענעם יידישן קוואַל. וויפל פרעמדע ווערטער און אויסדרוקן עס זענען אַריינגעפאַלן אין דעם ברונעם אונדזערן. זענען זיי זיך צעגאַנגען און געוואָרן פאַריידישט. די גרויסע מעכטיקע רייד פון אונזערע נביאים און תנאים, די „חזון ישעיהום" און די „אמר אביים" זענען אויך געוואָרן פאַריידישט.

ווער ווייסט ווי לאַנג אָט דער יידישער ברונעם אונד־זערער, וואָלט געוועז געקוואַלט מיט נייע גייסטיקע אוצ־רות, ווען דער גרעסטער רוצח פון דער וועלט, היטלער ימח שמו וזכרו, זאָל נישט געוועז פאַר שטאָפּן די מיי־לער פון זעקס מיליאָן יידיש רעדנדיקע יידן.

זיכער טוט ווי דאָס הארץ צוקוקנדיק אַז אונדזערע קינדער קענען נישט קיין שייטל עברי, און האָבן נישט קיין באַגריף פון דער שיינקייט און טיפקייט פון אונד־זער העברעאישער שפּראַך, אָבער עס קלעמט אויך דאָס האַרץ, און עס איז אונדז אַ גרויסער שאָד, וואָס זיי די קינדער אונדזערע. קענען נישט פילן דעם טעם פון אַן אמתן יידישן וואָרט און אַן אמתן יידישן פאָלקס אויס־דרוק.

דאָס זעלבע מיט שמחת תורה.

ראש השנה, יום כיפור, פסח, שבועות און סכות, זע נען אונדזערע אמתע ימים טובים. אַלטע ימים טובים מיט פאַרשידענע באַדייטונגען און סימבאָלן. די שלש רגלים: פּסח, שבועות און סוכות, שטאַמען אַלע נאָך פון

דער צייט, ווען מיר זענען אלס פאלק קוים געהאט גע־בוירן געוואָרן; נאָך אין דער מדבר געוואנדערט, און קיין פעסטן באָדן אונטער די פיס נישט געהאט. זיי זענען אונדזערע אייביקע ימים טובים. שיין זענען זיי. רייך און פּרעכטיק מיט זייערע מצוות און מנהגים, מיט זייערע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, און אלס אַזעלכע וועלן זיי פאר אונדז אייביק בלייבן, טייער און הייליק.

שמחת תורה דאַקעגן איז נישט קיין אַלטער יום־טוב. פאַקטיש ווייסן מיר אפילו נישט ווען ער איז געשאַפן געוואָרן. קיינער האָט אים נישט געבאָטן. קיינער האָט אים נישט באַפוילן, נישטאָ קיין דין פאַר מאַכן שמחת תורה. דאָס פאָלק אַליין האָט זיך דעם יום טוב געשאַפן. יידן אין גלות האָבן געוואָלט האָבן אַליין אַ יום טוב, געשאַפן פון זיך און פאַר זיך, האָבן זיי געמאַכט אַ שמחת תורה.

אין ארץ ישראל איז שמחת תורה בכלל נישטאָ. דער סוכות יום טוב פאַרענדיקט זיך מיט דעם געבאָטענעם יום טוב פון שמיני עצרת. ווען מיר פייערן דאָ שמחת תורה, איז אין ארץ ישראל שוין אינדערוואָכן; אויס יום טוב.

שמחת תורה איז די אמתע פאָלקס שאַפונג, איז דער אמתער פאָלקס יום טוב און דערפאַר איז ער דער פריי־לעכסטער ביים פאָלק. ער איז האַרציק און נשמהדיק.

זיכער טוט ווי דאָס האַרץ צוקוקנדיק ווי יידישע שבתים און ימים טובים ווערן פאַרשוועכט, באַליידיקט

און וואָכעדיק געמאַכט. עס טוט ווי די האַרץ אויף דעם, וואָס עס איז נישטאָ מער די הייליקייט און רוחניותדי־קייט פון שבת און יום טוב, אָבער עס קלעמט די האַרץ און עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס יידן פילן נישט מער דעם טעם פון שמחת תורה, און האָבן פאַרלוירן די אמתע יידישע פרייד, וואָס האָט אין דעם טאָג תמיד ביי אונדז געהערשט.

* * *

וואָס איז די באַדייטונג פון דעם פאָלקס יום טוב שמחת תורה?

יידן פרייען זיך, וואָס זיי האָבן פאַרענדיקט לייענען די פינף חומשים פון דער תורה, און זיי וועלן דעם נעכסטן שבת ווידער אָנפאַנגען פון דאָסניי, פון בראשית.

דאָס איז סימבאָליש פאַר דעם יידישן פאָלק, אַלס אַן אייביק לערנענדיק פאָלק, אַלס אַ פאָלק וואָס בינדט צו־נויף דעם סוף מיט דעם אָנהויב. שמחת תורה איז גלייכ־צייטיק אַ וואָרנונג פאַר דעם ייד, צו געדענקען, אַז וויפל ער זאָל נישט האָבן געלערנט אַז אפילו דאַמאָלס, ווען זיינע גייסטיקע דערגרייכונגען דערגייען ביז צו אַ גע־וויסן הויך פונקט, מוז ער זיך אַלץ אומקערן צוריק צום אָנהויב.

דאַכט זיך: ערשט פאַרענדיקט אַ תורה, וואָס אַנט־האַלט אין זיך אַזוי פיל געזעצן און באַפעלן, וואָס לערנט ווי אַזוי צו זיין איידל און הייליק; ערשט פאַרענדיקט אַ

תורה, וואָס שליסט מיט אַ געזאַנג, צו וועלכן עס הערן זיך צו הימל און ערד... דאַכט זיך אַז מיט דעם פאַרענ־דיקן פון אַלע פינף חומשים, האָט דער ייד אין זיך איינ־געזאַפּט הויכע געדאַנקען, טיפע רייד און הערלעכע פּאָעזיע, וואָס דאַרפן אים שלייפן, איידלען און פאַרמען. דאַכט זיך אַז געוויס, אַז ער מעג איצט זיך שוין אָפּ־שטעלן. קומט דער יידישער פאָלקס יום טוב שמחת תו־רה און זאָגט: ניין! הויב אָן אויפסניי.

אויב מען דאַרף אָנהויבן אויפסניי, דאַן זענען שוין אַלע גלייך — מען הויבט אָן — הייסט עס — גיין אויפסניי אין חדר אַריין.

דווקא דער המון, די יידישע טרעגערס, שניידערס און בעלי־עגלות, האָבן מער פון אַלע געטאַנצט און זיך געפרייט אין שמחת תורה. אַז מען הויבט אָן פון אָנ־הויב, זענען אַלע גלייכע מחותנים.

דער באַקאַנטער גרויסער ראָפּטשיצער רב, האָט דערציילט, אַז קיינמאָל האָט אים קיינער נישט אַזוי מנצח געווען, ווי אַ בעל עגלה אין שמחת תורה.

און דער רבי האָט דערציילט: אַז איינמאָל אין שמחת תורה ביי די הקפות, האָט ער באַמערקט ווי אַ בעל עגלה טאַנצט מיט דער ספר תורה און איז מלא שמחה. דער רבי איז צוגעגאַנגען צו אים און געפרעגט: הערט נאָר מיין ליבער ייד. וואָס איז מיט אייך אַזוינס די שמחה? וואָס פרייט איר אייך אַזוי? האָט איר אַ סך געלערנט פון דער תורה?

דערויף האָט דער בעל עגלה אים טאַקע תיכּף געענט־פערט בזה הלשון: אָט גייען מיר איצט אַוועק פון יום כּיפּור. און איך האָב זיך געקלאַפּט אין הארצן ביים זאָגן על חטא. צווישן די על חטאס האָב איך אויך געזאָגט „על חטא שחטאנו לפניך בכפּת שוחד״. איך האָב זיך — ווי איר זעט — געקלאַפּט אין הארצן, אויף דער זינד פון נעמען שוחד. פרעג איך אייך רבי: ווי קום איך צו שוחד? אַ רב בין איך? אַ בעל עגלה בין איך. און צו אַ בעל עגלה קומען נישט קיין בעלי דינים. און אַ בעל עגלה קען נישט נעמען קיין שוחד. אלא וואָס דען? אפּ־נים, אַז דאָס האָב איך זיך געקלאַפּט אין הארצן פאַר „אייערע״ חטאים, רבי! ווייל שוחד נעמט איר. צו אייך קומען די בעלי דינים. איצט פרעג איך אייך רבי: ווו איז יושר? פאַר אייערע זינד דאַרף איך זיך קלאַפּן אין הארצן, און מיט אייער תורה האָט איך נישט קיין רעכט זיך צו פרייען?...

שמחת תורה איז אַ פאָלקס יום־טוב אין פּולן זין פון וואָרט. צו די הקפות פלעגן גיין מענער און פרויען, יונג און אַלט. שמחת תורה פלעגן אפילו אין דער אַל־טער היים, די פרויען נישט גיין אין דער ספּעציעלער ווייבערישער שול, ווי אַ גאַנץ יאָר, נאָר טאַקע אונטן אין דער מענערישער שול און אַלע צוזאַמען האָבן זיך געפרייט.

די לעצטע תקופה האָט צום באַדויערן אריינגעבראַכט אַ ביליקע וואָכעדיקייט, אין דעם גאַנצן יידישן כּלל און

פרט לעבן. עס איז פארטריבן געוואָרן די שכינה און די קדושה, וואָס פלעגט ביי יידן הערשן אין די שבתים און אין די ימים טובים. אויך אונדזער ליבער הארציקער פאָלקס יום-טוב שמחת תורה, איז באַרויבט געוואָרן פון זיין הערלעכער באַדייטונג. עס האָט זיך אוים געוועפּט די געטלעכע פרייד און פּאָעזיע. אמת, מען דרייט זיך נאָך היינט אויך אין די בתי מדרשים מיט דער תורה. מען טאַנצט און מען טרינקט, אָבער דער וואָס האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אַן אמתער שמחת תורה אין דער אַלטער היים. פילט ווי אָרעם אונדזערע היינטיקע שמחת תורה פייערונגען זענען.

אַ שאָד, וואָס דער שיינער יידישער הארציקער פאָלקס יום טוב האָט פאַרלוירן זיין אַמאָליקע וואַרעמקייט און פייערלעכקייט. ווער איז דעם שולדיק? אדרבא, זאָגט איר אַליין, ווער?...

מיינע טייערע יידן שוועסטער און ברידער פון מעקסיקע, איך ווינטש אייך אַ לוסטיקן שמחת-תורה.

בראשית

די געשיכטע פון דעם וועלט באַשאַף, ווי זי ווערט געשילדערט אין אונדזער היינטיקער סדרה, איז אָנגע־לאָדן מיט גאַנצע וועלטן פון סודות און געהיימנישן.

אין דעם באַשטייט די אייביקייט פון אונדזער תורה. זי איז געשריבן, אין אַזאַ פאָרם און אין אַזאַ סטיל, אַז כמעט יעדער מענטש, פאַרשטייט זי אַנדערש. יעדער, פאַסט אויף די תורה לויט. זיין אויפפאַסונג־כח, לויט זיין פאַרשטאַנד און לויט זיין פעאיקייט; יעדער זעט זי אַנ־דערש און יעדער, געפינט אין איר, עפּעס אַנדערש.

פּונקט ווי פאַרשידן עס איז דער אויסטייטש פון דעם וועלט באַשאַף, אין אונדזער תורה, אַזוי פאַרשידן איז אויך, דער אויסטייטש פון דער ערשטער מענטשלעכער זינד, וואָס איז געשילדערט, אין אונדזער היינטיקער סדרה.

וואָס מיינט: עץ הדעת טוב ורע? אין וואָס, איז באַ־שטאַנען די זינד, פון אדם הראשון? וואָס פאַר אַ ראָלע האָט געשפּילט די שלאַנג? און אַזוי ווייטער, אַ גאַנצער אוצר מיט ספרים, איז אָנגעשריבן געוואָרן, אויף דעם.

דער אמתער, תוכנדיקער אינהאלט פון דער שילדערונג, בלייבט א סוד, א געהיימניס.

ווען מיר טאקע דעם אמתדיקן תוכנ׳דיקן אינהאלט לאזן אין א זייט. מיר וועלן נאך רעדן פון דעם, אזוי גע־רופענעם ארום און ארום. אויסער דעם עיקר פון דער מעשה, זענען אין דער שילדערונג פאראן נעבענבאמער־קונגען, וואס זענען פאר אונדז זייער אינטערעסאנט. די נעבענבאמערקונגען, זענען נישט בלויז אינטערע־סאנט, נאר אויך וויכטיק פאר אונדז, ווייל אין זיי גע־פינען מיר, דעם אזוי גערופענעם פסיכאלאגישן שליסל, צו דעם מענטשלעכן גייסט. צו די מענטשלעכער נשמה, צו די מענטשלעכע שוואכקייטן, נייגונגען און ליידנ־שאפטן.

ווי אזוי זעט אויס, דער פראצעס פון טאן אן עבירה, ביים מענטש? ווי אזוי פילט דער מענטש, נאכדעם ווי ער האט שוין אפגעטאן די עבירה? די פראבלעמען, איבער וועלכע מאדערנע פסיכאלאגיע, האט אנגעשריבן גאנצע, דיקע ביכער, געפינען מיר אין אונדזער תורה, אין א פאר קורצע זאצן, וועלכע מיר דארפן לייענען מיט אויפמערק־זאמקייט.

די מעשה פון דער ערשטער מענטשלעכער עבירה, הויבט זיך אן מיט דעם: והנחש היה ערום; די שלאנג איז געווען אונטערליסטיק. דער אויסדרוק „די שלאנג״ שטייט דא אין אלעגארישן זין. אלע מפורשים זענען זיך אייניק דאריך, אז אונטער דעם אויסדרוק, די שלאנג, איז

דאָ געמיינט: די תאווה, די ליידנשאַפט, דער פאַרפירערישער שכל, דער שטן, אָדער דער יצר הרע. פאַרוואָס באַנוצט זיך די תורה, מיט דעם אויסדרוק: די שלאַנג? פשוט דערפאַר, ווייל די מעטשלעכע תאווה, קומט אַזוי שטיל, אַזוי אומפאַרהאָפט, אַזוי פלוצים, ווי אַ שלאַנג. זי לויערט אויף דעם מענטש, אין דער שטיל און ער ווייסט דערפון, גאָרנישט. אַ שלאַנג קומט, אָן אַ שאָרך, אָן אַ שריט, אָן אַ גערויש, אָן אַ קול און אָן אָן אָטעם. קיין שום סימן איז פריער נישט פאַראַן, אַז זי וועט קומען. דאָס זעלבע איז מיט דער מענטשלעכער תאווה.

די ערשטע טענה פון דער אַלעגאָרישער שלאַנג איז: אף כי אמר אלקים לא תאכלו מכל עץ הגן; האָט דען ווירקלעך ג-ט פאַרבאָטן, צו געניסן פון אַלעם, וואָס עס איז דאָ אין גאָרטן? די טענה, איז אַזוי באַקאַנט, אַז עס איז כלל גאָר נישט נויטיק, זי צו דערקלערן. ווען דער מענטש ווערט פלוצים באַפאַלן, פון אַ ליידנשאַפט צו עפּעס און האָט מורא, די ליידנשאַפט אויסצופירן, קומט דער פאַרפירערישער שכל און טענהט צו אים: פאַרוואָס, זאָלסטו דאָס נישט טאָן? דענקסטו דען באמת, אַז ג-ט האָט דאָס אַלעס פאַרבאָטן? האָט דען ווירקלעך ג-ט פאַרבאָטן, צו טאָן דאָס אַלעס? ג-ט האָט דאָך דאָס אַלעס באַשאַפן; דער עולם הזה איז דאָך אויך פון ג-ט; פאַרוואָס, זאָלסטו עפּעס נישט טאָרן, געניסן פון דעם עולם הזה?

אויף אַט אַזאַ טענה, ענטפערט אין ערשטן מאָ

מענט, אונדזער געדאַנק, אַן אַנטוואָרט, וואָס איז ענלעך צו דעם ענטפער, פון חוה. חוה זאָגט צו דער שלאַנג: ג־ט האָט נישט אַלעם פאַרבאָטן. פאַרקערט: ג־ט האָט אַלעם דערלויבט, נאָר איין אויסנאַם; דעם עץ הדעת, האָט ער פאַרבאָטן אויך דער מענטשלעכער געדאַנק זאָגט צו־מאָל: מיר מעגן געניסן פון דער גאַנצער וועלט, פון אַלעם, וואָס עס איז דאָ אין דעם עולם הזה. נאָר געוויסע זאַכן, זענען פאַר אונדז נישט דערלויבט. אויב מען זאָגט זיך אָפּ, למשל פון חזיר, אָדער פון געפּגרטע נבילות, הייסט דאָס, זיך אָפּגעזאָגט פון עולם הזה?

נאָך אַזאַ תשובה, קומט דאַן די שלאַנג, שוין מיט גאָר אַן אַנדערע טענה. זי זאָגט: גראַדע דאָס פאַרבאָ־טענע, דאַרפסטו געניסן; דו דאַרפסט דיך נישט לאָזן בינדן, מיט קיין פאַרבאָטן; דו מוזט אַלעם פאַרזוכן, ווײַס־טו האָבן אָפענע אויגן און וועסט דערקענען די וועלט. ונפקחו עיניכם; דו מוזט מיט דיינע אייגענע אויגן, אונ־טערשיידן צווישן גוטס און שלעכטס און נישט זיך לאָזן באַפעלן, פון וועמען עס איז: צו טאָן, אָדער נישט צו טאָן.

נאָך דער שכלדיקער טענה קומט דאַן די עבירה.

דאַכט זיך, אַז דער הויפּט מאָטיוו פון דעם טאָן די עבירה, איז געווען דער שכלדיקער אַרגומענט, כדי צו ווייזן, אַז מען איז קלוג, אַז מען איז נישט געבונדן, אַז מען האָט אָפענע אויגן און אַזוי ווייטער. אָבער דאָס

איז פאַלש. דער הויפּט מאָטיוו איז פּשוט: ליידנשאַפט, תאווה און גשמיותדיקער געגוס.

דערציילט דערפאַר די תורה, אַז חוה בשעת זי האָט געגעסן פון דער פאַרבאָטענער פרוכט, האָט פּשוט גע-פילט אַ געגוס, פון דער פרוכט און זי האָט זיך געזע-טיקט מיט איר. עס איז נישט געווען, נישט קיין קלוג-שאַפט, נישט קיין אָפענע אויגן, נאָר אַ תאווה און אַ צופרידנשטעלונג פון אַ ריין-קערפּערלעכער נייגונג. קיין מענטש, וויל נישט צוגעבן, אַז ער טוט אַן עבירה, ווייל זיין אַנימאַלע נאַטור, פאַרלאַנגט פון אים אַזוי צו טאָן; ער רעדט זיך איין, אַז ער טוט עס פאַר קלוגשאַפט, פאַר אויפגעקלערטקייט; אין אמתן אָבער, איז דאָס אַלעס פאַלש. מען טוט דאָס נאָר כדי צו זעטיקן די בעסטיאַ-לישע נייגונגען וועלכע זענען פאַראַן אין מענטש.

מיט דעם איז פאַרענדיקט דער ערשטער אַקט פון דער שילדערונג. איצט קומט דער צווייטער אַקט.

נאָכדעם, ווי דער חטא איז אָפּגעטאָן געוואָרן, דער-מאָנען זיך דאָן חוה מיט אדם הראשון, אַז עפּעס האָט מען דאָך גערעדט: מען ווערט קלוגער, נאָך דעם אָפּטאָן פון אַן עבירה. מען באַקומט אָפענע אויגן. דערציילט די תורה, אַז: ותפקחנה עיני שניהם וידעו כי עירומים הם; די אויגן האָבן זיך טאַקע ביי זיי ביידן געעפנט, נאָר קלוגער זענען זיי נישט געוואָרן; זיי האָבן דערזען, עפּעס גאַנץ אַנדערש; זיי האָבן פּלוצים באַמערקט, אַז זיי זענען גאַנץ נאַקעט. דער מדרש זאָגט: זיי האָבן דער-

זען: מצווה אחת היתה בידם ונתערטלו הימנה; בלויז איין איינציק געבאָט, האָבן זיי געהאַט, מיט וועלכן זיי זענען געווען אַנדערש, פון אַנדערע בעלי חיים און דאָס, האָבן זיי פאַרלוירן. זיי האָבן, הייסט עס, אנגעזען, אַז אָשטאָט קלוגער צו ווערן, האָבן זיי זיך גאָר באַנאַרישט פאַרשטייט זיך, אַז דער געדאַנק האָט זיי געפּלאָגט. אַ געפיל פון בושה האָט זיי באַהערשט. זיי פאַרשטעקן זיך. זיי מיינען, אַז מען קען זיך באַהאַלטן, אפילו פון דעם אייגענעם געדאַנק און דעם אייגענעם געפיל. אָבער דער קול ד׳, די ג־טלעכע שטימע, באַגלייט זיי און פאַרפאָלגט זיי, ביז אין זייער פאַרבאָרגנסטן באַהעלטעניש. די שטימע שריים: איכה? ווו ביסטו מענטש? ווו ביסטו פאַרקראָכן; דאַמאָלס גיט אדם הראשון צו: את קולך שמעתי בגן ואירא: דיין שטימע האָב איך געהערט און איך האָב מורא באַקומען. אין די ווערטער, ליגט דער סוד פון די מענטשלעכע געוויסנביסע, פון די פּלאָגן וואָס דער מענטש האָט, פון זיין אייגענעם געדאַנק און פון זיין אייגענעם באַוווסטזיין.

נישט זעלטן באַגעגענען מיר אין לעבן אַ מענטש וואָס איז אַ גאַנצער תקיף, אַ מענטש מיט אַ מענה לשון, אַ גאַנצער כל ולך, אָבער עפּעס איז ער נישט ביי דער שטימונג; ער גייט אַרום אַן אָנגעכמורעטער, אַן אָנגעבלאָזענער, ער רעדט נישט קיין וואָרט. מען וואָלט געקענט מיינען: מי יודע וואָס אים איז געשען; מי יודע, וואָס פאַר אַן אומגליק עס האָט אים פּאַסירט. אין אמתן

אָבער, האָט אים גאָר נישט פּאַסירט. עס איז אים גאָ‏
גיט געשען און קיינער האָט אים גאָר נישט געטאָן. דאָס
זענען זיינע אייגענע געוויסנסבּיסן; דאָס פּלאָגט אים, זיין
אייגענער געדאַנק, פאַר אַ געוויס שטיקל, אַרבעט, וואָס
ער האָט אָפּגעטאָן. זיין אייגן באַוווסטזיין מאַטערט אים.

מיר לייענען ווייטער אין די פּסוקים. אָדם הראשון
זאָגט: די ג־טלעכע שטימע שרעקט אים; ער האָט מורא.
מיינט מען דאָך, אַז מיט דעם ענדיקט זיך די מעשה. ניין!
עס קומט דאָן נאָך אַ דריטער אַקט. עס קומט דער משפּט.
עס קומט דאָס געריכט. אָדם ווערט געצווּנגען צו פאַראַנט־
וואָרטונג, פאַר דעם חטא וואָס ער איז באַגאַנגען.

ג־ט שטעלט אָדם'ן פאַר דעם געריכט. אָדם הערט די
אָנקלאַגע פון ג־ט, זי לויטעט: ווי פאַלסטו אוים צו טאָן
דאָס, וואָס איך האָב דיר פאַרבאָטן צו טאָן?

וואָס ענטפערט אָדם הראשון אויף דער אָנקלאַגע?
אַ זייער אינטערעסאַנטע און אונדז אַלעמען זייער באַ־
קאַנטע, תשובה. ער זאָגט: האשה אשר נתת עמדי היא
נתנה לי מן העץ ואכל. אָט די פרוי, וואָס דו ג־ט אַליין,
האָסט מיך זי געגעבן, זי האָט מיר דערלאַנגט פון דער
פרוכט און איך האָב געגעסן. אין אַנדערע ווערטער מיינט
דאָס: אמת! איך בין באַגאַנגען אַ זינד! אָבער, צו בין
איך שולדיק? דו אַליין האָסט מיך דאָך געבּרענגט צו דער
עבירה. דו אַליין, האָסט דאָך מיר געגעבן די פרוי, וואָס
האָט מיך צוגערעדט צו טאָן די זינד. די טענה איז אונדז
אַזוי באַקאַנט, אַז מיר דאַרפן זי גאָר נישט דערקלערן.

מיר דערקענען זי פון אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן. כאָפּט מען שוין אַ זינדיקן, ביי דער האַנט; ער קען זיך מער נישט אַרויסדרייען; ער מוז צוגעבן, אַז ער האָט עס גע־טאָן; דאַמאָלס, קומט דיזעלבע טענה, ווי ביי אָדם הראשון. דער זינדיקער טענהט: וואָס בין איך שולדיק? האָב איך מיר דען געקענט העלפן? איך בין אַזאַ מענטש; איך האָב אַזאַ טעמפּעראַמענט; איך בין אַזוי געבוירן מיט אַזאַ טבע וכדומה.

אויך חוה ענטפערט דאָסזעלבע: הנחש השיאני; די שלאַנג האָט מיך אָנגערעדט דערצו. האָט דאָך ג־ט אַליין באַשאַפן די שלאַנגען. צו וואָס זענען זיי דאָ, אויב נישט אָנצורייצן דעם מענטש? דאָס נישט וועלן זיך באַקענען צו דער זינד, דאָס איז איינס פון די ערגסטע זאַכן ביים מענטש.

עס קומט דאַן די שטראָף: ויגרש את האדם. דער מענטש ווערט פאַרטריבן פון גן עדן. אַ מענטש, וואָס זינ־דיקט, אַ מענטש, וועלכער קען ניט באַהערשן זיינע ליי־דנשאַפטן, האָט ניט קיין לעבן. אַנשטאָט וואָס לעבן דאַרף זיין אַ גן עדן פאַר דעם מענטש; דער מענטש דאַרף האָבן אַ געניום פון דעם וואָס ער לעבט ווי אַ מענטש, פון דעם וואָס זיין מענטשלעך געוויסן איז ריין, האָט דער זינדיקער קיין לעבן נישט. עס פּלאָגן אים זיינע געדאַנקען; עס קרענקט אים זיין געוויסן; ניט קיין גן עדן, נאָר אַ גיהנם האָט ער. דאָס זענען אייביקע אמתן.

נ ח

די פסוקים פון דער היינטיקער סדרה, דערציילן אונדז די ווונדערלעכע געשיכטע פון דעם מבול. זיי דער־ציילן אונדז, אז די וועלט, וואס ג־ט האט באשאפן, איז געווען: א **שיינע, א** ליכטיקע און א פרעכטיקע. אבער די מענטשן זענען געווען שלעכט. זיי האבן חריב געמאכט די שיינע וועלט. עס האט ניט געהאלפן: ניט דער שכל פון אדם הראשון, וועלכן ער האט באקומען, נאכדעם ווי ער האט פארזוכט דעם עץ הדעת. עס האבן נישט געהאלפן די דערפינדונגען פון תובל קין, אויף דעם געביט פון טעכניק און אינדוסטריע. עס האט ניט גע־האלפן די ציוויליזאציע, וואס האט איינגעפירט יבל, אויף דעם געביט פון אגריקולטור און עקאנאמיע. ס׳האט אפילו ניט געהאלפן די קונסט פון הארפע און מוזיק, וואס יובל האט דערפינדן. די מענטשן זענען פון דעם אלעם, נישט בעסער געווארן נאר פארקערט, נאך ערגער געווארן פון טאג צו טאג. וואס מער דערפינדונגען און וואס מער ציוויליזאציע דער מענטש האט באקומען, אלץ מער גאווה און תאווה האט ער געהאט, אלץ בעסערע

כלים האָט ער פאַבריצירט, כדי צו קענען רויבן, מאָרדן און שענדן.

אויב אַזוי, איז דאָך אַ שאַד, וואָס עס שטייט אַזאַ שיינע וועלט, פאַר אַזעלכע פאַרדאָרבענע מענטשן. דערפאַר האָט ג-ט באַשלאָסן אָפּצווישן די גאַנצע וועלט. אַ מבול איז געקומען און די מענטשן מיט זייערע לענדער זענען פאַרניכטעט געוואָרן.

געוויס, וואָלט טאַקע ג-ט געווען אָפּגעמעקט די גאַנצע מענטשהייט, וואָס האָט פאַרדאָרבן איר וועג. אָבער איין מענטש איז געווען אַן ערלעכער. דאָס איז געווען נח. ער האָט געראַטעוועט די מענטשהייט פון אונטערגאַנג. נח האָט געוויזן, אַז אַפילו אין דעם פאַרדאָרבענסטן דור, קען מען בלייבן אַ צדיק. דער מענטש האָט אַ כח אין זיין נשמה צו קענען זיך איבערשטאַרקן איבער זיינע תאוות. דערפאַר האָט ג-ט באַשלאָסן, אַז נח זאָל געראַטעוועט ווערן פון דעם מבול. אפשר וועלן פון אים אַרויסקומען דורות וואָס וועלן זיין בעסער ווי דער דור, וואָס ווערט פאַרניכטעט דורך דעם מבול.

אַזוי איז אויך געשען! די מענטשהייט איז געראַטעוועט געוואָרן דורך נחן. די קינדער פון נח האָבן אויפסניי אָנגעהויבן בויען אַ נייע וועלט, מיט אַ נייע קולטור און מיט אַ נייער ציוויליזאַציע.

די האָפענונג, אַז די מענטשהייט וועט נאָך דעם חורבן פון מבול בעסער ווערן, איז אָבער ניט דערפילט געוואָרן. עס קומט באַלד אַ נמרוד, אַ טיראַן, וועלכער

פאַרשקלאַפּט זיין דור. עס קומט אַ רעוואָלוציע קעגן ג־ט. מענטשן ווילן דערגרייכן דעם הימל. עס קומען רשעים פון סדום ועמורה, און אַזוי ווייטער.

די מפורשים שטעלן זיך אָפּ און פרעגן: וואָס איז דערגרייכט געוואָרן מיט דעם מבול? די תורה אַליין דערציילט, אַז נאָך דעם מבול, זענען די מענטשן גאָר ניט בעסער געוואָרן. זיי האָבן פון דעם מבול, גאָר נישט געלערנט. פאַרוואָס איז דער דור נאָך דעם מבול, יאָ געבליבן לעבן און איז ניט פאַרניכטעט געוואָרן? ער איז דאָך, מיט גאָר ניט געווען בעסער, פון דעם דור פון פאַר דעם מבול?

די פראַגע פאַרענטפערן אונדזערע מפורשים פשוט. זיי זאָגן, אַז אמת. דער שפּעטערער דור איז נישט גע־ווען בעסער, פון דעם דור המבול. אָבער אינצווישן איז געשען עפּעס, וואָס האָט מער צו קיין וועלט פאַרניכ־טונג ניט צו געלאָזט. נאָכדעם, ווי נח אין אַרויס פון דער תיבה, האָט ער אויפגעשטעלט אַ מזבח און האָט אויפ־געבראַכט קרבנות פאַר ג־ט. די פּסוקים דערציילן, אַז ווען ג־ט האָט דערשמעקט דעם ריח פון דעם קרבן, האָט ער באַשלאָסן מער ניט צו פאַרשעלטן די וועלט, פון וועגן דעם מענטש. ג־ט האָט געשלאָסן אַ בונד מיט נחן און זיינע קינדער. ער האָט זיי פאַרשפּראָכן, אַז עס וועט מער קיין מבול ניט זיין אויף דער וועלט. אַלס אַ צייכן פאַר דעם. האָט ג־ט אָנגעוויזן אויף דעם בויגן, אין דעם

וואלקן. ג־ט האט געזאגט: ווען עס וועלן קומען וואל־
קנס, אויף דער ערד, וועט זיך באווייזן דער בויגן און
איך וועל זיך דערמאנען אין דעם בונד און קיין מבול וועט
מער נישט זיין.

די דערקלערונג איז זייער אומפארשטענדלעך. לויט
דער דערקלערונג קומט אויס, אז אונדזער וועלט האט
שוין ניט איינמאל געדארפט אונטערגיין. נאר דער קרבן
פון נח האט זי געראטעוועט. פרעגט זיך א שאלה: צו
איז א וועלט־אונטערגאנג, אזא מין קלייניקייט, וואס אן
נחס קרבן, וואלט עס געווען געקומען; און נאר נחס קרבן
דערהאלט די גאנצע וועלט, ביז אויף דעם היינטיקן טאג?
און בכלל, וואס פאר א כח האט געהאט דער קרבן פון
נח, צו קענען איינשטעלן די פארניכטונג פון דער וועלט,
אויף אייביק?

אויף א ווונדערלעכן אופן דערקלערט דער מדרש דעם
ענין. דער פסוק זאגט: ג־ט האט דערשמעקט דעם גע־
שמאקן ריח פון דעם קרבן. הריח ריח דורו של אברהם
אבינו עולה מכבשן האש, הריח ריח דורו של חנניה
מישאל ועזריה, הריח ריח דורו של שמד. משל למלך
שבקש לבנות אפלטין על הים ולא היה יודע היכן לב־
נותה ומצא צלוחית של אפרסמון ובנה אותו עליה הה״ד
כי הוא על ימים יסדה ובאיזה זכות בזכות זה דור
דורשיו.

ג־ט האט דערשמעקט — זאגט דער מדרש — דעם ריח
פון אברהם אבינו, בשעת ער איז ארויס פון קאלעך

אויבן. ער האט דערשמעקט דעם ריח פון הנניה מישאל ועזריה, וואס האבן זיך געלאזטווארפן אין קאלך־אויוון. ער האט דערשמעקט דעם ריח פון די שייטערהויפן, אויף וועלכע יידן זענען פארברענט געווארן, פאר זייער אמונה. עס איז א משל צו א מלך, וואס האט געוואלט בויען א פאלאץ, אויף דעם ים, האט ער ניט געהאט קיין פונדאמענט. האט ער געפונען א פלאש מיט פערפיום און אויף דער פלאש געבויט דעם פאלאץ. אזוי זאגט דער פסוק, אז די וועלט שטייט אויף די ימים. אין וועלכן זכות? אין זכות פון די ג־ט זוכער, אין יעדן דור:

וואס מיינט דא דער מדרש?

די דורות ביז נח זענען געווען פארדארבן. זייער הויפט אומגליק איז געווען דאס, וואס זיי האבן ניט גע־האט קיין איינציקן גרויסן מענטש, וועלכער זאל זיך גע־וועז וועלן מוסר נפש זיין, ארויסצוהויבן דעם דור פון זיין געפאלנקייט. אויב עס איז שוין געווען א גרויסער מענטש, ווי חנוך, אדער נח, האט ער זיך אפגעשלאסן און זיך כלל נישט געקימערט, וועגן די געפאלנקייט פון דור. אין אזעלכע אומשטענדן האט געמוזט קומען א מבול. און נאר דער איינציקער, גערעכטער מענטש איז גערעטעט געווארן.

ווען נח איז ארויסגעקומען פון דער תיבה און דער־זען דעם חורבן, האט ער פארשטאנען, אז מען דארף מקריב זיין קרבנות. מען דארף זיך אויפאפפערן, צו רא־טעווען געפאלנקייטן פון דער מענטשהייט. מיט קרבנות

קען מען ראטעווען די וועלט. נאך נח זענען טאקע גע־קומען צדיקים, פון אן אנדערן טיפ. אברהם אבינו האט זיך ניט אפגעשלאסן, נאר געגאנגען פון שטאט צו שטאט און זיך מוסר נפש געווען פאר דער מענטשהייט. עס איז אים ניט גענוג געווען דאס, וואס ער אליין איז געווען א גערעכטער, נאר ער האט זיך אין פייער אריינגע־ווארפן, כדי אנדערע זאלן אויך ווערן גערעכט. חנניה מישאל ועזריה גייען אין קאלך אויוון פאר זייער אידעע; יידן גייען אויף שטייערהויפנס פאר זייער אמונה; פון אזעלכע דערשיינונגען, מוזן מענטשן לערנען צו ווערן בעסער. עס איז מער ניט נויטיק קיין מבול, קיין פאר־ניכטונג. ג־ט זעט, אז פאראן אן עצה; יחידים קענען רעטן די גאנצע מענטשהייט. די וועלט שטייט אויף א ברויזנדן ים פון תאווה און געמיינהייטן. דער פונדא־מענט איז אבער די פלאש פון פערפיום. פון דעם ריח פון די גרויסע אידעאלן, וואס באהערשן איינצלנע מענ־טשן אין יעדן דור. דאס מיינט דער פסוק: צדיק יסוד עולם; דער איינציקער גערעכטער. דאס איז דער צדיק האט א מעגלעכקייט צו ארויסצושלעפן פון איר שמוץ.

אט באווייזן זיך שווערע וואלקן אויף דעם הימל. עס דאכט זיך, אז א פינסטערניש באדעקט די גאנצע וועלט. אבער איין בויגן קומט אין די שווארצע וואלקנס; ער באלייכט די פינסטערניש, די וואלקנס צעגייען זיך און עס באווייזט זיך א קלארער הימל. אזוי וועט פון איצט אן, זיין אין דער מענטשהייט. ווען עס וועט אמאל קומען

אַ פינסטערע צייט, אַ השך אפילה, עס וועט זיך דאַכטן, אַז אַט קומט אַ וועלט אונטערגאַנג, וועט זיך באַווייזן אַ שטראַלנדער בויגן, איין גערעכטער מענטש, וואָס וועט געבן ליכט און דער דור וועט דורך אים גערעטעט ווערן.

ווען מען פאַרטיפט זיך אין די ווערטער פון חז״ל, דערבליקט מען דעם גאַנצן סוד פון דער עקזיסטענץ, פון דער וועלט. נאָר אמתדיקע מסירת נפש פון גרויסע יחידים דערהאַלט די וועלט פון אונטערגאַנג; נאָר אמת־דיקע קרבנות לערנען די מענטשהייט אַרויסצוהייבן זיך פון איר געפאַלנקייט.

לך לך

געשיכטס-פילאָזאָפן באַהויפּטן אַז היסטאָריע איז געגליכן צו אַ מענטשלעכן אָרגאַניזם. דער מענטשלעכער אָרגאַניזם, איז אַ קאָמבינאַציע פון קערפּער און גייסט. אויך היסטאָריע, איז אַ קאָמבינאַציע פון קערפּער און גייסט. די טרוקענע מעשה, וואָס די געשיכטע דערציילט אונדז, דאָס איז בלויז דער גוף פון דער היסטאָריע. יעדע טרוקענע מעשה אָבער, וואָס היסטאָריע דערציילט אונדז, האָט נאָך אויסער דער פּאַסירונג אַליין, נאָך אַ טיפערן אינהאַלט און אַ גייסטיקן זין. דער טיפערער אינערער תוכן, דער באַלעבט ערשט, די טרוקענע פּאַסירונג און גיט איר די אמתע באַדייטונג.

פאַר אונדז יידן, איז די טעאָריע גאָר קיין נייס נישט. אין איין פסוק אין אונדזער תורה, געפינען מיר דאָס גאַנץ דייטלעך. אָט זאָגט אונדז משה רבינו: „זכור ימות עולם בינו שנות דור ודור"; געדענקט די טעגלעכע פּאַסירונגען פון דער וועלט; פאַרשטייט די יאָרן פון די גענעראַציעס. עס גענוגט נישט, בלויז צו דערמאַנען די טרוקענע טעגלעכע פּאַסירונגען, נאָר מען מוז זיך פאַר-

טראַכטן און פאַרשטיין די יאָרן פון די גענעראַציעס, דעם פאָדעם, וואָס בינדעט צונויף די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט.

די פסוקים פון דער הייַנטיקער סדרה, דערציילן אונדז עפּעס אַן אויסטערלישע מעשה. אין די צייטן פון אברהם אבינו, איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מלחמה; פיר מלכים האָבן זיך געשלאָגן מיט פינף מלכים. כמעט די גאַנצע דאַמאָלדיקע וועלט, איז געווען באַטייליקט אין דער גרויסער מלחמה. אפילו אין חדר, ווען מיר זענען געווען קינדער מיט רייכע פאַנטאַזיעס, האָבן מיר אויך זייער ווייניק פאַרשטאַנען פון דער מעשה. פונקט, ווי די באַזיגטע מלכים זענען, אַנטלויפנדיק, אַריינגעפאַלן אין טיפע ליימענע גריבער, אַזוי האָבן אונדזערע קינדערישע פאַנטאַזיעס, זיך כסדר פאַרהאַלטן ביי אומפאַרשטענד־לעכע באַגריפן און ווערטער, וואָס האָבן ווי גריבער, אונדז געשטערט צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט, פון דער טרוקענער מעשה. ערשט ווען מיר זענען דאַן געקומען, צו די פסוקים, וואָס דערציילן וועגן דער באַגעגעניש פון אברהם מיט מלכי צדק מלך שלם, דאַמאָלס זענען מיר ווידער צוריק אַרויף, אויף דעם גלייכן וועג און ווידער האָבן אונדזערע פאַנטאַסטישע פליגל, זיך געהויבן אין דער הויך.

כדאי דערפאַר זיך צו פאַרטראַכטן אין דער דער־ציילונג.

אייגנטלעך, צו וואָס דאַרפן מיר היינט וויסן די גאַנ־

צע מעשה? וואס פאר א פארבינדונג האט די מעשה פון דער גרויסער מלחמה, מיט דער באגעגעניש פון אברהם און מלכי צדק?

די גמרא (נדרים ל״ב) זאגט: מלכי צדק איז געווען: שם, דער זון פון נח, ער איז צוגלייך געווען דער עלטער, עלטער זיידע פון אברהם. בקש הקב״ה להוציא כהונה משם; ג-ט האט געוואלט אז די כהונה זאל ארויס קומען פון שם. אבער שם האט געמאכט א פעלער. ער האט קודם געזאגט: ברוך אברהם. און דאן ערשט: ברוך אל עליון. ער האט מקדים געווען די ברכה פון אברהם, פאר דער ברכה פון ג-ט. דערפאר האט ער פארלוירן דעם זכות, אז די כהונה זאל קומען פון אים. דער זכות איז דאן איבערגעגעבן געווארן צו אברהם.

דער מאמר פון דער גמרא איז זייער שווער און אומפארשטענדלעך. וואס הייסט דאס, אז שם האט פארלוירן דעם זכות פון דער כהונה און אברהם האט אים באקומען? אויב אברהם האט באקומען דעם זכות, אז די כהונה זאל ארויסקומען פון אים, האט דאך אויך שם במילא דעמזעלבן זכות געהאט; שם איז דאך געווען אברהמס זיידע; אלעס, וואס איז געקומען פון אברהם, האט דאך במילא געשטאמט אויך פון שם? עס איז אויך נישט צו פארשטיין, ווי קומט דאס. וואס אזא צדיק ווי שם, זאל מקדים זיין צו בענטשן קודם אברהמן און דאן ערשט, דעם רבונו של עולם?

דא איז מרומז דער סוד פון דעם יידישן פאלק.

וואָס זענען מיר? צו זיינען יידן אַ נאַציע, גלייך ווי אַלע נאַציעס, אויף דער גאַנצער וועלט? פשוט ככל הגו־יים! אָדער זענען מיר, אַנדערש פון אַנדערע פעלקער, פון דער וועלט? די פראַגע, ווערט היינט כסדר געפרעגט. אַזוי פון יידן אין מדינת ישראל, ווי אויך פון יידן אין די תפוצות.

די תורה דערציילט אונדז, אַז אַמאָל איז געווען אַ שיינע, הערלעכע וועלט און זי איז אונטערגעגאַנגען, ווייל שלעכטע מענטשן האָבן זי חרוב געמאַכט. פון דער אַלטער, חרוב געוואָרענער וועלט, זענען געבליבן נח מיט זיינע קינדער און זיי האָבן אָנגעהויבן, אויפסניי צו בויען אַ נייע וועלט. וואָס פאַר אַ זיכערקייט איז געווען, אַז די נייע מענטשן, וועלן זיין בעסער? די זיכערקייט איז געקומען דורך אברהם, וועלכער האָט געוויזן, אַז איין איינציקע פערזענלעכקייט, קען משפיע זיין אויף אַ גאַנ־צן דור. די פערזענלעכקייט ווייזט, ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויפפירן אין לעבן און לאָזט נישט צו, צו געפאַלנ־קייט און צו חורבן. אברהם איז אָבער בלויז אַ יחיד. און וואָס וועט זיין. ווען אברהם וועט שטאַרבן? דערויף שילדערט די תורה דעם סוד פון דער יידישער אומה אברהם איז נישט קיין יחיד; פון אברהם קומט אַרויס אַ ירושה פון אברהם, אַנצוווייזן דעם ריכטיקן וועג פון עטיק און מאָראַל, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

דייטלעך זאָגן דאָס די פסוקים, אין דער היינטיקער גאַנץ פאָלק, וואָס דאַרף, אין אַלע צייטן, איבערנעמען די

סדרה: ג־ט שליסט א בונד מיט אברהם און מיט זיינע קינדער, אז זיי זאָלן לייכטן פאַר דער מענטשהייט. יידן דאַרפן זיי א ממלכת כהנים; זיי דאַרפן פּראָפּאַגירן גייס־טיקייט אין דער וועלט.

צו דעם צוועק באַקומען יידן אויף דעם באַרג סיני א תורה. דאַן גיט זיי ג־ט דאָס לאַנד כנען, מיט ירושלים, מיט א מקדש, כדי יידן זאָלן דאָרט קענען פריי לעבן, אין זייער גייסטיקער כהונה און זיין א מוסטער פאַר פאַר די גאַנצע וועלט.

ר׳ יהודה הלוי אין זיין ספר כוזרי דערציילט, אז א נישט יידישער דענקער האָט אים אַמאָל געפרעגט: מיט וואָס פאַר א רעכט, רעדן זיך יידן איין, אז זיי זענען כהנים פון דער מענטשהייט? רבי יהודה הלוי האָט אים געענטפערט, אז דאָס איז נישט קיין איינרעדעניש, נאָר א היסטאָרישער פאַקט. אַלע פעלקער פון דער וועלט, זענען אַנטשטאַנען אויף איין נוסח. נאָכדעם, וואָס זיי־ערם א שטאַם־פאָטער האָט זיך באַזעצט, אין א באַ־שטימט לאַנד, איז פון אים אַרויסגעקומען א פאָלק, נאָר יידן זענען גאַנץ אַנדערש אַנטשטאַנען. יידן זענען גע־וואָרן א פאָלק, נאָך איידער זיי האָבן געהאַט א לאַנד. זייער געבורט אַלס פאָלק, האָט זיך אָנגעהויבן מיט א תורה, נאָך איידער זיי האָבן געהאַט א לאַנד. זייער גע־בורט אַלס פאָלק, האָט זיך אָנגעהויבן מיט א תורה, מיט עטיק און מיט מאָראַל. ניט דער באַזיץ פון א לאַנד, דורך א שטאַמפאָטער איז דער יסוד פון דער יידישער אומה.

נאָר בעיקרשט דער גייסט און דער אידעאַל. דער פאַקט, וואָס ווייזט אַז יידן זענען אַנדערש, פון אַלע פעלקער אין דער וועלט.

איצט איז פאַר אונדז אַביסל קלאָר דער ענין פון דער מעשה, פון דער גרויסער מלחמה אין דער היינטיקער סדרה. די פסוקים דערציילן, אַז כמעט די גאַנצע וועלט האָט זיך דאַמאָלס געשלאָגן. אברהם האָט אויך גענו־מען אַן אָנטייל אין דער מלחמה און איז געווען צווישן די, וואָס האָבן געזיגט. ער איז אָנערקענט געוואָרן פון אַלע. מלכי צדק, דער פאַרשפּרייטער פון גייסט, איז דאַ־מאָלס געווען קעניג אין ירושלים. דאַכט זיך, אַז דאַ־מאָלס איז געווען די בעסטע צייט, צו עטאַבלירן די יידי־שע מלוכה אין ירושלים. אברהם האָט זיך באַדאַרפט באַזעצן צוזאַמען מיט מלכי צדק אין ירושלים און דער־מיט גרינדן דעם אָנפאַנג פון דעם יידישן פאָלק. צו וואָס האָט עפּעס געטויגט, צו וואַרטן נאָך גאַנצע פיר הונ־דערט יאָר, מיט אַ מצרים און מיט אַ מדבר, כדי דאַן צו ברענגען די קינדער פון אברהם אַהער קיין ירוש־לים? אָט איז דאָך אברהם איצט דאָ, ביי מלכי צדק און האָט געקענט איצט פּראָקלאַמירן ירושלים, אַלס הויפּט שטאָט פון דער יידישער מלוכה.

דאָס מיינט די גמרא, זאָגנדיק, אַז מלכי צדק האָט טאַקע אַזוי געדענקט, אַז אין זיין צייט זאָל דאָס כהונה פאָלק זיך גרינדן, דורך אברהם אין ירושלים. שפּעטער וועט דאָס פאָלק נעמען אַ תורה און ווערן אַ ג־טלעך

פאָלק. אָבער, אויב עס וואָלט אַזוי געווען געשען, וואָלט די באַזע פון דעם יידישן פאָלק געווען, בלויז זייער שטאַם, וואָס האָט זיך באַזעצט אין דעם לאַנד. יידן וואָלטן דאַמאָלס נישט געווען געוואָרן אַנדערש, פון די פעלקער פון דער וועלט. זיי וואָלטן נישט געווען געהאַט קיין באַוווסטזיין, פון זייער גייסטיקער באַשטימונג.

אין דעם איז געווען די מיינונג-פאַרשידנהייט צווישן אברהם און שם, שם הקדים ברכת אברהם לברכת קונו, שם האָט געוואָלט, אַז קודם זאָל זיין דער שטאַם פון אברהם, די ברכה פון אברהם, דאַן וועט קומען די ברכת קונו, די יידישע ג-טלעכע באַשטימונג. אברהם אָבער האָט געזאָגט: ניין! די יידישע קינדער, וועלן נישט ווערן אַ פאָלק, דורך ברכת אברהם, נאָר קודם כל און דאָס דער עיקר, דורך ברכת קונו, דורך ג-טלעכקייט און גייסטיקייט.

נאָכדעם, וואָס אברהם איז נישט געווען איינשטימיק מיט שם, שוין איצט צו גרינדן די יידישע מלוכה, קומט דאַן, דער ברית בין הבתרים, די גרויסע נבואה פון אברהם. ער זעט, ווי זיינע קינדער וועלן זיין אין מצרים, דאַן וועלן זיי שטיין ביים באַרג סיני; די תורה וועט פון זיי מאַכן אַ פאָלק; די תורה וועט זיין דער יסוד פון זייער נאַציאָנאַליזם און פון זייער אייביקער עקזיסטענץ. ערשט דאַן, נאָך קבלת התורה, וועלן זיי קענען פּראָקלאַמירן אַן אייגענע מלוכה, מיט אַן אייגן לעבן, געבויט אויף די יסודות פון זייער תורה און פון זייער אייביקייט.

וירא

די סדרה פון דער היינטיקער וואָך איז אַ פאָרזעצונג פון דער פריערדיקער סדרה און זי פאַרענדיקט די לעבנס געשיכטע פון אברהם אבינו.

אינטערעסאַנט איז די באַמערקונג פון דעם מדרש אויף דער סדרה פון דער היינטיקער וואָך. דער מדרש זאָגט, אַז די לעבנסגעשיכטע פון אברהם אבינו, וויקלט זיך אַרום צוויי לך לך׳ס. דער אָנפאַנג פון דער פאָריקער סדרה, הויבט זיך אָן מיט דעם: „לך לך מארצך וממולדתך ומבית אָביך״. און דער סוף פון דער היינטיקער סדרה ענדיקט זיך מיט דעם: „לך לך אל ארץ המוריה״; ג-ט זאָגט צו אברהם ביים אָנפאַנג: גיי אַרוים פון דיין לאַנד פון דיין געבורטס-אָרט און פון דיין פאָטערלעכן הויז; און ג-ט זאָגט צו אברהם ביים ענדע פון זיין גאַנצער לע-בנס-געשיכטע: גיי אַרוים מיט דיין זון יצחק, צום לאַנד מוריה און ברענג אים אַלס אַ קרבן פאַר ג-ט. עס ווערט דאָן דערציילט די מעשה פון דער עקדה.

דער מדרש מאַכט דאָן אַ שריט ווייטער און פרעגט: איזו מהן חביבה? וועלכער פון די צוויי לך לך׳ס איז

זוויכטיקער? וועלכער איז ליבער געווען פאר ג-ט? צו דער ערשטער אָדער דער לעצטער? דער מדרש ענטפערט, אַז דאָס וואָס דער צווייטער לך לך איז געבונדן מיט דעם וואָרט „מוריה", דאָס ווייזט, אַז ער איז וויכטיקער. מוריה מיינט: שמשם יצאה הוראה לעולם; דאָס וואָרט מוריה מיינט: לערנען, מיינט: אויפקלערן. פון דעם צווייטן לך לך, קומט אַ לערע, אַן אויפקלערונג פאַר דער גאַנצער וועלט. דערפאַר איז ער וויכטיקער פון דעם ערשטן לך לך.

מערקווירדיק איז דאָס, וואָס דער מדרש זאָגט גאָר נישט, אין וואָס עס באַשטייט די לערע, וועלכע די גאַנצע וועלט לערנט פון דעם צווייטן לך לך? מיר ווייסן די וויכטיקייט פון דער עקדה פאַר דעם יידישן פאָלק, אָבער די גאַנצע וועלט זאָל עפּעס לערנען פון דער מעשה פון דער עקדה, פון דעם ווייסן מיר גאָר נישט.

עס קומט דאָ די גמרא און שטעלט זיך אָפּ אויף דעם אויסדרוק אין דער עקדה: קח נא את בנך את יחידך; נעם דיין זון, דיין איינציקן און אַזוי ווייטער. זאָגט די גמרא אין נא אלא לשון בקשה; דער וואָרט „נא", מיינט: בעטן. ג-ט האָט געזאָגט צו אברהם: איך בעט דיך, זאָלסט דאָס טאָן. עמוד בנסיון זה כדי שלא יאמרו הראשונות אין בהן ממש; ג-ט האָט געבעטן אברהם, ער זאָל נאָך ביישטיין אין דעם פּרווו, כדי מענטשן זאָלן נישט זאָגן, אַז אַלצינג וואָס ער האָט געטאָן ביז היינט, האָט קיין ממשות ניט און איז גאָר ניט ווערט.

די גמרא איז אומפאַרשטענדלעך. פאַרוואָס וואָלטן אַלע ביז איצטיקע מעשים פון אברהם קיין ממשות נישט געהאַט, ווען ער ברענגט נישט יצחקן אויף דער עקדה? דאַן: מיט וואָס האָט די עקדה דווקא, ערשט באַשטע־טיקט דעם ווערט פון אברהמס אַלע ביזאיצטיקע מעשים?

איך וויל דאָס דערקלערן גאָר פשוט.

זייט טויזנטער יאָרן איז פאַראַן אַ קאַמף צווישן ווי־סנשאַפט און רעליגיע, אָדער צווישן וויסן און גלויבן. גלויבן איז עלטער פון וויסן. מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט אין צייטן, ווען עס האָט נאָך נישט עקזיסטירט קיין שום קולטור און קיין שום וויסן, האָבן געגלויבט און זענען געווען ג־טעס-פאַרכטיק. מיט דער אַנטוויקלונג פון קולטור און וויסן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה צווישן די צוויי באַגריפן. יידן האָבן אין דער מלחמה גע־שפּילט די ערשטע פידל. אין דער אַלגעמיינער מענטש־הייט, איז פון צייט צו צייט די מלחמה אַנטשידן געוואָרן, דורך שווערד און פייער. רעליגיע האָט באַזיגט דאָס וויסן, דורך קרייצצוגן, דורך ברענען, פייניקן און מאָרדן די אַפּיקורסים. אויך פאַרקערט: אויפקלערונג האָט באַ־זיגט און באַזיגט נאָך היינט רעליגיע, דורך רעוואָלוציעס און בלוט פאַרגיסונג. ביי יידן, האָט דער שטרייט, זיך קיינמאָל נישט באַנוצט מיט קיין פייער, מיט קיין שווערד, אָדער מיט רעוואָלוציעס. דער קאַמף, האָט ביי יידן זיך אָפּגעשפּילט הויפּטזעכלעך, דורך וויכוחים, מיט געדאַנק, מיט וואָרט און מיט שריפט. רעליגיעזע פילאָזאָ־

פיע איז בעיקר אַ יידישע שאַפונג, זיים פילאָ פון אַלעקסאַנדריען בין אויף דעם היינטיקן טאָג.

אין דער היינטיקן נייער מאָדערנער צייט איז אַנטשטאַנען אַ נייער צווייג פון וויסן, וואָס האָט אַריינגעברענגט אַ שטיקל באַרואיקונג אין דעם שטרייט. מאָדערנע פסיכאָלאָגיע שטעלט זיך אָפּ און פרעגט: ווי איז עס מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל פאַרמאָגן אין זיך צוויי אייגנשאַפטן, וואָס זאָלן שטיין אין סתירה איינע צו דער צווייטער? אויב וויסן און גלויבן זענען קאָנטראַסטן, וואָס קענען זיך קיינמאָל נישט פאַראייניקן, וואָלט דער מענטש נישט געקענט זיין געשאַפן מיט אַזעלכע צוויי פעאיקייטן, וואָס איינע לייקנט לגמרי אָפּ די צווייטע. געניאַל ברענגט דאָס אַרויס פּרץ אין זיין נאָוועלע „דול הויז". פּרץ שרייבט: „יאָשע דער זייגער־מאַכע, וועט אויך נישט אַרויסלאָזן פון זיין ווערקשטאַט קיין זייגערל, וואָס זאָל יעדע רגע וועלן צווזעצט ווערן, וואָס זאָל האָבן אין זיך, אַן אייביקע מלחמה: איין רעדל זאָל כסדר רייבן, שלייפן און דריקן דאָס צווייטע, איין ציינדל זאָל כסדר צופן, רייסן און בייסן דאָס אַנדערע, וכדומה... האָט איר ווען געזען אַ דרעש מאַשין, וואָס זאָל דרעשן זיך אַליין?" מאָדערנע פסיכאָלאָגיע קומט דערפאַר צו אַ באַשלוס, אַז די צוויי באַגריפן זענען גאָר נישט קיין קאָנטראַסטן, נאָר זיי דערגענצן זיך איינער דעם צווייטן. דאָרט ווו וויסן בלייבט שטיין, דאָרט הייבט זיך אָן גלויבן.

דער גרויסער קאַמף, וואָס האָט געדויערט טויזנטער

יאָרן, איז געקומען דערפון וואָס מען האָט געמאַכט צוויי הויפט־טעותים. 1) מען האָט געדענקט, אַז וויסנשאַפט ווייסט אַלע סודות און מען קען מיט וויסנשאַפט דערגיין ביז צום סוף פון דער מיסטעריע, פון וועלט און מענטש. 2) מען האָט געמיינט, אַז רעליגיע איז בלויז אַן איינגערעדטער, פון דרויסן דערוואָרבענער, באַגריף און מענטשן האָבן זיך אים אַליין געשאַפן. היינט ווייסט מען אַז דאָס איז אַ טעות. מען ווייסט, אַז 1) מיט וויסנשאַפט קען מען אפילו נישט דערגיין צום אָנהויב פון דער וועלט־מיסטעריע. וויסנשאַפט בלייבן תמיד שטיין, ביי אַ גרעניץ, וועלכע זי קען באין אופן ניט אַריבערשפרייזן. מען ווייסט אויך, אַז 2) רעליגיע איז נישט קיין איינגערעדטע זאַך, נאָר אַן איינגעבוירענער באַגריף אין מענטש און איז אַזוי וועזנטלעך, ווי דאָס וויסן און דאָס פילן.

אַ באַווייז דערויף איז דאָס, וואָס אַ מענטש איז פעאיק זיך צו לאָזן הרגנען פאַר דעם רעליגיעזן באַגריף; ער איז אויך פעאיק זיין אייגן קינד מקריב צו זיין פאַר זיין ג־טלעכקייטס באַגריף. דער זעלבסט דערהאַלטונגס־אינסטינקט און די ליבע צו אַן אייגן קינד, זענען ביים מענטש זיכער, נאַטירלעך איינגעבוירענע אייגנשאַפטן. וואָלט דאָס רעליגיעזע ביים מענטש ניט געווען איינגעבוירן, וואָלט דער מענטש באין אופן ניט געקענט אָפּפערן דאָס נאַטירלעכע, צוליב דעם אומנאַטירלעכן. דאָס נאַטירלעכע וואָלט דאַן תמיד גובר געווען, דאָס, פון דרויסן דערוואָרבענע. דער גלויבן וואָלט ביים מענטש

דאָן געקענט עקזיסטירן, בלויז ביז צו דער גרענעץ פון זעלבסטדערהאַלטונג, אָדער קינדערליבע, אָבער קיינמאָל וואָלט דער גלויבן ניט געקענט איבערשרייטן אָט די נאַטירלעכע גרענעץ.

דער פאַקט, אַז דער מענטש קען יאָ אָפּפערן זיך אַליין און זיין אייגן קינד, צוליב דעם רעליגיעזן געפיל; דער פאַקט, איז אַ בולטער באַווייז, אַז גלויבן איז נאַטירלעך און איינגעבוירן. ווער עס גלויבט ניט, דעם פעלט פשוט, דער איינגעבוירענער באַגריף. ער איז גלייך צו איינעם, וואָס איז געבוירן געוואָרן אָן אַ מוזיקאַליש אויער, אָדער צו איינעם, וואָס פאַרמאָגט סדומישן יושר, אָדער צו אַן אַנדערן, וואָס דער שכל איז ביי אים תמיד קאַפּויר; ער איז אַ דעפעקטיווער מענטש.

אברהם אבינו האָט אַנטדעקט דעם אמתן גלויבן און האָט די גאַנצע מענטשהייט געלערנט, וואָס עס הייסט אמונה און רעליגיע. ער האָט שוין געהאַט באַוויזן, אַז צוליב ג־ט האָט ער פאַרלאָזט זיין לאַנד, זיין פאָטערלעך הויז. ער האָט אויך געוויזן, אַז ער האָט אָנגענומען צו זיין נע ונד און נאָך אַנדערע נסיונות, אַלץ פאַר ג־ט׳ס וועגן, אַלץ צוליב אמונה. אָבער עס איז נאָך פאַראַן אַ גרויסע שאלה: ווער ווייסט, צו די אַלע פריערדיקע נסיונות צוליב אמונה זענען באמת פון אים אויסגעפירט געוואָרן, דורך זיין אינערע, נאַטירלעכער, איינגעבוירענער אמונה? אפשר זענען זיי גאָר געקומען פון אַ פאַנאַטיזם, פון אַן אָנגענומענער אידעע, וואָס האָט ניט קיין

יסוד אין זיין טיפער נשמה? דערפאַר איז געקומען דער לעצטער נסיון פון דער עקדה. די עקדה האָט באַדאַרפט ווייזן דער גאַנצער וועלט, אַז אַ רעליגיעזער געפיל ביי אַ מענטש, איז אַזוי שטאַרק, אַז ער קען באַזיגן, אפילו די שטאַרקסטע איינגעבוירענע, נאַטירלעכע אינסטינקטן. דער באַוווסטזיין, האָט איבערצייגט, אַזוי אברהמען ווי אויך די גאַנצע וועלט, אַז גלויבן איז ניט קיין איינגע־רעדטע זאַך, נאָר אַ שטאַרקער, נאַטירלעכער כח. אברהם האָט מיט דער עקדה באַוויזן, אַז ער האָט געאָפּפערט זיין שטאַרקסטן, נאַטירלעכן אינסטינקט פון פאָטערלע־כער ליבע, צו זיין איינציקן זין, צוליב זיין רעליגיעזן גע־פיל.

מיט רעכט ווערט דער נסיון צוגעשריבן בלויז צו אברהם און נישט צו יצחק. דאָס וואָס יצחק איז געווען גרייט, זיך צו לאָזן מקריב זיין אויף דער עקדה, דאָס איז געקומען פון זיין גרויסער מדרגה פון כיבוד אב; פון גע־האָרכזאַמקייט צום פאָטער און דאָס ווייסט יעדער, אַז עס איז נאַטירלעך; אויף דעם האָט מען קיין נסיון ניט געדאַרפט.

פון דער מעשה פון דער עקדה, איז אויך געבליבן אַן אייביקע לערע, פאַר די יידישע קינדער, אַז תמיד, ווען עס קומט ביי אַ ייד צו אַ קאָנפליקט צווישן זיין נאַטיר־לעכן אינסטינקט און זיין רעליגיעזן געפיל, פאַרמאָגט יעדער ייד אין זיך אַ נאַטירלעכן כח, צו באַזיגן דעם אינסטינקט, לטובת זיין איינגעבוירענעם רעליגיעזן גע־פיל. אין דעם, ליגט דער סוד פון יידישן קידוש השם.

חיי שרה

די סדרה פון דער היינטיקער וואָך שילדערט אונדז, וויאַזוי עס האָבן אויס געזען די לעצטע, אַלטע יאָרן פון אברהם אבינו.

דער פסוק זאָגט: ואברהם זקן בא בימים; אברהם איז אַלט געוואָרן און איז געקומען אין די יאָרן. וד׳ ברך את אברהם בכל; ג-ט האָט געבענטשט אברהמען מיט אַלעם. דאכט זיך אַז אברהם האָט לפי זה, דערגרייכט דאָס גרעסטע גליק, וואָס אַ מענטש קען נאָר דערגרייכן: אַ הויכע עלטער און אַלדאָס גוטס; וואָס נאָך קען אַ מענטש פאַרלאַנגען דאָ, אויף דער וועלט? לאָזט זיך אָבער אויס, אַז די תורה שילדערט דאן, אַ גאָר לאַנגען קאַפּיטל פון אַ גאָר גרויסע זאָרג, וואָס אברהם האָט געהאַט. טראָץ דער הויכער עלטער און כל טוב, האָט אברהם דאָך קיין מנוחה נישט געהאַט, ווייל זיין זון יצחק איז נישט געווען פאַרזאָרגט. אברהם האָט אַ דאגה, אַ גאָר גרויסע, וועגן אַ פּאַסיקן שידוך פאַר זיין זון יצחק. די פּסוקים שילדערן אונדז אין אַ גאָר לאַנגער דערציילונג,

ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען, דאָס זוכן און דאָס געפּי־
נען, פון דעם ריכטיקן זיווג פאַר יצחק.

אין אונדזערע היינטיקע מאָדערנע צייטן, ווייסט מען
נישט פון אַזעלכע זאָרגן. היינט אויב עלטערן זענען רייך
און דער יינגער מאַן אין מאַטעריעל פאַרזאָרגט; ווער־
רעדט נאָך, ווען די עלטערן זענען שוין אַלט און די גע־
שעפטן אַלע פירט דער יינגער מאַן אַליין, זאָרגן זיי כלל
נישט, וועגן אַ זיווג פאַר זייער זון. וואָס האָבן זיי צו
זאָרגן? אויב די מאַטעריעלע זייט איז אין אָרדענונג, זע־
נען דען קאַרג מעגלעכקייטן פאַראַן פאַר שידוכים? בכלל
זענען אין רייכע היימען, נישטאָ קיין פּראָבלעמען וועגן
קינדער, אויב די עלטערן זענען אין גאַר הויכער עלטער.
ביי אונדזערע אבות דאַקעגן איז געווען פאַרקערט: זייער
הויפּט־זאָרג פאַר די קינדער איז געקומען, ווען זיי זענען
געוואָרן אַלט.

נישט בלויז ביי אברהמען איז אַזוי געווען, נאָר אויך
ביי יצחקן. ווען יצחק איז אַלט געוואָרן, האָט ער געלאָזט
רופן זיינע זין: עשו און יעקב און האָט מיט זיי גערעדט
וועגן זייערע זיווגים. יעקב אויף דער עלטער האָט זיך
געזאָרגט וועגן בנימין. חז״ל באַמערקן, אַז נישט דער־
פאַר, וואָס זיי זענען געוואָרן אַלט, האָבן זיי געזאָרגט
פאַר זייערע קינדער, נאָר פאַרקערט: דורך זייערע קינ־
דער האָבן זיי געזאָרגט און געדענקט וועגן זייער עלטער.
דער מדרש זאָגט: עד אברהם לא היתה זקנה; ביז צו
אברהם איז נישט געווען קיין אַלטקייט. די כוונה פון דעם

איז, אז ביז צו אברהם האָבן מענטשן ניט באַגריפן, וואָס עס הייסט אַלטקייט. אמת! אז פאַר אברהם, האָט מען געלעבט ביז צו מתושלחס יאָרן. אָבער דאָס איז געווען אַ לעבן, סתם אין דער וועלט אריין, אָן יעדן חשבון. מען האָט זיך כלל נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, אַז אַלט ווערן, מיינט: זיך דערנענטערן צום ענדע; אַז מען שטאַרבט און פון דעם גאַנצן לעבן בלייבט גאָר נישט. ערשט אברהם איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון פון זיין אַלטקייט און פון דער פאַר־גענגלעכקייט פונעם לעבן.

פאַראַן אין דער גמרא אַ וואונדערלעכער מאמר: כל־הלן שבעת ימים בלי חלום נקרא רע; אויב איינער שלאָפט דורך אַ גאַנצע וואָך אָן אַ חלום, איז ער אַ שלעכטער מענטש. וואָס מיינט דאָ די גמרא? איינער פון אונדזערע מפורשים זאָגט, אַז די כוונה איז: אַ מענטש לעבט גע־ווענלעך 70 יאָר. דאָס זענען זיבן צענדליק יאָרן. דאָס איז אויך אַ וואָך. נאָר נישט אַ וואָך פון טעג, נאָר אַ וואָך, פון יאָרן. דערפאַר זאָגט די גמרא: אויב איינער שלאָפט דורך זיין וואָך פון יאָרן — 70 יאָר — אָן אַ חלום: ניט באַמערקנדיק, אפילו איינמאָל דורך דער גאַנצער צייט אַז דאָס לעבן איז בלויז אַ חלום, איז שלעכט מיט אים. אויב מען געדענקט קיינמאָל נישט אין דעם חלום פון לעבן, ברענגט עס קיין גוטס בודאי נישט.

איין זאַך אָבער האָבן אונדזערע אָבות געוווסט: לעבן איז נישט קיין חלום, לעבן איז נישט פאַרגענגלעך און

לעבן האָט נישט קיין אַלטקייט, אויב מען לאָזט איבער קינדער, וואָס לעבן ווייטער אין דעם אידעאַל פון זייערע עלטערן. לעבן איז רעאַל, ווירקלעך און דויערהאַפט, ווען די קינדער ציען ווייטער די גאָלדענע קייט פון זייערע משפחות. דערפאַר האָבן אונדזערע אָבות געדענקט אין זייערע קינדער, בשעת זיי זענען אַלט געוואָרן...

דאָס דערהאַלטן דעם אידעאַל פון די עלטערן אין די היימען פון די קינדער, איז בעיקר אָפּהענגיק פון דער פרוי. ביתו זו אשתו; די היים איז די פרוי. אַ יידישע היים צווישן גויים איז זייער שווער צו פירן. אברהם האָט געוווּסט: אויב יצחק וועט נעמען אַ פרוי פון דער היימישער באַפעלקערונג, וועט זייער שווער זיין, זי זאָל קענען אויסמוישן דעם לעבנסשטייגער פון דער מאַיאָריטעט און זיך אַנטשליסן צו אַ באַזונדערן יידישן לעבן. דערפאַר זאָל זי כאָטש קומען פון אַ פרעמד לאַנד, אַזוי אַז סיי ווי, זאָל זי מוזן אָננעמען דאָ, אַ גאַנץ אַנדער מין סאָרט לעבן ווי דאָס, צו וועלכן זי איז געווען צוגעוווינט. דאַמאָלס וועט זי לייכטער אויסוויילן דאָס, וואָס זי וועט זען ביי אברהם אין זיין הויז.

אַזוי איז אויך געשען. רבקה, אַריינקומענדיק אין אברהמס הויז, אין זי געוואָרן: דוגמת שרה אמו; זי האָט געלעבט מיט די אידעאַלן פון דער מוטער שרה. רש״י זאָגט, אַז דריי אידעאַלן האָט שרה איינגעפירט אין איר היים: נר דלוק מערב שבת, ענן קשור על האהל, וברכה מצוייה בעיסה. ליכט איז געווען אָנגעצונדן פון ערב שבת;

א וואלקן איז געווען ארום דער היים; און א ברכה איז געווען אין דעם ברויט.

יידישקייט באשטייט פון דריי פונדאמענטן פון: תו־רה, עבודה און גמילות הסדים. ליכט סימבאליזירט תו־רה. אן תורה איז דאס לעבן פינסטער. תורה באלייכט דעם לעבנסוועג. שרה האט געזארגט, אז דאס ליכט פון תורה זאל שיינען אין איר היים. עבודה, מיינט יידישער לעבנסשטייגער. לעבן אנדערש פון דעם גוי. די יידישע היים דארף זיין אפגעזונדערט און ארומגענומען, ווי מיט א וואלקן. עס זאלן זיך נישט אריינכאפן קיין פרעמדע זיטן, אדער מנהגים. דאס ברויט אין א יידישער היים, דארף זיין מיט א ברכה, נישט נאר פאר זיך אליין, נאר אויך פאר א נויטבאדערפטיקן. א ייד דארף געדענקען, אז ער לעבט נישט אליין אויף דער וועלט, נאר ער מוז זארגן, אויך פאר א צווייטן. שרה האט געטראכט, אז איר היים זאל זיין גאנץ אפגעזונדערט פון די גוישע היימען און אז ברויט זאל תמיד זיין גענוג, נישט בלויז פאר זיך, נאר אויך פאר פרעמדע. דאס איז גמילת חסדים.

יעדן פרייטיק פארנאכט צו מנחה, דארף יעדער ייד זאגן אין שול א משנה, וואס קלינגט מערקווירדיק. די משנה לויטעט: שלשה דברים צריך אדם לומר בתוך בי־תו ערב שבת עם חשיכה: עשרתם, עירבתם, הדליקו את הנר. דריי זאכן דארף א ייד דערמאנען אין זיין היים, יעדן פרייטיק פארנאכט. ער דארף זאגן: האט איר גע־

געבן מעשר? האָט איר געמאַכט אַן עירוב? צינד אָן די ליכט!

די עטישע כוונה פון דער משנה איז: יעדער ייד איז אַ גאַנצע וואָך פאַרנומען מיט זיין פרנסה. איינמאָל איז דער וואָך, פרייטיק פאַרנאַכט, פאַר שבת זאָל ער זיך דערמאָנען אין זיינע פליכטן, וואָס ער האָט לגבי יידישקייט. ער דאַרף קאָנטראָלירן, צו איז אין זיין היים געפלעגט געוואָרן דער יידישער אידעאַל, וואָס באַשטייט פון די באַקאַנטע דריי יסודות; פון תורה, עבודה און גמילות חסדים. ער הויבט אָן פון דעם לייכטעסטן, פון גמילות חסדים. ער פרעגט ביי זיין פרוי און ביי זיינע קינדער: עשרתם? האָט איר געגעבן דעם מעשר? האָט איר געדענקט, אַז אַ ייד טאָר נישט לעבן בלויז פאַר זיך אַליין? ער מוז אָראָפּנעמען מעשר, אַ צענטעל פון זיין הכנסה און פאַרטיילן פאַר דעם דערהאַלט, פון אָרימע, פון נויטבאַדערפטיקע, פון די, וואָס לערנען תורה און פלעגן יידישן גייסט! ער פרעגט דאַן: עירבתם? האָט איר געמאַכט אַן עירוב? דער עירוב איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַ ייד האָט פעסטגעשטעלט די גרעניץ, ביז וואַנען ער מעג גיין און ווו ער מוז בלייבן שטיין, און טאָר ווייטער נישט גיין. דאָס זאָל יעדער ייד, כאָטש איינמאָל אין דער וואָך, קאָנטראָלירן: ביז ווי ווייט איז זיין היים געגאַנגען; צו האָט זי נישט איבערשריטן די גרענעץ. מען לעבט צווישן גויים, מען מישט זיך מיט גויים, אָבער אַ

גרעניץ איז פאראן און דאס א זייער שטרענגע, מען מוז תמיד געדענקען, ביז ווי ווייט מען מעג גיין און ווי מען מוז בלייבן שטיין. דאן קומט דאס דריטע, דאס איז תורה. ער דארף זאגן: צינד אן ליכט! געדענקט אין יידישער תורה! די קינדער קענען לערנען, וואס זיי ווילן, אבער אין תורה טאר א יידישע היים נישט פארגעסן. אויב א יידישע היים לייכט נישט מיט דעם ליכט פון יידישער תורה, איז זי פינסטער און פוסט.

דאס איז די ראלע פון א יידישער פרוי, אין א יידישער היים. געדענקען אין דריי זאכן: דאס יידישע ליכט פון תורה זאל לייכטן. דער יידישער לעבנסשטייגער, יידישע זיטן, יידישע ימים טובים און יידישע שפראך. אין שטוב. עס זאל זיין א פעסטע גרענעץ, צווישן א יידישע היים און א גוייאישע, אזוי אין עסן, אין טרינקן און אין גאנצן אויפפיר. דאן גמילות חסדים, געדענקען אין פליכטן, וואס א ייד האט לגבי דעם צווישן און לגבי דער געזעלשאפט. דאס איז די איינציקע רעטונג פון אונדזער קיום און אונדזער המשך.

תולדות

די סדרה פון דער היינטיקער וואָך שילדערט פאַר אונדז די לעבנסגעשיכטע פון אונדזער פאָטער יצחק.

פון אונדזערע דריי אבות: פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, פאַרנעמט יצחק אבינו דאָס קלענסטע אָרט אין אונדזער תורה. די לעבנסגעשיכטע פון יצחק אבינו, פאַרנעמט אין חומש, אַ קלענערן פלאַץ פון דער געשיכטע פון זיין פאָטער אברהם און נאָך אַ קלענערן פלאַץ פון דער געשיכטע פון זיין זון יעקב, ווען אברהם, דערציילט אונדז די תורה אין דריי סדרות: אין לך, אין וירא און אין חיי שרה. ווען יעקב אבינו, דערציילט אונדז די תורה: אזש אין גאַנצע זעקס סדרות. אין ויצא, וישלח, וישב, מקץ, ויגש און ויחי. אָבער ווען יצחק איז קוים דאָ איין איינציקע סדרה: תולדות.

דאָס איז זייער פשוט. אברהם אבינו און יעקב אבינו, האָבן דעם גרעסטן טייל פון זייערע לעבנס פאַרבראַכט אין גלות, אין וואַנדערונג. אויב גלות, איז פאַראַן פיל צו־דערציילן. אויף שריט און טריט: צרות, פאַסירונגען,

נסיונות און מסירת נפשן. פון איין צרה ארוים און אט שטייט שוין א נייע צרה פאר די אויגן. גלות מיינט: קיינמאל קיין מנוחה נישט צו האבן. אברהם אבינו מאכט מיט: נע ונדקייט. קאלד־אויוונס. מלחמות, קרבנות פון קינדער א. אז. וו. יעקב אבינו, ווען ער מאכט דעם ערשטן שריט אין זיין גלות וועג, חלומט זיך אים פון א לייטער, וואס מען גייט אויף איר, ארויף און אראפ. נישטא, הייסט עס, אין גלות קיין סטאבּיליטעט, נאר אמאל ארויף און אמאל אראפ; אמאל אויבן און אמאל אונטן: אמאל הויך ביז צום הימל און א מאל טיף געזונקען ביז צו דער ערד. דערפאר איז פון גלות פאראן א סך צו דערציילן.

יצחק אבינו דאקעגן, האט זיין גאנץ לעבן פארבראכט אין ארץ ישראל. ער איז פון דארט קיינמאל נישט ארוים. ווען מען לעבט אין דערהיים, אין זיין לאנד, איז דאס לעבן א רואיקס, א מנוחהדיקס. נישטא קיין ארויף און נישטא קיין אראפ, עס איז א גלייך לעבן. לעבן אין ארץ ישראל, פארלאנגט אויך מסירת נפש, אבער בלויז איינמאל ווי יצחק ביי דער עקדה און דאס אויך בלויז אפּגעקומען מיט שרעק. נאך דעם איינמאליקן שרעק־אפּקומעניש, האט מען דערנאך שוין כסדר, א גלייך, מנוחהדיק לעבן. נאכמער מען האט א לאנגען לעבן. יצחק האט געלעבט לענגער פון אברהם און לענגער פון יעקב.

איז דערפאר פון יצחקס לעבן נישטא פיל צו דערציילן. אבער, אויף איין וויכטיקער זאך איז ביי יצחק

דאָ, זיך אָפּצושטעלן און דאָס איז, אויף די שנאה פון דער גויאישער וועלט צו אים. דאָס איז באמת גאָר כאַראַקטעריסטיש. דאָ געפינען מיר די ערשטע שפורן פון דעם אמתן אַנטיסעמיטיזם.

אמת, אַז אברהם אבינו האָט אויך געהאַט, כמעט די גאַנצע וועלט, קעגן זיך. אברהם האָט געהייסן „העברי" דערפאַר, וואָס ער איז תמיד געשטאַנען מעבר השני. אויף אַ צווייטער זייט אַליין, האַבנדיק די גאַנצע וועלט אויף דער אַנדערער זייט, קעגן זיך. אָבער ביי אברהם איז דאָך געווען אַ שטיקל סיבה פאַר דער שנאה. אברהם האָט געשפעט און אָפּגעחוזקט פון דעם געצן־דינסט, בשעת ווען אַלע זענען געווען פאַנאַטישע געצנדינער. אברהם האָט געפּרעדיקט וועגן אַ נייער אמונה און וועגן נייע אידעאַלן. אַזוינעם, האָט די וועלט פיינט.

אמת, אַז יעקב האָט אויך געהאַט אַ סך שונאים: עשו און לבן. אָבער אויך די שנאה, איז צו פאַרשטיין. עשו האָט געהאַט אַ טענה, קודם וועגן דער בכורה און דערנאָך וועגן די ברכות, וואָס יעקב האָט ביי אים צוגענומען. לבן מיט זיינע קינדער, האָבן אויך געהאַט טענות, ווייל די מעשה מיט די עקודים נקודים וברודים, וואָס יעקב האָט גענומען ביי לבן, איז נישט אַזוי קלאָר געווען ביי זיי. אָבער יצחקן, אַז מען האָט פיינט געהאַט, דאָס קען קיינער נישט פאַרשטיין. קיין נייע תורות האָט ער נישט געפּרעדיקט, ער האָט פון קיינעם נישט געשפעט.

ער האָט קיינמאָל, קיינעם ניט אָפּגענאַרט; אַן עולה תמי־מה איז ער געווען; אדרבא, אַלע האָבן אים אָפּגענאַרט, אפילו זיין אייגענער זון עשו האָט אים כסדר גענאַרט: פאַרוואָס האָבן די גויים אים פיינט געהאַט, פאַרוואָס?

די פסוקים דערציילן, אַז יצחק האָט געוווינט אין גרר, ער האָט געאַרבעט, געאַקערט, געזייט און געשניטן. מיט שוויים און מי, האָט ער זיך דערוואָרבן זיין פאַרמעגן. אָבער די פלישתים פאַרשטאָפּן זיינע ברונעמעס און טרייבן אים אומזיסט אומנישט.

די פּאַסירונגען לערנען אונדז די געשיכטע פון דעם ערשטן אומבאַגרינדעטן אַנטיסעמיטיזם. פלישתים פאַר־שטאָפּן ברונעמס. זיי פאַרניכטן קוואַלן. ביי יצחקן האָבן די גויים נישט צוגענומען און אַליין ניט גענאָסן פון די מעגלעכקייטן פאַר עשירות, נאָר פשוט: זיי האָבן בלויז פאַרניכטעט און געשטערט די אַנטוויקלונג פון לאַנד, כדי יצחק זאָל נישט האָבן.

אין אונדזער היינטיקער מאָדערנער צייט, פּרובט מען מכלומרשט צו באַגרינדן דעם אַנטיסעמיטיזם מיט פאַר־שידענע אַרגומענטן. קודם כל — באַהויפּטעט מען — זענען יידן תמיד געווען פרעמדע איינוואַנדערער אין לענ־דער. אין וועלכע פעלקער האָבן פריער געוווינט. יידן זע־נען אַרויפגעקומען אויף אַלטע תושבים און דערפאַר קומט די שנאה. די שנאה פון די גויים צו יצחקן, ווידערלעגט דעם אַרגומענט. אברהם מיט יצחק, ווען זיי האָבן זיך

באַזעצט אין כנען, איז דאָס געווען אין דערזעלבער צייט, ווען די כנענים האָבן זיך דאָרט באַזעצט. אברהם מיט יצחק זענען געווען די זעלבע תושבים, ווי די כנענים. זיי האָבן זיך אַלע באַזעצט אין דער זעלבער צייט, פאַרוואָס איז דאַמאָלס געווען אַ שנאה פון די גויים צו יצחק?

אַ צווייטער אַרגומענט איז, אַז מען האָט פיינט יידן, ווייל זיי פאַרכאַפּן די לייכטע פרנסות: האַנדל, אינדוס־טרי, הלוואות וכדומה און די שווערע אַרבעט בלייבט פאַר די גויים, דערפאַר האָט מען פיינט דעם ייד. אָבער די תורה דערציילט, אַז יצחק האָט שווער געהאָרעוועט אויף זיין ברויט, זיך באַשעפטיקט מיט שווערער פעלד אַרבעט און טראָצדעם האָבן אים די גויים פיינט געהאַט. פרעגט זיך פאַרוואָס?

די פסוקים דערציילן אונדז, אַז יצחק אַליין האָט דאָס רעטעניש נישט פאַרשטאַנען. ער האָט דערפאַר קיין שום קריג מיט זיינע שונאים נישט געפירט, נאָר געוואַרט ביז עס איז געקומען דער הרחיב ד׳ לנו ופדינו בארץ. ביז ג־ט האָט אים געהאָלפן און דערגרייכט זיין מנוחה. אינ־טערעסאַנט איז די שילדערונג פון דעם מדרש, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער גאַנצער פּראָצעס פון דער שנאה פון די גויים צו יצחקן. דער מדרש זאָגט: עשק, כנגד ספר בראשית. שטנה, כנגד ספר שמות. באר מים חיים, כנגד ספר ויקרא, שהוא מלא הלכות רבות. אין פאַר־שטעלטע ווערטער גיט אונדז דער מדרש אַ בילד פון דעם

ערשטן אַנטיסעמיטיזם. ער זאָגט: ווען יצחק האָט גע־גראָבן דעם ערשטן ברונעם און די פלישתים האָבן אים געשטערט, האָט יצחק נישט געקענט פאַרשטיין. פאַר־וואָס זיין שטערן אים, זיי האָבן דאָך קיינמאָל דאָרט ניט געפּרובט צו גראָבן; זיי האָבן דאָרט קיינמאָל ניט געזוכט קיין קוואַלן; וואָלט ער נישט געגראָבן, וואָלט קיינער פון דעם פּלאַץ קיין שום נוצן ניט געהאַט. פאַרוואָס האָבן זיי דאַן טענות צו אים? וואָס שאַדט דאָס זיי, אַז ער מיט זיין אייגענעם פליים און מי, וועט זיך שאַפן אויף דעם ארט אַ מעגלעכקייט פון קיום? אָבער ער אורטיילט זיי נאָך נישט שלעכט. ער רופט די שנאה מיט דעם נאָ־מען: עשק. דער ווארט עשק, מיינט שטרייט. יצחק האָט די דערשיינונג צוגעשריבן צו דער מענטשלעכער נאַטור, וואָס איז געניינגט צו שטרייטן, איינער מיט דעם צווייטן דאָס איז כנגד ספר בראשית; מששת ימי בראשית שטריי־טן מענטשן מיט אַנאַנדער. האָט דאָך קין אויך זיך גע־שלאָגן מיט הבל, טראָצדעם קין האָט געהאַט גענוג. אָבער ער האָט מקנא געווען הבלן. אַזוי האָט יצחק געדענקט, אַז די פלישתים שטרייטן מיט אים בלויז פון קנאה. ער האָט די קנאה צוגעשריבן צום נאַטירלעכן עסק, וואָס איז דאָ ביי מענטשן.

לאָזט יצחק איבער דעם ברונעם און גייט אויף אַ נייעם פּלאַץ און נעמט זיך גראָבן אַ נייעם קוואַל, ווידער קומען די פלישתים און שטערן אים און לאָזן ניט גראָבן,

דאָס באַטראַכט ער שוין לגמרי פאַר אומנאַטירלעך. ערשט האָבן זיי ביי אים אוועקגענומען זיינע ערשטע ברונעמס, האָבן זיי דאָך, אויסער זייערע אייגענע, אויך די, פון אים אוועקגערויבטע. ווען ער גייט איצט גראָבן אין אַ נייעם פלאַץ, פאַרוואָס שטערן זיי אים? וואָס ווילן זיי פון אים? יצחק פאַרשטייט דאַמאָלס, אַז דאָס איז שנאה אָן אַ טעם; אָן אַן אַרגומענט; דאָס איז שנאה, צוליב שנאה. ער רופט דאָס „שטנה". דאָס וואָרט שטנה, מיינט: פיינדזעליקייט. אַ בייזער שטן שטעקט אין דעם. דאָס מיינט פשוט: צו פאַרביטערן דאָס לעבן און אָנטאָן צרות. דאָ איז דער־זעלבער פאַרגאַנג, ווי דער ספר שמות, ווו עס ווערט דער־ציילט די מעשה פון מצרים. די מצריים מיינען בלויז צו פאַרביטערן דאָס יידן דאָס לעבן.

אויב אַזוי, זעט יצחק, אַז איין עצה איז פאַראַן: אי־בערצולאָזן דאָס צוזאַמענלעבן מיט די גויים. עס וועט ניט העלפן קיין אָפּטרעטן זיי די ברונעמער. ער וועט זיי אָפּטרעטן און זיי וועלן ווייטער אים פיינט האָבן. ער מוז זיך אָפּזונדערן פון זיי און לעבן אַ לעבן פון תורה, פון ספר ויקרא, שהוא מלא הלכות רבות; אַ ריין יידיש לעבן, ווי עס ווערט פאַרגעשריבן אין ספר ויקרא. אַ שאַד צו זוכן יושר, אָדער רחמנות ביי גויים. עס וועט נישט העלפן קיין שום דערנענטערונג און קיין שום אָפּטרע־טונג. זיי וועלן דעם יידן תמיד פיינט האָבן; נאָר דאַ־מאָלס, ווען יידן וועלן זיין אָפּגעזונדערט פון זיי, נישט

האָבן קיין עסקים מיט זיי און זיך נישט רעכענען מיט זיי, דאַמאָלס קומט דער, הרחיב ד׳ לנו ופרינו בארץ.

דאָס לערנט אונדז, אַז יידן קענען לעבן מיט די פעל־קער פון דער וועלט בשלום, נאָר דאַמאָלס ווען זיי לעבן זייער אייגן יידיש לעבן. קוים ווילן יידן זיך אינגאַנצן דערנענטערן צו די גויים און לעבן גלייך מיט זיי, דאַ־מאָלס קומט אַנטיסעמיטיזם און יידן פיינטשאַפט. אַזוי איז געווען פון תמיד און אַזוי איז אויך היינט.

ו י צ א

ויצא יעקב מבאר שבע; און יעקב איז אַרויסגעגאַנ־גען פון באר שבע; ער האָט פאַרלאָזט זיין געבורטס־אָרט; ער האָט געוואַנדערט, ער איז געווען נע ונד. אויך אברהם האָט פאַרלאָזט זיין געבורטס־אָרט, אויך אברהם האָט געוואַנדערט. אָבער אַ גרויסער אונטערשיד איז פאַ־ראַן, צווישן דער וואַנדערונג פון אברהם, ביז צו דער וואַנדערונג פון יעקב. אברהם האָט זיך כלל נישט גע־נויטיקט צו פאַרלאָזן זיין געבורטס־אָרט. פאַרקערט, דאָרט אין זיין לאַנד איז אים געווען גוט. ער האָט געהאַט אַ היים, מיט עשירות מיט אַ נאָמען. אויב ער האָט דאָס אַלעס איבערגעלאָזט און זיך געלאָזט אין זיין וואַנדער־וועג, איז עס געווען בלויז דערפאַר, ווייל אַזוי האָט אים ג־ט באַפוילן: לך לך מארצך: גיי אַרויס פון דיין לאַנד. אברהם, נישט ער ווייסט, פאַרוואָס ער דאַרף פאַרלאָזן זיין לאַנד, פאַרוואָס ער דאַרף אַוועקגיין פון זיין געבורטס־אָרט און נישט ער ווייסט, וואוהין ער גייט. ער גייט: אל הארץ אשר אראך; מען וועט אים ערשט ווייזן, וואוהין צו גיין. ער גייט, סתם אין דער וועלט אריין. זיין גיין

האָט מיט מענטשלעכע, אָדער מיט נאַטירלעכע מאָטיוון, גאָר ניט צו טאָן, זיין גיין איז בלויז ג־טלעך. ניט צוליב עולם־הזהדיק לעבן איז אברהם געגאַנגען, נאָר צוליב עבדות השם צוליב ג־טלעכע דינסט.

ביי יעקבן דאַקעגן, איז אַזוי דאָס פאַרלאָזן זיין געבורטס־אָרט, ווי אויך דאָס גיין צו אַ באַשטימטן אָרט, קיין חרן, געווען מאָטיווירט מיט פשוטע, מענטשלעכע, נאַטירלעכע אורזאַכן. יעקב פאַרלאָזט זיין לאַנד און זיין געבורטס־אָרט, ווייל ער מוז אַוועק. עס שטייט אַן אייגענער ברודער, אַן עשו, וואָס זאָגט אויסדריקלעך: ואהרגה את יעקב אָחי; ער וועט יעקבן הרגנען. ער טאָר איין מינוט נישט בלייבן דאָרט לענגער, ער מוז אַוועק. אויב ער גייט קיין חרן, איז עס אויך צוליב אַ ריין נאַטירלעכער סבה. דאָרט האָט ער אַן אויסזיכט, אויף צו קענען זיך גרינדן אַ היים. דער פסוק באַטאָנט דערפאַר: ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה. יעקבס אַרויסגאַנג איז באַגרינדעט און דער ציל פון זיין גיין, איז באַגרינדעט. דאכט זיך: וואָס האָט אַזאַ רייזע צו טאָן מיט ג־טלעכקייט? עס איז דאָך אינגאַנצן עולם הזה! אָבער מערקווירדיק, תיכף ווי יעקב לאָזט זיך אַרויס אין דעם נאַטירלעכן וועג, זעט ער אין חלום: סלם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה; ער זעט, אַז לעבן איז פונקט ווי אַ לייטער. אַ לייטער שטייט טאַקע אויף דער ערד, אָבער מען קען, דורך אים, פון דער ערד אַרויף גיין גאָר הויך. עולים ויורדים בו; מען קען, דורך דער לייטער, דאָס נידע־

ריקע אַרויף ברענגען הויך און פון אויבן אַראָפּברענגען דאָס הויכע. יעקב פאַרשטייט דאַן, אַז: יש ד׳ במקום הזה ואנכי לא ידעתי; ג־טלעכקייט, קען מען געפינען אפילו אין דעם טאָגטעגלעכן לעבן. פון דעם, האָט ער ביז היינט ניט געוווּסט. ער האָט געמיינט, אַז בלויז אברהמס וואַנדערונגען האָבן געקענט זיין ג־טלעך, ווייל זיי האָבן מיט גשמיות, מיט ערדישע מאָטיוון, גאָר נישט צו טאָן געהאַט. אָבער זיין וואַנדערונג, זיין אַנטלויפן פון עשון און זיין לויפן קיין חרן, כדי דאָרט צו הייראַטן מיט לבנס טאָכטער, דאָס האָט מיט ג־טלעכקייט נישט צו טאָן. ער דערבליקט אָבער זיין טעות און פאַרשטייט, אַז: אין זה כי אם בית אלקים; אפילו אַ הויז, אַ פשוט הויז קען זיין ג־טלעך און הייליק. יעקב נעמט אויף זיך אַ נדר, אויב עס וועט אים געלונגען צו גרינדן אַ מענטשלעכע היים. מיט פרנסה און קליידונג, וועט ער געדענקען, אַז דער ציל פון לעבן איז ג־טלעכקייט.

אַזוי האָט אויסגעזען יעקבס חלום. ווען ער האָט מורא געהאַט פאַר עשון און געזוכט זיין נייע עקסיסטענץ אין חרן. דאָס בילד, דערמאָנט אונדז אין אונדז אַליין, אין יעקבס קינדער. אויך יידן, ווען זיי זענען אַנטלאָפן פאַר זייערע שונאים און געזוכט נייע לענדער, האָבן זיי אויף זייער וועג נישט איינמאָל געחלומט פון הויכע אידעאַלן. זיי האָבן אין זייערע נאַטירלעכע וואַנדערונגען, געזען ג־טלעכקייט און הייליקייט.

אָבער וואָס געשעט ווייטער? די פסוקים דערציילן:

יעקב קומט אַריין אין לבנס הויז. ער איז געשיקט, ער איז פלייסיק, ער אַרבעט ביי טאָג און ביי נאַכט, אין היץ און אין קעלט. ער מאַכט אַ גרויס פאַרמעגן פאַר לבן און פאַר זיך. ער האָט נישט בלויז אַ היים, נאָר אויך עשירות, מיט קנעכט און דינסטן און דאַמאָלס חלומט יעקב ווידער. אָבער דער חלום, וואָס ער חלומט איצט איז שוין גאָר נישט ענלעך צו דעם חלום, וואָס ער האָט געחלומט, בשעת ער לאָזט זיך צום ערשטן מאָל אין וועג אַריין. ער חלומט נישט מער פון ג-טלעכקייט. ער חלומט, אַז אַלע שאָף ווערן עקודים, נקודים וברדים. דאָס הייסט, אַז זיין פאַרמעגן ווערט וואָס אַמאָל גרעסער. ער ווערט רייכער פון טאָג צו טאָג. בלויז דאָס זעט ער אין חלום, נישט מער.

די פסוקים דערציילן דאן, אַז איינמאָל באַווייזט זיך פאַר יעקבן אַ מלאך, וועלכער רופט אים: יעקב! יעקב! יעקב ענטפערט אים: הנני; אָט בין איך! דאַמאָלס זאָגט דער מלאך צו אים: זאָלסט וויסן, אַז איך ווייס פון וואָס דו חלומסט היינט. דו חלומסט פון גרויסע פאַרמעגענעס, וואָס דו וועסט מאַכן פון די עקדים, נקודים וברדים. איך וויל דיך אָבער דערמאָנען פון אַן אַנדערן חלום, וואָס דו האָסט געחלומט מיט אַ לאַנגע צייט צוריק, ווען דו האָסט אָנגעהויבן דיין נע ונדקייט. דאַמאָלס האָסטו געזען, אַז אפילו פשוט גשמיותדיק לעבן, קען זיין ג-טלעך און אַז ג-טלעכקייט איז דער עיקר און דער הויפטציל אין לעבן. דו האָסט דאַמאָלס אויך אַ נדר געטאָן, אַז אויב עס וועט

דיר נאָר געלינגען צו גרינדן אַ היים מיט ברויט און מיט אַ מלבוש, וועט די היים ביי דיר זיין אַ ג-טלעכע און גייסטיקייט וועט זיין דער ציל און תכלית פון דיין לעבן. ביסט דו דערזועלבער יעקב פון אַמאָל? פאַרוואָס האָסטו דיך אַזוי געענדערט? ווייסטו, ווער עס איז אַממייסטן שול־דיק אין דיין איצטיקן מצב? כי ראיתי את אשר לבן עושה לך; דאָס איז לבנס מלאכה. מען זיצט אַזוי לאַנג ביי לבנען, ווערט מען אָנגעשטעקט מיט זיינע אידעאַלן, דערפאַר; עתה קום צא מן הארץ הזאת ושוב אל ארץ מולדתך; שוין שטיי אויף, לאָז איבער אַלע דיינע פאַר־מעגנעס און אַלע דיינע חלומות וועגן רייכקייטן, וואָס קענסט נאָך אָנזאַמלען און קער דיך צוריק צו דיין לאַנד, צוריק צו דיינע אידעאַלן, וועלכע דו קענסט דאָ נישט פלעגן.

די פסוקים דערציילן דאַן ווייטער, אַז נאָכדעם, ווי יעקב האָט געהאַט די נבואה און אויסגעהערט די ווער־טער פון דעם מלאך, האָט ער אַליין אויך זיך פאַרטראַכט אין זיין לאַגע און זיך טאַקע אָרומגעזען אַז: מתי אעשה גם אנכי לביתי; וויאַזוי וועלן אויסזען זיינע קינדער אין אַ פאָר יאָר ווייטער? אויב זיי וועלן טאַקע אַזוי כסדר זיך האָדעווען צוזאַמען מיט די בני לבן, וואָס וועט פון זיי ווערן? אויב ער וועט נאָך לענגער פאַרבלייבן ביי לבנען און וועט ווייטער נאָר אין זין האָבן אָנצוזאַמלען פאַר־מעגענס, וואָס וועט דאַן געשען מיט זיינע ווייטערע דור־רות? דאַמאָלס שיקט יעקב רופן רחל און לאה צו זיך

און ער דערציילט זיי אלעס. עס פאלט דער באשלוס: זאל זיך טאן וואס עס וויל! מען מוז מאכן א סוף צו דעם מצב. יעקב פארלאזט אלסדינג, ער פאקעוועט צוזא־מען וואס עס לאזט זיך, נעמט זיינע פרויען און זיינע קינ־דער און גייט צוריק צום לאנד פון זיינע אבות.

ווען מיר פארטיפן זיך אין אט דער שילדערונג, מוז מען מודה זיין, אז מען געפינט דא אן אמתע אפשפיג־לונג פון דער יידישער געשיכטע.

יידן ווערן געטריבן פון לאנד צו לאנד. שרעקלעך זענען די רדיפותן, וואס יידן ליידן פון צייט צו צייט. אין דער צייט פון זייער נע ונדקייט, זענען צומאל זייער הארט די שטיינער צוקאפנס, אויף וועלכע זיי מוזן ליגן. אבער ווייך און העל זענען דאמאלס די יידישע חלומות. אין זייער נע ונדקייט, האבן זיי הויכע, דערהאבענע חלו־מות; געדאנקען פון ג־טלעכקייט און גייסטיקייט. זיי דענ־קען ביי זיך. אויב עס וועט זיי געלינגען זיך אויפסניי איינצוריכטן וועלן זיי ניט פארגעסן אין זייערע אידעאלן און אין זייער אייגן יידיש לעבן. מיט דער צייט געלינגט זיי זיך צו באזעצן אין א ניי לאנד. מיט זייער געשיקט־קייט און זייער פלייס, שאפן זיי מאטעריעלע רייכטימער, נישט בלויז פאר זיך, נאר אויך פאר דעם נייעם לאנד, וואס האט זיי אויפגענומען. אבער ליידער, וואס אמאל ווייטער, פארגעסן זיי אינגאנצן אין זייער אייגן לעבן. זיי נעמען אן די שפראך, די זיטן און דעם לעבנסשטייגער פון דער איינהיימישער באפעלקערונג. אויב זיי חלומען

אַמאָל, איז עס בלויז אַ חלום פון עקודים, נקודים וברו־דים; פון פאַרגרעסערן זייערע פאַרמעגנס און נישט מער. זיי זענען אַזוי אַריינגעלאָזט אין דער תאווה פון מאַכן פאַרמעגן, אַז זיי פאַרגעסן לגמרי אין זייערע אידעאַלן, אין זייער אָפּשטאַם און אין זייער לעבן.

ווו נעמט מען אָבער היינט יענעם מלאך, וואָס איז געקומען צו יעקבן און אים דערמאָנט, ווי ער איז. ווו נעמט מען היינט אַ מלאך, וועלכער זאָל קענען אויפוועקן די יידישע קינדער און זיי אָנווייזן, וואָס עס איז פון זיי געוואָרן. זיי האָבן אויסגעטוישט זייערע אייביקע הייליק־טימער, אויף צייטווייליקע, דעוואַלוּאירטע מטבעות; אויף פאַרגענגלעכע פאַרמעגנס וואָס האָבן קיין שום ווערטפול־קייט. זייערע פרישע דורות, ווערן טעגלעך דערווייטערט פון דעם יידישן קוואַל און גייען פאַרלוירן פון יידישקייט, און קיינער איז אין דעם ניט שולדיק, נאָר דער: ראיתי את אשר לבן עושה לך; דאָס איז די אַרבעט פון דער סביבה, אין וועלכער מען לעבט. די זיכערסטע רפואה פאַר דער געפאַר איז נאָר דאָס, וואָס דער מלאך האָט געזאָגט צו יעקבן: עתה צא מן הארץ הזאת ושוב אל ארץ מולדתך. אויב מען האָט נאָר די מינדעסטע מעג־לעכקייט איז: גיי אַרויס פון דעם לאַנד און קער דיך צו־ריק צום לאַנד פון דיינע אבות. עס איז דאָ מיט ג־טס הילף אַ יידישע מדינה אין ארץ ישראל, ווו יעדער ייד האָט אַ רעכט אַריין צו קומען און לעבן, ווי אַ ייד, אין יידישקייט און אין יידישער פרייד. זאָל יעדער זיך אַ פאַרטראַכט טאָן וועגן דעם...

וישלח

די סדרה פון דער היינטיקער וואָך דערציילט אונדז פון יעקבס צוריקער אהיים. נאָך גאַנצע 20 יאָר גלות ביי לבן, גייט יעקב ענדלעך צוריק קיין כנען, צוריק אין דעם לאַנד פון זיינע עלטערן. אין פשוטע, איינפאַכע ווערטער שילדערט אונדז די תורה דעם צוריקגאַנג פון יעקב. יעקב איז פאַרטרויערט. אַ שווערער טונקעלער וואָלקן איז פאַרשפרייט אויף זיין הימל. אַט איז ער קוים אַרויס פון זיין סטראַטעגישן קאַמף מיט לבן, וועלכער האָט מיט כח דווקא געוואָלט אים צווינגען צו פאַרבלייבן אין חרן. מיט שווערער מי איז אים געלונגען, זיך אַרויס צו רייסן פון לבנס הענט. אַט גייט יעקב, פול מיט בענקעניש, אהיים צו זיין פאָטער און מוטער. אָבער, צו מעג ער אהיים קומען? זיין ברודער עשו איז אין כעס. ער האָט מיט אים פאַרשידענע אַלטע חשבונות. ווער ווייסט וואָס זיין ברודער טראַכט? ווער ווייסט וואָס פאַר אַ פּלענער ער האָט פאַר אים? יעקב האָט מורא, אז עשו זאָל אים פשוט נים הרגענען און נישט בלויז אים אַליין, נאָר אויך זיינע פרויען און קינדער. דאַמאָלס איז זיין גאַנצע אַר־

בעט ביז אהער, זיין משפחה, וואָס ער האָט מיט אזוי פיל מאַטערניש געגרינדעט, אינגאַנצן פאַרלוירן און אָפּ-געווישט. פאַרזונגען אין אָט אַזעלכע טרויעריקע רעיו-נות און געדאַנקען, פאַלט ביסלעכווייז צו די נאַכט. טונ-קעלער ווערט די נאַכט און טרויעריקער ווערן יעקבס גע-דאַנקען. מיט אַמאָל דערזעט זיך יעקב גאַנץ אַליין. ויותר יעקב לבדו; ער האָט נאָר וואָס געהאַט אַריבערגעשיקט זיין גאַנצע מחנה איבער דעם טייך יבוק. אַליין איז ער געבליבן, מיט אַ פּאָר פכים קטנים (רש״י); מיט מינדער-ווערטיקע כלים. דאַמאָלס טרעפט ער זיך מיט אַ מענטש, וואָס ראַנגלט זיך מיט אים און וויל אים דווקא אומוואַרפן. אַ גאַנצע נאַכט דויערט דער קאַמף, צווישן יעקב און יענעם פרעמדן מענטש. יעקב גיט באַין אופן ניט נאָך. דער פרעמדער פאַרוואונדעט דעם מידן, זאַרגפולן יעקב. יעקב באַקומט אַ ווונד אין זיין דיך; ער הינקט אונטער, אָבער ער גיט נישט נאָך. ער קעמפט מיט גבורה און אַנטשלאָסנהייט אַזוי, אַז עס טוישן זיך די ראָלן: דער אָנ-גרייפער ווערט דער אָנגעגריפענער; ער בעט זיך ביי יעקב, ער זאָל אים אָפּלאָזן. ער זאָגט: לאָז מיך אָפּ! עס טאָגט שוין! דאַמאָלס דערפילט יעקב, אַז זיין אָנגרייפער איז נישט קיין מענטש, נאָר אַ מלאך און ער זאָגט: איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן, ביז דו וועסט מיך נישט בענטשן. דער מלאך האָט נישט קיין ברירה, ער זאָגט אים, אַז יעקבס ריכטיקער נאָמען איז ישראל, ווייל ער האָט גע-

קעמפט מיט מענטשן און מיט א מלאך און האט געזיגט. יעקב איז אומבאזיגבאר.

אין דעם מערקווירדיקן פאעטישן בילד פון דער היינ־טיקער סדרה, האבן חז״ל געזען א ווונק פאר שפעטערע דורות; פאר דעם פיל טויזנט יעריקן קאמף וואס א מעכ־טיקע וועלט פירט קעגן דעם מידן, וואנדערנדיקן יידישן פאלק. יענע נאכט ביים טייך יבוק, איז א סימבאל פון דער פינסטערער, צוויטויזנט יעריקער געשיכטע פון יידי־שן גלות. דאס לעבן פון יעקב איז, לויט די חז״ל, ווי א שפיגל, אין וועלכן עס שפיגלט זיך אפ דאס לעבן פון זיי־נע קינדער. וויל מען צומאל פארשטיין דעם סוד פון א וואונדערלעכן צייטאפשניט, אין דער גארער געשיכטע פון דעם יידישן פאלק, דארף מען אנאליזירן און זיך פארטיפן אין דעם לעבן פון יעקב אבינו. דארט, וועט מען געפינען די ריכטיקע לייזונג.

אויך מיר יידן, לעבן היינט איבער די עפאכע פון יעקב, ווען ער פארענדיקט דעם גלות. גאנצע 20 יאר איז יעקב געווען אין גלות. אויך מיר האלטן היינט נאך 20 הונדערטער יאר גלות. אויך מיר האלטן ב״ה היינט, ביים פארענדיקן די גלות־עפאכע. מיר שטייען היינט ביי דער מדרגה פון ויותר יעקב לבדו; מיר זענען געבליבן אליין, פאראייניזאמט פיזיש און גייסטיק. אין אונדזער לאנגן גלות, האבן מיר ווייניקסטנס געהאט אונדזערע גרויסע גייסטיקע רייכטימער, וואס האבן אונדז באגלייט און באלייכט אונדזער וועג. אבער מישטיינסגעזאגט וואס

איז אונדז היינט געבליבן פון אונדזער יידישן ליכט? אין פריערדיקע צייטן, ווען מיר האָבן געשמידט אונדזערע גרויסע אידעאַלן, האָבן די פעלקער געקעמפט קעגן אונדזער תורה, קעגן אונדזערע אידעאַלן. אָבער היינט? מיר האָבן פון אונדזער יידישקייט, בלויז: פכים קטנים; בלויז מינדערווערטיקע סימבאָלן; בלויז: יעקב לבדו; בלויז אונדזער אָפּשטאַם, בלויז אונדזער צוגעהעריקייט צו דער יעקב משפחה. מיר פלעגן נישט אונדזער אייגענעם אידעאַל, מיר רעדן נישט אונדזער אייגענע שפּראַך, מיר לערנען נישט אונדזער אייגענע קולטור. דאַכט זיך, פאַר-וואָס זאָל מען אונדז היינט נאָך באַקעמפן? וואָס האָט מען היינט צו אונדז? וואָס באַקעמפט מען אין אונדז? בלויז דעם נאָמען יעקב, בלויז אונדזער צוגעהעריקייט צו יעקב? אָבער דאָס איז דער יידישער גורל. אפילו ווען ויותר יעקב לבדו; ווען עס בלייבט בלויז דער נאָמען יעקב, באַפאַלט מען אונדז אויך, מען ראַנגלט זיך מיט אונדז. מען וויל אונדז ניט, אפילו ווען מיר זענען גע-בליבן, בלויז ביי פכים קטנים.

אין וואָס איז לעצטנס באַשטאַנען דאָס יידישקייט פון אַ דייטשן ייד? בלויז אין זיין נאָמען, אין זיין אָפּ-שטאַם. אָבער אויך דעם ייד, האָט מען געוואָלט אָפּווישן פון דער וועלט.

מערקווירדיק איז דער אויסדרוק אין דער תורה, וועל-כער לויטעט: ויאבק איש עמו. אין חדר האָט דער רבי געטייטשט: און עס האָט זיך אַ מאַן, געראַנגלט מיט

אים. מיר ווייסן אָבער, אַז דער ווארט „ויאבק", האָט בכלל נישט צו טאָן מיט קיין ראַנגלען. פאַרוואָס האָט די תורה זיך באַנוצט מיט דעם וואָרט ויאבק, וואָס האָט גאָר אַ גאַנץ אַנדער באַדייטונג? דארויף זאָגט רש"י פון דעם מדרש, אַז דאָס וואָרט האָט דריי פירושים. איינ־מאָל: ויאבק, שטאַמט פון דעם שורש **אבק**. אבק מיינט שטויב. מיט דעם, וואָס יעקב האָט זיך געראַנגלט מיט יענעם מאַן, האָט זיך געמאַכט אַ שטויב. אַ צווייטער פשט איז דער, וואָס דער תרגום זאָגט: בתר דאביקו. אביקו. מיינט: זיך אַרומנעמען, זיך האַלדזן, זיך צודריקן, זיך פאַראייניקן איינער מיט דעם צווייטן. דער דריטער פשט איז פון מדרש, אַז דער ווארט „אבק" שטאַמט פון אבוקה, אַ פלאַם. יענער מאַן הייסט דאָס, האָט יעקבן געברענט מיט אַ פייערדיקן פלאַם.

פאַרשטייען מיר נישט אַלע דריי פירושים. דער ערש־טער פשט איז שווער. צו וואָס האָט די תורה נישט גע־זאָגט אָפן, אַז דער מאַן האָט זיך געראַנגלט מיט יעקב? צו וואָס עפּעס דערמאָנען דעם שטויב און ניט, דאָס ראַנג־לען גופא? דער צווייטער פשט, איז איבערהויפּט נישט צו פאַרשטיין. וואָס מיינט דאָס, אַז יענער מאַן האָט יעקבן גאָר אַרומגענומען און געהאַלדזט? פון אַרומנעמען זיך און זיך פאַראייניקן, קען מען דאָך קיין וווּנדן ניט באַ־קומען? דער דריטער פשט איז גאָר פרעמד, ווייל עס איז נישטאָ קיין רמז אין דער תורה, אַז דער מלאך זאָל געוועזן יעקבן ברענען מיט פייער.

מיר לעבן היינט אין אַ צייט ווען אַט די אַלע אום־פאַרשטענדלעכע ווערטער ווערן פאַר אונדז קלאָר און דייטלעך.

אין די טייטשן פון דעם וואָרט „ויאבק", האָבן חז״ל געזען דעם גורל פון דעם ייד, אין זיין גאַנצער גלות געשיכטע. ויאבק איש עמו! אויך מיט דעם יידישן פאָלק, ראַנגלען זיך די מעכטיקע שטאַרקע פעלקער פון דער וועלט. מיט פאַרשידענע מיטלען, ווילן זיי דעם ייד פאַר־ניכטן.

דער אברבנאל דערציילט, אַז אין די צייטן פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, זענען אַמאָל די מיניסטאָרן גע־זעסן ביי אַ זיצונג און אַריינגעקלערט, ווי אַזוי מען קען דורכפירן אין שפּאַניע אַ פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון אַלע יידן. זיי האָבן איינגעזען, אַז מיט איינמאָל קען מען אַ גאַנץ פאָלק נישט אויסראָטן. אָבער איין מיניסטער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַן עצה: מען זאָל עס מאַכן דורך דרייערליי מיטלען. איין דריטל פון די יידן, וועט מען קודם אַרויסשיקן פון לאַנד; זיי צווינגען צו עמיגראַ־ציע און פּטור ווערן פון זיי. אַ צווייט דריטל, וועט גע־לונגען, דורך שמד, צו פאַראייניקן מיט די קריסטן; זיי וועלן זיך אויסמישן און עס וועט פון זיי גאָרנישט בלייבן. אַ דריט דריטל, וועט מען דאַן קענען פאַרברענען אויף שייטערהויפענס. צי מוזן מיר נישט צוגעבן, אַז יענער פּלאַן, ליגט אין די אויסטייטשונגען פון חז״ל אויף דעם וואָרט: ויאבק? יעקב אבינו זעט, ווי די יידישע שונאים,

וועלן קודם טרייבן די יידן פון זייערע לענדער; יידן וועלן מוזן איבערלאָזן האָב און גוטס און עמיגרירן. די עמיגראַציע וועט זיין אַזוי גרויס, אַז ממש שטויבן וועלן זיך הויבן, פון די וואַנדערונגען. דאן זעט ער דעם צווייטן טייטש פון ויאבק: זיך ארומנעמען, זיך האלדזן. די יידישע שונאים, וועלן מיט שמד און אַסימילאַציע, אריינגעמען אין זיך מיליאָנען פון יידן און זיי וועלן גיין פאַרלוירן, פאַר דעם יידישן פאָלק. צולעצט זעט ער אויך די אבוקה, דעם פלאַם פון די שייטערהויפנס, אויף וועלכע מיליאָנען יידן וועלן פאַרברענט ווערן.

מיט אייגענע אויגן האָבן מיר געזען, אַז די וואָפן פון דעם גרעסטן רשע, היטלער ימ״ש, זענען אויך געוועזן די זעלבע. אויך ער, האָט קודם יידן געטריבן, דאן געברענגט צו דעם, אַז יידן זענען אליין אַנטלאָפן פון יידישן לאַגער און זיך אויסגעמישט מיט די גויים. ענדלעך האָט ער אָנגעהויבן מיט די פייערן, צו ברענען די איבערגעבליבענע יידן.

אמת, אין אַזאַ קאַמף ווערן יידן פאַרוואונדעט, אָבער זיי עקזיסטירן. זיי באַקומען קלעפּ, אָבער זיי לעבן. זיי הינקען, אָבער קומען ארויס זיגער און ווערן די אַנגרייפער, די אָנקלעגער, די וואָס ווייזן מיט די פינגער, אויף דעם רשעות פון דער וועלט.

אונדזערע נעכטיקע שונאים בעטן זיך היינט ביי אונדז: שלחני כי עלה השחר: לאָזט שוין אָפּ, יידן! ביי אונדז האָט שוין אויפגעשיינט דער מאָרגנשטערן. מיר

זענען שוין היינט ווייט פון יענע באַרבאַרישע לאָזונגען. מיר לעבן מיט דעמאָקראַטישע אידעען. לאָמיר, הייסט עס, פאַרגעסן אין יענעם קאַמף. אָבער יידן קענען באין אופן נישט פאַרגעסן. לא אשלחך כי אם ברכתני; מיר וועלן נים נאָכלאָזן, ביז דער שונא וועט נישט, פאַר דער גאַנצער וועלט, דעקלאַרירן זיין פאַרברעכן; ביז ער וועט נישט פאַר דער גאַנצער וועלט אַנערקענען, אַז יידן זע־נען אַ פאָלק מיט אַלע רעכט, אַז יידן האָבן נישט בלויז פאַר זיך, נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט געשאַפן די גרעס־טע ווערטן פון קולטור און וויסן. דאָס דערציילט אונדז די היינטיקע סדרה.

ו י ש ב

און יעקב קומט ענדלעך אהיים און באַזעצט זיך אין דעם לאַנד פון זיינע עלטערן, אין דעם לאַנד כנען. אלה תולדות יעקב יוסף: דאַמאָלס הויבט זיך אָן יעקבס טראַגעדיע מיט יוספן. רש״י ברענגט פון דער גמרא: בקש יעקב לישב בשלווה קפץ עליו רוגזו של יוסף; יעקב האָט געוואָלט זיך אוועקזעצן רואיק, איז אויסגעבראָכן אין זיין אייגענער שטוב דער גרויסער קריג, צווישן יוסף און זיינע ברודער. די פסוקים שילדערן דאן די טראַגעדיע, וואָס איז פאָרגעקומען אין יעקבס הויז. יוסף ווערט פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף קיין מצרים און אנשטאָט מנוחה, לעבט יעקב אין טרויער און עלנט גאַנצע 20 יאָר.

איך דערמאָן זיך אין מיינע קינדער יאָרן, ווען מיר פלעגן אַלס גאָר קליינע קינדער גיין אין חדר. ביי נאַכט, ביי צאַנקענדיקע נאַפט לעמפלעך, פלעגן מיר לערנען די סדרות. אין דרויסן איז געווען אַ טריבער האַרבסט-וועטער. אַ שנייעדיקער רעגן, פלעגט זיך איינבייסן אין אונדזערע קערפערלעך און דער רבי האָט געלערנט מיט אונדז

אַט די סדרה פון וישב. די סדרה פלעגט אונדז אַמייסטן
אַריינברענגען אין אַ שטימונג פון צער און ווייטאָג. פון
די פריערדיקע סדרות האָבן מיר גוט געדענקט, וואָס דער
אָרעמער יעקב איז אַלץ אַדורכגעגאַנגען אין לעבן. ער איז
געווען נע ונד; ער האָט זיך געוואַלגערט אין דער פרעמד;
ער איז אויסגעשטאַנען כלערליי מיני רדיפות, פון אַן עשו,
פון אַ לבן, פון אַ מלאך, וואָס גיט אים אַ קלאַפּ און יעקב
בלייבט אַ הינקעדיקער. צום סוף גאָר אַ ביטערע צרה
פון אַ מעשה מיט דינהן. קוים מיטן לעבן ראַטעוועט זיך
יעקב אַרויס פון שכם. נו! וויפל איז דער שיעור? דער
אויסדרוק פון: בקש יעקב לישב בשלווה קפץ עליו רוגזו
של יוסף, שמעקט מיט עפּעס אַ מין טענה קעגן יעקבן.
ווי איינער רעדט: קוקט נאָר! יעקב וויל גאָר מנוחה.
גלייך ווי דאָס וואָלט גאָר געווען אַן עוולה פון יעקבס
זייט.

חז״ל אין דער גמרא גיבן נאָך צו: אָמר לו הקב״ה
ליעקב לא דיין לצדיקים מה שמתוקן להם לעולם הבא
אלא שמבקשים לישב בשלווה בעולם הזה; דער רבש״ע
האָט געזאָגט צו יעקבן: נישט גענוג, וואָס די צדיקים
האָבן אָנגעגרייט דעם עולם הבא, ווילן זיי נאָך דעם עולם
הזה אויך. מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז די
עוולה פון יעקב, וואָס ער האָט ענדלעך נאָך אַזוי פיל
צרות, זיך געבענקט נאָך אַביסל מנוחה, נאָך אַביסל עולם
הזה?

וואונדערלעך זענען די מאמרים פון חז״ל בנוגע צום

לעבן פון יעקב אבינו, חז״ל באהויפטן, אז דאָס לעבן פון יעקבן איז אַ סימבאָל און אַ מיניאַטור-בילד, פון דער גאַנ־צער געשיכטע פון די יידישע קינדער, אין אַלע זייערע עפּאָכעס.

יידישקייט, יידישער לעבנסשטייגער, אָדער דאָס לעבן לויט יידישער תורה, האָט צווייערליי שטערונגען: צופיל אָרעמקייט און צופיל רייכקייט. ווען מען איז צופיל אָרעם און עלנט, מוז מען צומאָל, עובר זיין אויף דער תורה. מען קען נישט זיין געוואָרנט פון די פאַרשריפטן פון דער תורה. עניות מעבירה על דעת קונו, זאָגן חז״ל; אָרעמ־קייט פירט צומאָל אַראָפּ פון דעם ערלעכן תורה-וועג. אויך צופיל רייכטום, פירט אַראָפּ פון דעם תורה וועג. ווען אַ מענטש האָט צופיל; ער האָט אַלצדינג און אי־בערפלוס, ווילט זיך אים עובר זיין אויף דער תורה. מה יעשה הבן שלא יחטא, זאָגן חז״ל. אז מען האָט אַ סך, איז מען אַ מה-יעשהניק.

שלמה המלך אין משלי, בעט זיך דערפאַר ביי ג־ט: ראש ועושר אל תתן לי; אָרעמקייט און רייכקייט זאָלסטו מיר נישט געבן פן אשבע וכחשתי ואָמרתי מי ד׳; ווען איך וועל האָבן צופיל, וועל איך לייקענען אין ג־ט און זאָגן ווער איז ג־ט. ופן אוורש וגנבתי; אויב איך וועל זיין אָרעם, וועל איך גנבנען. חז״ל דרינגען פון דעם, אז רייכ־קייט איז געפערלעכער ווי אָרעמקייט, שלמה המלך זאָגט: אויב ער וועט זיין צו רייך, וועט ער לייקענען אין ג־ט און אויב ער וועט זיין צו אָרעם, וועט ער גנבנען. גנבנען,

אפילו אויף צו האָבן צו עסן, איז אַן עבירה אָבער די עבירה, איז ניט צו פאַרגלייכן מיט דער עבירה, וואָס קומט פון עשירות. עשירות ברענגט צו לייקענען אין ג־ט. דאָס מיינט, עובר צו זיין אויף דער גאַנצער תורה.

אונדזער גמרא קלאַסיפיצירט די צדיקים און די רשעים, אין פיר קאַטעגאָריעס. עס איז פאַראַן — זאָגט די גמרא — אַ צדיק, וואָס ס'איז אים גוט און אַ צדיק, וואָס עס איז אים שלעכט. דאַן איז פאַראַן אַ רשע, וואָס עס איז אים גוט און אַ רשע, וואָס עס איז שלעכט, די גמרא זאָגט ווייטער, אַז אַ צדיק, וואָס עס איז אים גוט דאָס איז אַ צדיק גמור; אַן אמתער צדיק. אַ צדיק, וואָס עס איז אים שלעכט, דאָס איז אַ צדיק שאינו גמור; ניט קיין אמתער צדיק. אַ רשע, וואָס עס איז אים גוט, דאָס איז אַ רשע שאינו גמור; נישט קיין אמתער רשע. אַ רשע וואָס עס איז אים שלעכט, דאָס איז אַ רשע גמור; אַן אמתער רשע.

מען פרעגט שוועך די גמרא, פון דעם לעבן. לויט דער גמרא, וואָלט אַרויסגעקומען, אַז דעם אמתן צדיק, דאַרף גיין גוט און דעם אמתן רשע, דאַרף זיין שלעכט. אין דעם לעבן דאַקעגן זען מיר דאָך אַ סך אמתע צדיקים, וואָס עס איז זיי שלעכט. אויך אַ סך אמתע רשעים, וואָס עס איז זיי זייער גוט. ווי אַזוי קען מען דאָס לעבן, פאַר־איייניקן מיט דער גמרא?

איינער פון אונדזערע מפורשים זאָגט, אַז מיר האָבן אַ טעות אין דעם פשט פון דער גמרא. די גמרא האָט דאָ

בלויז געוואָלט אָנווייזן די סימנים, כדי צו דערקענען, ווער עס איז אַן אמתער צדיק און ווער עס איז אַן אמתער רשע. אַ צדיק גמור איז דער, וואָס ער איז אַ צדיק וטוב לו; ער איז אַ צדיק, ווען עס איז אים גוט. צו זיין אַ צדיק, אפילו דאַמאָלס, ווען עס גייט גוט, ווען מען האָט פון אַלעם גוטן, דאָס ווייזט אויף אמתע צדקות, ווייל רייכטום פירט דעם מענטש אַראָפּ פון דעם וועג. אויב איינער איז אַ צדיק, טראָצדעם וואָס עס איז וטוב לו, וואָס עס איז אים גוט, איז ער טאַקע אַ צדיק גמור. אַ צדיק ורע לו איז אַ צדיק שאינו גמור. די גמרא מיינט דערמיט אָנצווייזן, אַז אויב עמיצער איז אַ צדיק, בשעת אים אַליין איז שלעכט, איז נאָך נישט קיין ראיה, אַז ער איז אַ צדיק גמור. אַן אָרעמאַן האָט אַ גוט הארץ. פּרוווט און גיט אים עשירות, וועט זיך ערשט דאַמאָלס אַרויסשטעלן צי ער איז טאַקע אַן אמתער צדיק, דערפאַר איז דער צדיק ורע לו, נישט קיין צדיק גמור.

ביים רשע איז פאַרקערט. אַ רשע ורע לו איז אַ רשע גמור. אויב אַ מענטש איז אַ רשע, טראָצדעם וואָס עס איז ורע לו; עס איז אים אַליין שלעכט; ער האָט נישט קיין שום תענוג אין לעבן און פונדעסטוועגן טוט ער רשעות, דער איז אַ רשע גמור. עלנטקייט דאַרף נישט גיין צוזאַמען מיט שלעכטסקייט. אויב מען איז שלעכט אפילו, ווען ורע לו, איז דאָס אַן אמתער פאַרדאָרבענער כאַראַקטער. דאַקעגן אַ רשע וטוב לו, איז אַ רשע שאינו גמור. אויב איינער איז אַ רשע ווען עס גייט אים גוט,

איז ניט קיין באַווייז, אַז ער איז אַ רשע גמור. מעגלעך, אַז זיין עשירות האָט אים אַראָפּגעפירט פון דעם וועג. וואָלט ער קיין געלט נישט געהאַט, וואָלט ער אפשר ניט אַזוי שלעכט געווען.

דאָסזעלבע איז מיט יידישקייט. ווען איינער לעבט אין רייכטום און אין איבערפלוס און ער פאַרלאָזט דעם יידישן לעבנסוועג, ער פירט זיך נישט יידיש און לעבט נישט מיט די יידישע אידעאַלן, איז נאָך אַ האַלבע צרה. מיר טאָרן אים נאָך נישט פאַרדאַמען און שטעמפּלען אַלס אַ פּושע ישראל. מיר קענען ביי אים נאָך אָנווענדן די טענה פון משה רבינו ביים עגל: הרבית להם זהב עשו להם עגל: דו האָסט זיי געגעבן פיל גאָלד. האָבן זיי זיך געמאַכט אַן עגל. ליידער, אַזוי איז עס. אַז מען האָט אַ סך געלט מאַכט מען אַן עגל. אָבער ווען איינער איז אַ קבצן, אַ דלפון, ער פאַרמאָגט גאָר נישט און דערלויבט זיך צו טרעטן אויף זיינע יידישע הייליקייטן, דער איז אַ רשע גמור. ער האָט נישט קיין שום פאַרענטפערונג פאַר זיין הפקירות.

פאַרקערט איז עס ביי אַ ייד, וואָס ער איז טריי צו זיינע יידישע אידעאַלן. אויב אַ ייד, אַן אָרעמאַן האַלט יידישקייט און פירט זיך, ווי זיינע עלטערן, איז עס ניט קיין שום מסירות נפש פון זיין זייט; עס קומט אים דער־פאַר נישט קיין מעדאַל. אָבער אויב אַ ייד איז פול מיט רייכטום און עשירות און לעבט ווי אַ טרייער ייד; ער פאַרהייליקט זיינע יידישע אידעאַלן, איז עס אַ מדרגה,

וואָס מיר דאַרפן רעספּעקטירן, ווייל דאָס ווייזט, אַז ער איז באמת דורכגעדרונגען מיט דעם יידישן גייסט.

מיט דעם האָבן חז"ל דערקלערט דעם געדאַנקענגאַנג פון יעקב. ער האָט מיט אַמאָל איינגעזען אַז ביז איצט האָט ער כסדר געהאַט געלעבט אין עלנט און אין נויט; אין פחד און אין שרעק. יעקב האָט טאַקע געוווּסט, אַז: עם לבן גרתי ותרי"ג מצוות שמרתי. ער האָט געוווּסט, אַז קיין כוח קען אים נישט אַראָפּפירן פון זיין ערלעכן וועג. אָבער ער איז ניט געווען צופרידן מיט זיך. ער האָט זיך געטראַכט: עס איז נאָך נישט קיין גאַראַנטיע צי זיין ערלעכקייט קומט טאַקע פון זיין אינערלעכער איבער־צייגונג און פון זיין אמתן כאַראַקטער. מעגלעך, אַז בלויז אין די אומשטענדן, איז ער געבליבן ערלעך. וואָלט ער געווען געלעבט אין אַנדערע אומשטענדן, אין רייכטום אין מנוחה אָן זאָרגן, אָן פחד און אָן שרעק, וואָלט ער אפשר זיך געווען אַנדערש אויפגעפירט. דערפאַר: בקש יעקב לישב בשלווה; יעקב האָט געוואָלט אויספּרווון, ווי עס וועט אויסזען זיין אייגן לעבן, אין מנוהה, אין שלווה, אין איבערפלוס און אין רייכטום. צו וועט ער אויך אין יענע אומשטענדן, בלייבן טריי צו זיינע הויכע אידעאַלן. קפץ עליו רוגזו של יוסף: מען האָט אים געוויזן, אַז ער מוז נאָך אָפּוואַרטן. לעת עתה איז ער מיט זיין אידעאַ־ליזם, נאָך נישט דורכגעגאַנגען אַלע נסיונות פון עלנט. ביז איצט האָט ער געליטן פון פרעמדע. ער מוז נאָך אַדורכמאַכן אייגענע צרות. ער וועט האָבן די געלעגנ־

היימ צו שטודירן זיין רעאַקציע, אין זיין אייגענער צרה. ווען ער וועט אויך די אייגענע צרה באַשטיין, מיט אי־דעאַל, קען ער שוין זיין זיכער, אַז קיין שום זאַך אין דער וועלט איז ניט בכח אים אַראָפּצופירן פון זיין הויכן גייסטיקן וועג אין דעם לעבן.

דאָס לערנט אונדז דער ערשטער פסוק פון דער היינ־טיקער סדרה.

מקץ

די מעשה פון מכירת יוסף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער פאָריקער סדרה, באַקומט אין דער סדרה פון דער היינטיקער וואָך, אַן אַנדער געשטאַלט, און אַן אַנדערע צורה. זי שילדערט אונדז אַ וואונדערלעך בילד פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, פון דעם מענטשלעכן כאַראַקטער און פון דער מענטשלעכער נשמה. מיר לערנען פון דער היינטיקער סדרה זייער אַ סך. וועגן די מענטשלעכע געפילן און וועגן דעם מענטשלעכן גורל.

אַט זענען די ברידער פון יוספן, וועלכע האָבן יוספן פאַרקויפט קיין מצרים פאַר 20 טאָלער. זיכער, האָט זיך דאַמאָלס ביי זיי ניט געהאַנדלט וועגן די פאָר טאָלער, וואָס זיי האָבן פאַר אים באַקומען. זיי האָבן אים בלויז געוואָלט דערנידעריקן. זיי האָבן אים געוויזן, וואָס פאַר אַ קליינעם פּרייז, זיי נעמען פאַר אים. דאָס מיינט, אים צו איבערצייגן, וואָס פאַר גרינגען ווערט ער האָט. דאָס וועט אים איצט זיכער אויסהיילן פון זיינע פּוסטע פאַנטאַזיעס און חלומות, וואָס ער האָט, וועגן הערשאַפט

און גרויסקייט. מען וועט אים מאַכן פאַר אַ קנעכט, וועט ער אויפהערן טראַכטן פון ווערן אַ הערשער.

אָבער מערקווירדיק! וואָס מער, די ברידער פון יוסף האָב זיך אָנגעשטרענגט, צו דערוויטערן יוספן פון אַ מעגלעכקייט, צו קענען אַמאָל הערשן, אָדער רעגירן, אַלץ מער האָבן זיי, — גאָר פאַרקערט, — מיט זייערע אייגענע הענט, דערנענטערט און ממש צוגעפירט אים, צו מלוכה און צו הערשאַפט. דאָס לערנט אונדז, ווי נאַריש דער מענטש איז, ווען ער מיינט, אַז אין זיין האַנט איז צו דעצידירן, איבער זאַכן, וואָס שטייען העכער פון אים. דער מענטש קען קיינמאָל ניט ענדערן קיין ג־טלעכע השגחה ער מיינט, ער צעשטערט געוויסע פלענער. צום סוף, פאַרווירקלעכט ער גאָר זיי. וואָלטן יוספס ברידער נישט געוועזן אים פאַרקויפט קיין מצרים ווער ווייסט צי אין כנען, וואָלט ער אַמאָל געוועזן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו ווערן אַ שני למלך, אָדער סתם אַ רעגירער. נאָר זיינע ברודער האָבן אים דערמעגלעכט די פאַרווירקלעכונג פון זיינע חלומות.

די פסוקים באַטאָנען דערפאַר, אַז די ברידער פון יוספן קומען אויג אויף אויג, מיט עפעס אַ ווינדערלעך בילד: ויוסף הוא השליט; יוסף איז דער הערשער, קוקט און שטוינט! וואָס פאַר אַ שרעקלעכע און טראַגישע מיטל, זיי האָבן ניט אָנגעווענדעט, כדי ניט צו דערלאָזן יוספן קומען צו אַ הערשאַפט, האָט זיך דאָך אויסגעלאָזט, אַז יוסף הוא השליט: יוסף איז געוועזן דער הערשער.

דאָ קומט אויך אַרויס גאָר בולט די גרויסע צדקות פון יוספֿן. מיר ווייסן שוין פון פריער, אַז יוסף האָט אין זיינע שווערסטע ליידן און יסורים, קיינמאָל נישט פאַר־צווייפלט, נאָר אַלצדינג איבערטראָגן געדולדיק. אָבער דער גרעסטער נסיון פון צדקות קומט ערשט איצט. ער איז אין העכסטן ראַנג; ער האָט אַלע מעגלעכקייטן; אָבער, ער איז זייער ווייט, פון װעלן באַצאָלן זיינע ברידער מיט דערזעלבער מטבע, מיט וועלכער זיי האָבן קעגן אים געהאַנדלט. ער באַהאַלט זיין צער, זיין ווייטאָג, אינע־ווייניק ביי זיך. ער באַקעמפֿט זיך און אַלצדינג וואָס ער טוט איז אויסגערעכנט בלויז אויף אַרויסצורופֿן ביי זיי, ביי זיינע ברידער אמתע געפילן פון חרטה און פון באַ־דויערן. ער וויל, זיי זאָלן אַנערקענען, אַז זיי האָבן קעגן אים שלעכט געהאַנדלט און דאָס איז פאַר אים גענוג.

אמת, אַז עס איז שוין 20 יאָר, זייט דעם טאָג, אין וועלכן עס איז פאָרגעקומען יענע שרעקלעכע טראַגע־דיע. אָבער דער פסוק זאָגט: ויזכור יוסף: יוסף, דערזעענ־דיק זיינע ברידער, זענען ביי אים אַנטשטאַנען אַלע שרעק־לעכע זכרונות פון אַמאָל. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זיי־נע ברודער האָבן אים געוואָלט הרגענען; ווי ער האָט זיך ביי זיי געבעטן, זיי זאָלן אים שענקן דאָס לעבן; וויאַזוי, — אויף ראובנס עצה — זיי האָבן אים אַריינגע־וואָרפן אין אַ גרוב פול מיט שלאַנגען און עקדעשן; ווי אַזוי ער איז ממש מיט נסי נסים דאָרט געבליבן לעבן; וויאַזוי זיי האָבן אים דאַן אַרויסגעצויגן און פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט צו ישמעאלים. א. אז. וו.

די געדאנקען אסאציאציעס האבן אים דאן דערמאנט, אויך אין דער סבה פון דעם אלעם; אין די חלומות, וואס ער האט געחלומט. דער מדרש זאגט אז דאס האט אים קיין טרייסט נישט געגעבן. אמת, די חלומות זענען מקויים געווארן. אבער, האט זיך געלוינט אזוי פיל צוליידן כדי די חלומות זאלן מקויים ווערן? די בעסטע און שענסטע יארן פון זיין לעבן, האט ער פארלוירן אין פחד און שרעק. די טויט שרעק אין די הענט פון זיינע ברידער, דער טויט פאר די אויגן אין דעם שלאנגען-גרוב; די פארשקלאפונג און דערנידערונג ביי די ישמעאלים; זיין אומגליק און בושה אין פוטיפרס הויז; זיין זיצן גאנצע 10 יאר מיט פארברעכער אין אן אייביקער תפיסה; איצט זיין אפגע־ריסנקייט פון זיין היים און פון זיין ליבן פאטער: האט זיך דאס אלעם אויסגעצאלט מיט דעם, וואס ער איז היינט שני למלכות אין מצרים? דאכט זיך, אז זיינע ברידער וואס זענען נישט קיין הערשערס אין מצרים, האבן א סך בעסער געהאט; זיי זענען געווען די גאנצע צייט אין דער היים, צוזאמען מיט זייער פאטער: געלעבט במנוחה און געפלעגט די אידעאלן פון זייערע אבות.

אויב אזוי, קומט גאר אויס, אז די גרויסע שיינע חלו־מות, וואס ער האט אמאל געהאט, זענען גאר נים געווען פאר אים, נאר פאר זיי: החלומות אשר חלם להם. די חלו־מות, וואס ער האט געחלומט, זענען געווען פאר זיי־ערטוועגן. זיי זאלן היינט, אין הונגער האבן צו וועמען

צו קומען. אָבער ער אַליין, וואָס האָט ער פון יענע חלו־מות?

אָבער, פון דעם גאַנצן חשבון איז יוסף געקומען, צו אַ גאַר אַנדערן באַשלוס. ער האָט איינגעזען די שוואַכ־קייט פון אַ מענטש. אַ מענטש קען בלויזן פּלאַנען און דענקן צו טאָן אַ געוויסע זאַך, אָבער אויספירן די פּלע־נער, דאָס איז נישט אין דעם מענטשס האַנט. זאָל ער מאַכן אַ פּלאַן איצט, וויאַזוי זיך נוקם צו זיין אין זיינע ברידער? ווער ווייסט? אפשר וועט דאָסזעלבע פּאַסירן ביי אים? ער וועט פּלאַנען זיי צו באַשטראָפן און דער סוף וועט זיין, ער וועט אַליין צופירן צו דעם, אַז ער וועט דאַרפן שטיין פאַר זיי, פונקט ווי זיי שטיין היינט פאַר אים...

דער חשבון האָט ביי אים געבראַכט צו דעם, אַז ויכר יוסף את אַחיו; ער האָט אין זיי דערקענט זיינע ברידער; ער האָט באַשלאָסן מיט זיי צו האַנדלען ווי ברידער, אָן נקמה און אָן שנאה, נאָר ברודערלעך זיי אַרויפצופירן אויף דעם רעכטן וועג.

די ערשטע ווערטער פון יוסף צו זיינע ברידער זענען געווען: מרגלים אתם; איר זייט שפּיאָנען. מיט דעם פאַר־ווורף האָט יוסף געוואָלט זען זייער רעאַקציע. צו זענען זיי ביי זיך אַזוי זיכער מיט זייער ריינעם כאַראַקטער, אַז זיי וועלן זיך דערשרעקן פאַר אַזאַ באַשולדיקונג. צי האַלטן זיי זיך פאַר אַזעלכע אנשטענדיקע, כשרע מענטשן,

וואָס זענען כלל נישט פּעאיק, אויף אָפּצוטאָן אַזעלכע מע־שים ווי שפּיאָנאַזש.

אַזוי איז עס אויך געווען. אַלע ווי איינער, האָבן מיט אפשיי אָפּגעוואָרפן די באַשולדיקונג. כנים אנחנו לא היו עבדיך מרגלים; מיר זענען אָנשטענדיקע מענטשן. מיר זענען ווייט פון צו טאָן, אַזעלכע מעשים ווי שפּיאָנאַזש.

יוסף גייט דאן איבער צו אַן אַנדערע כאַראַקטער פּראָ־בע. ער וויל זען, וויאַזוי פילן זיי צו דעם קליינעם ברו־דער בנימין. צו ווען זיי מפקיר זיין בנימינען, כדי זיך דערמיט אַ טובה צו טאָן. ער זאָגט דאן, אַז אַלע זאָלן בלייבן איינגעשפּאַרט אין מצרים און איינער פון זיי זאָל גיין קיין כנען און ברענגען דעם קליינעם ברודער אהער. דאָס וועט זיין דער בעסטער באַווייז דאַרויף, צו זיי זע־נען שפּיאָנען, צי ניין. אויב דער טאַטע וועט געטרויען דעם קליינעם ברודער, איז אַ סימן, אַז ער איז איבער־צייגט אין זייער אומשולד. אויב נישט, איז אַ סימן, ער האָט מורא, אַז דער קליינער זאָל אויך נישט אַריינפאַלן אין דער צרה.

די ברידער האָבן נאָך קיין צייט נים געהאַט איבער־צולייגן דעם גאַנצן ענין, איז שוין יוסף געקומען מיט אַ נייער אידעע. ער האָט זיי געזאָגט: את האלקים אני ירא; איך האָב מורא פאַר ג־ט. דערפאַר וועל איך נים אייך אַלע איינשפּאַרן אין דער תפיסה און בלויז איינעם שיקן אהיים. ניין! איך וועל איינעם בלויז איינשפּאַרן און אַלע וועט איר אהיים גיין און קומען מיט אייער יונגסטן ברו־

דער. אויך דאָ האָט יוסף געוואָלט זען זייער רעאַקציע. דאַכט זיך, זיי וועלן זיך אָנכאַפּן אין דעם. בלויז איינער פון זייערע ברידער וועט בלייבן אין תפיסה. אָבער די ענדערונג פון יוסף, האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַן אינער־לעכע איבערקערעניש. אָט איז אַ מצרישער הערשער, וואָס באַשולדיקט זיי אין שפּיאָנאַזש, אַ שרעקלעכער פאַר־ברעכן, פאַר וועלכן עס איז פאַראַן בלויז איין שטראָף און דאָס איז טויט. אָט דער הערשער, גיט זיי אַן אויסוועג, צו באַווייזן זייער אומשולד. דאַן זאָגט ער נאָך, אַז ער האָט מורא פאַר ג־ט און ענדערט זיין באַשלוס לטובתם. ער באַטאָנט נאָך, אַז עס איז גענוג, איינער פון זיי זאָל בלייבן אין געפענגניש, ווייל ער קען זיך נישט פאָרשטעלן, אַז ברידער זאָלן זיין אומטריי, צו אַן אייגענעם ברודער, דערפאַר וועלן זיי באַשטימט צוריקקומען, כדי אַרויסצו־באַקומען דעם ברודער, וואָס איז אין תפיסה. האָבן זיי אויך אַמאָל אַזוי געהאַנדלט? זיי, די קינדער פון יעקב און אייניקלעך פון יצחק און אברהם, ווען זייער אייגע־נער ברודער איז אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט, האָבן זיי אים געגעבן אַ מעגלעכקייט פון פאַרטיידיקונג? האָ־בן זיי דאַמאָלס מורא געהאַט פאַר ג־ט? האָבן זיי זיך גערעכנט מיט זייער פאָטערס צער? האָבן זיי געהאַט אַ פונק פון רחמנות אין זיך? דאָ קומט דער פסיכישער צו־זאַמענברוך. אַלע, ווי איינער זאָגן דאַן דעם: אבל אשמים אנחנו על אחינו; איצט זען מיר אונדזער שולד, ביי אונד־זער אייגענעם ברודער. יוסף האָט דערגרייכט דאָס, וואָס

ער האָט געוואָלט. דער איבערברוך איז געקומען. אָבער צו האָט דאָס געהאָלפן? צו זענען פון איצט אָן יעקבס קינדער געוואָרן אָפּגערייניקט פון דער זינד פון שנאת חינם און פון רודפן אייגענע ברידער, ביז צום אייסערסטן? דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע.

ו י ג ש

אין דער סדרה פון דער היינטיקער וואָך קומען מיר צו. צו דער ענדע, צום סוף פון דער גרויסער דראַמע, וואָס הייסט מכירת יוסף. ענדלעך, לאָזט זיך יוסף דערקענען צו זיינע ברידער. די ווערטער, וועלכע יוסף רעדט אַרויס אין דעם אַזוי רירנדן מאָמענט, זענען פול מיט צאַרט־קייט, מיט געפיל, מיט נשמה און מיט איידעלן כאַראַק־טער. אַ וואונדערלעכע שיינקייט שטראַלט אַרויס פון די ווערטער. יעדעס איינצעלנע וואָרט, פאָדערט אַ באַזונ־דערע פאַרטיפונג, אַ באַזונדערע פאַרטראַכטונג און אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג. אויף איין מינוט האָט יוסף ניט געדענקט, זיך צו וועלן נוקם זיין, אין זיינע ברידער. דאָס איינציקע, צו וואָס ער האָט געשטרעבט איז געווען בלויז, צו ברענגען זיינע ברידער צו דער מדרגה פון חרטה; זיי זאָלן פילן, אַז זיי זענען באַגאַנגען אַ פעלער; זיי זאָלן אנערקענען, אַז זיי האָבן שלעכט געהאַנדלט. דאָס איז דער אינהאַלט פון זיין גאַנצער רעדע.

איך וויל זיך אָפּשטעלן היינט בלויז, אויף דעם ערשטן; און אויף דעם לעצטן זאַץ פון יוספס רעדע.

נאָכדעם, ווי יוסף האָט דערקלערט: אני יוסף; איך בין יוסף, זענען די ערשטע ווערטער זיינע געווען: העוד אבי חי? לעבט נאָך מיין פאָטער? אויף דער פראַגע, האָבן די ברידער נישט געקענט ענטפערן: כי נבהלו מפניו; זיי האָבן זיך גאָר דערשראָקן פאַר אים. עס איז נישט צו פאַרשטיין: פאַרוואָס האָט יוסף ווידער געפרעגט, צו דער פאָטער לעבט? זיי האָבן אים דאָך ערשט געזאָגט, אַז ער לעבט; אַז זיי מוזן צוריקפירן בנימין, ווייל דער פאָטער וועט עס נישט איבערטראָגן. דאָס איז דאָך געווען דאָס הויפּט אַרגומענט פון יהודהס טענה. מיר פאַרשטייען אויך נישט, פאַרוואָס זענען די ברידער געווען דערשראָקן פון דער פראַגע, וועגן זייער פאָטער? זיכער זענען זיי געווען באַטראָפן פון דער מעשה, אָבער שרעקן זיך האָט נישט קיין שייכות צו דעם מאָמענט.

איינער פון אונדזערע דענקער באַמערקט, אַז אַט די נאַאיווע פראַגע: צו לעבט נאָך מיין פאָטער? האָט נישט בלויז דאַמאָלס דערשראָקן יוספס ברידער, נאָר זי מוז דערשרעקן, אפילו היינט צוטאָג, יעדן ערנסטן ייד. ווען יעדער איינציקער ייד זאָל זיך אַליין פרעגן: העוד אבי חי? צו לעבט נאָך מיין פאָטער, אָדער איז ער אָפּגעשטאָרבן אויף אייביק? אויף אַזאַ פראַגע, מוז מען זיך דערשרעקן. יעדער פון אונדז זאָרגט און דענקט וועגן קיום און המשך. אָבער ווי אַזוי קען זיין יידישער קיום און יידישער המשך, ווען יעדער יידישער דור שטאַרבט אָפּ, נישט בלויז קערפּערלעך, נאָר אויך גייסטיק? ווען

עס שטאַרבט אַפּ אַ יידישער טאַטע, נעמט ער מיט, מיט זיך אין קבר אַריין, נישט בלויז די רעשטלעך פון זיין גוף, נאָר צוגלייך ווערט מיט אים באַגראָבן, אויך זיין נשמה אויך זיין גייסט, אויך זיינע אידעאַלן און זיינע הייליקייטן... אונדזער גמרא זאָגט: יעקב אבינו לא מת; אונדזער פאָטער יעקב איז נישט געשטאָרבן, ווייל: מה זרעו בחיים אף הוא בחיים; אַזוי לאַנג עס לעבן די קינדער פון יעקב, אַזוי לאַנג לעבט אויך יעקב אַליין; זיין גייסט לעבט אין זיינע קינדער. ווען יוסף האָט געפרעגט זיינע ברידער: העוד אבי חי? לעבט דער טאַטע? זענען די ברידער דערשראָקן געוואָרן: דערמאָנענדיק זיך אין דעם וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן צו אַן אייגענעם ברודער, האָבן זיי זיך געמוזט דערשרעקן: מפניו; פון פאַר דעם פנים, פון פאַר דער געשטאַלט פון דעם אַלטן יעקב. מיר דאַרפן פון דעם זיך מאַכן אַ חשבון, אויף וויפיל עס לעבן אין אונדז אונדזערע טאַטעס. זאָלן די געזיכטער פון אונדזערע טאַטעס. זאָלן די געזיכטער פון אונדזערע עלטערן, שטיין פאַר אונדז און לאָמיר זיך געגנוי אַדורכטראַכטן, אויף וויפיל עס לעבט אין אונדז דער גייסט, דער גלויבן, די טראַדיציעס און די הייליקייטן, פאַר וועלכע זיי האָבן געלעבט. וויפיל פון דעם אַלעם, איז טאַקע אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן אויף אייביק. עס נעמט ממש אַרום אַ שרעק פון דער פראַגע.

דער לעצטער זאַץ פון יוספס רעדע לויטעט: אל תרגזו בדרך; איר זאָלט אייך נישט אויפרעגן אין וועג. וואָס

האָט אייגנטלעך פאַראורזאַכט, אַז יוסף האָט זיי דאָס געדאַרפט אָנזאָגן? דאַכט זיך, אַז נאָך דעם גרויסן איבער־בעט וואָס איז פאָרגעקומען צווישן זיי, איז מער נישט געווען קיין סיבה פאַר אויפרעגונגען און שטרייטיקייטן. רש״י ברענגט פון דער גמרא, אַז יוסף האָט אין דעם זאַין, זיינע ברידער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דריי זאַכן. איינמאָל האָט ער זיי אָנגעזאָגט: אל תעסקו בדבר הלכה; איר זאָלט אייך נישט שפּאַרן און נישט שטרייטן אין קיין פראַגן פון הלכה, פון לערנען, פון תורה, ווייל דאָס, וועט אייך שאַדן. דאַן: אל תפסעו פסיעה גסה; איר זאָלט ניט מאַכן קיין צו גרויסע שריט. און: והכנסו חמה לעיר; איר זאָלט אַכטונג געבן צו קומען אין אַ שטאָט, אין דער פאַסנדער צייט, ווען די זון שיינט נאָך.

וואָס מיינען חז״ל מיט דער דרשה און וואָס האָט דאָס אַ שייכות צו יוספן מיט זיינע ברידער? דאָס דערקלערט זיך גאַר פשוט. די גרויסע טראַגעדיע, וואָס איז פאָרגע־קומען אין יעקבס־הויז, איז געווען שרעקלעך פון דריי־ערליי שטאַנדפּונקטן: איינמאָל איז די סיבה געווען אַן אומפאַרשטענדלעכע, דער אַלטער יעקב, האָט פאַר יוסף געמאַכט אַ זיידן העמדל. נו! וואָס איז? יוסף איז געווען אַ בן זקונים און אַ יתומל, האָט יעקב אים אַרויסגעוויזן מער אויפמערקזאַמקייט. פאַקטיש און ממשותדיק, האָט דאָס זיידענע העמדעל קיין שום באַדייטונג נישט געהאַט. אָבער די קנאה, האָט געברענגט צו שנאה און די שנאה,

האָט זיך געוויקלט אַלץ איבער גאַרנישט, איבער פּוסטע רייד, איבער נאַרישע חלומות און אַזוי ווייטער.

אַ צווייטער אומגליק איז געווען דאָס, וואָס אפילו ווען מען איז שוין בייז אויף יענעם; ווען מען האָט אפילו יענעם פיינט, צו דאַרף די שנאה גיין אַזוי ווייט, ביז צו וועלן יענעם אומברענגען? מען קען זיך קריגן מיט יענעם, מען קען זיך איבעררעדן, אָבער הרגענען? ביי יוספס ברידער איז די שנאה פון דער פּוסטער קנאה געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן גאָר געדענקט אים אומצוברענגען.

דאָס דריטע אומגליק איז געווען דער מאָמענט, ווען די ברודער האָבן באַשלאָסן, דאָס צו טאָן. יעקב שיקט יוספן, ער זאָל גיין זען, וואָס זיינע ברידער טוען. יוסף גייט אין גוטן גלויבן צו ברידער. דאָס, נוצן די ברידער אוים און זיי באַשליסן, ביי דער געלעגנהייט, יוספן צו הרגענען, כדי אומצופירן זייער נקמה אַקט.

די דריי פּונקטן זענען די שרעקלעכסטע אין דער טראַגעדיע. יוסף זאָגט דערפאַר זיינע ברידער קודם דעם: אל תרגזו בדרך. דאן: אל תעסקו בדבר הלכה; האָט נישט אין זין צו שטרייטן, בלויז אין הלכה, בלויז אין טעאָריע, בלויז אַקאַדעמישע דיספּוטן, איבער זיידענע העמדלעך, איבער בלויזע רייד, איבער חלומות, וכדומה. אין הלכה, אין טעאָריע, קען מען דיסקוטירן, מען קען רעדן איינער מיט דעם צווייטן, איבערציייגן איינער דעם צווייטן, אָבער

נישט זיך אויפרעגן, נישט זיך פיינט האָבן, וועגן הלכה, וועגן טעאָריעס.

איינער פון אונדזערע מפורשים פרעגט: פאַרוואָס, ווען יעקב האָט געשיקט זיינע זין קיין מצרים, שטייט נישט, אַז ער האָט זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זיך נישט קריגן אויף דעם וועג? ער ענטפערט, אַז דאָס איז נישט געווען נייטיק, ווייל, ווען יעקב האָט געשיקט די קינדער קיין מצרים, איז עס געווען, ווייל עס האָט געפעלט ברויט; זיי זענען געווען הונגעריק, דערפאַר האָט ער נישט מורא געהאַט אַז זיי וועלן שטרייטן. ווען מען איז הונגעריק, קריגט מען זיך נישט. יוסף דאַקעגן האָט זיינע ברודער אָנגעפאַקט פולע זעק מיט רייכטום און עשירות, מיט עסן און מיט מתנות; און די בני ישראל, ווען זיי האָבן נאָר פרנסה, הייבט זיך באַלד אָן אַ קריגערייִ, איבער פוסטע רייד, איבער חלומות, אָדער טעאָרעטישע פראַגן. דערפאַר האָט יוסף זיי געמוזט זאָגן דעם: אל תעסקו בדבר הלכה.

דאַן האָט יוסף זיי אָנגעזאָגט דעם: אל תפסעו פסיעה גסה; מאַכט נישט קיין צו גרויסע שריט. ווען אפילו עס אַנטשטייט שוין ביי אייך אַ דעספּוט, אַ קריג, איבער אַ טעאָריע. נו? דאַרף דער שטרייט גיין אַזוי ווייט, ביז צו וועלן הרגענען איינער דעם צווייטן? אויך הכנסו חמה לעיר; פּאַסט אויף אויף דער צייט. נישט אַלע צייטן זענען געאייגנט פאַר טעאָרעטישע שטרייטן. מען מוז זיך רעכנען מיט דעם מאָמענט. פאַראַן מאָמענטן, וואָס

מען מוז אוועקקוקן פון דער טעאָריע און מען מוז זיך רעכענען מיט דעם רעאַלן פאַרלאַנג פון דער צייט.

אַ בליק אין אונדזער געשיכטע לערנט אונדז, ווי וויכ־טיק עס איז פאַר אונדז יידן דער אָנזאָג פון יוספן, מיט אַלע זיינע דריי פירושים פון דער גמרא. אין אונדזער לאַנגן וועג, וואָס מיר גייען זייט טויזנטער יאָרן, זענען דאָס קודם געווען, בלויז טעאָרעטישע שטרייטן, וואָס האָ־בן אונדז געטיילט און אַרויסגערופן די שנאות פון איינעם צום צווייטן. נישט אין פראַקטישע אָדער פאַקטישע עני־נים, האָבן מיר זיך געקריגט און געשלאָגן, נאָר איבער פוסטע רייד און נאַרישע חלומות. די קריגערייען האָבן תמיד געשטערט אין אונדזער ממשותדיקער אַרבעט לטו־בת אונדזער קיום. דאַן זענען עס געווען די פסיעות גסות, די שרעקלעך גרויסע שריט, וואָס מיר פלעגן מאַכן. ביי אונדז, זענען זייער זעלטן געווען נאָרמאַלע פסיעות, נאָר מאַלע שריט, נאָר פסיעות גסות; עקסטרעם ווייט, איי־נער פון צווייטן. איז איינער רעכט געשטימט, איז ער אויף אַזוי ווייט עקסטרעם, אַז ער וואָלט ממש אומגע־ברענגט דעם לינקן און אָפּגעווישט אים פון דער אויי־בערפלאַך. און ווען איינער איז לינק געשטימט וויל ער ממש דעם רעכטן עוקר מן השורש זיין. צולעצט קומט נאָך דעם ערגסטע. מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט גערעכנט מיט דער צייט. אונדזערע טעאָרעטישע קריגערייען, האָ־בן מיר געפירט תמיד; צו איז עס יאָ געווען פאַסיק אין דער צייט, צו ניין; צו זענען די טעאָריעס צוגעפאַסט פאַר

דער צייט, צו נײַן. אפשר זענען זיי אַמאָל יאָ געווען אַקטועל און היינט זענען זיי נישט מער געברויכבאַר. דאָס האָבן מיר קיינמאָל נישט אַריינגעקלערט, נאָר זיך געשלאָגן און געקריגט.

אל תרגזו בדרך; דאָס איז אַקטועל פאַר אונדז אין אַלע צייטן. מיר גייען אַלע איין וועג, מיט איין ציל און מיט איין אידעע. פאַרוואָס זיך אַרומרייטן? פאַרוואָס זיין אַזוי עקסטרעם? און פאַרוואָס פאַרגעסן, ווען מיר לעבן אין וואָס פאַר אַ צייט מיר לעבן? מיר זאָלן אין דעם אלעם געדענקען, וואָלט אונדזער וועג געווען אַ גליקלעכער און אַ דערהאבענער.

ויחי

די סדרה פון דער היינטיקער וואָך, מאָלט פאַר אונדז אַ בילד, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דאָס לעבן פון יעקב אבינו אין מצרים. דאָס גשמיות'דיקע לעבן, איז אין מצרים גאַר גוט אָבער יעקב האָט קיין מנוחה. אין די לעצטע מאָמענטן פון זיין לעבן, זאָרגט ער זיך הויפּטזעכלעך וועגן זיינע קינדער. ער האָט מורא, אַז אין מצרים וועלן זיינע קינדער זיך דערנענטערן צו די מצריים און לעבן ווי די מצרים. שוין גייענדיק קיין מצ־רים, — דערציילט דער פּסוק — הערט יעקב די שטימע פון ג־ט: אל תירא מרדה מצרימה; שרעק זיך נישט פון צו גיין קיין מצרים .פון דעם איז צו לערנען, אַז יעקב האָט מורא געהאַט פאַר מצרים. ער האָט מורא געהאַט, אַז זיינע קינדער וועלן דאָרט חלילה פאַרפרעמדט ווערן פון זייערע אידעאַלן און וועלן אַוועקגיין פון זייער ביז־איצטיקן לעבנסוועג.

די פּסוקים דערציילן, אַז ווען יעקב איז קראַנק גע־וואָרן, האָט יוסף געבראַכט זיינע צוויי קינדער, מנשה און אפרים צום קראַנקן, אַלטן פאָטער. אָבער דער אַל־

טער יעקב דערקענט נישט די קינדער פון יוסף. ער פרעגט: מי אלה? ווער זענען זיי? יוספן אַליין, דערקענט ער זייער גוט. יוסף איז זיין זון; יוסף, כאָטש ער לעבט שוין אַזוי לאַנג אין מצרים, איז ער אָבער דאָך געבוירן געוואָרן און אויפגעצויגן ביי יעקב אין שטוב. אָבער יוסף׳ס קינדער, די אייניקלעך, וואָס זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין מצרים, זיי דערקענט יעקב נישט. יוסף דערנענטערט דאַן זיינע קינדער, צום אַלטן יעקב. ער ברענגט זיי צו יעקב׳ס שוים. יעקב נעמט זיי אַרום און פאַרייניקט זיי מיט זיך.

יעקב רופט דאַן צונויף אַלע זיינע קינדער. די גמרא זאָגט: ביקש יעקב לגלות את הקץ, נסתלקה הימנו שכינה. יעקב האָט, אין זיין נבואה, געוואָלט שילדערן פאַר זיינע קינדער, ווי אַזוי עס וועט אויסזען די ענדע פון דעם יידישן פאָלק. אָבער די שכינה האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן. ער האָט זיך דערשראָקן און געזאָגט: אפשר איז דאָס דערפאַר, ווייל ווער ווייסט? פונקט ווי ביי מיין טאַטן איז אַרויסגעוואַקסן אַ זון. אַן עשו; ביי מיין זיידן אַ זון, אַ ישמעאל, אפשר וועלן חלילה אויך צווישן מיינע קינדער זיך געפינען עשו׳ס און ישמעאל׳ס? דאַמאָלס האָבן זיינע קינדער, אַלע ווי איינער, צוזאַמען אויסגעשריגן: **שמע ישראל די אלקינו די אחד**; הער אויס, דו אַלטער ישראל! שרעק זיך נישט! פונקט ווי דו ביסט טריי דעם איינציקן ג־ט, אַזוי זענען מיר אַלע טריי דעם־זעלביקן איינציקן ג־ט. יעקב האָט דאַרויף געזאָגט: ברוך

שם כבוד מלכותו לעולם ועד; געלויבט איז ג-ט׳ס נאָמען אייביק און אויף אייביקייט. יעקב באַקומט דאַן צוריק זיין נביאישן גייסט.

די גמרא האָט דאַן אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג, וועגן דעם, ווי אַזוי מיר היינט זאָלן זיך נוהג זיין. מיר זאָגן דאך צוויי מאָל אין טאָג שמע ישראל. צו זאָלן מיר, נאָך דעם שמע ישראל, זאָגן דעם ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד, צו ניין? יאָ זאָגן? דער פסוק שטייט נישט, אין דער תורה, ביים שמע ישראל. נישט זאָגן? יעקב אבינו האָט דאך אים יאָ געזאָגט. דערפאַר זאָגן מיר דעם פסוק נאָך שמע ישראל שטילערהייט. די גמרא זאָגט דאַן ווייטער: עס איז אַמשל צו אַ טאָכטער פון אַ מלך, וואָס זיצנדיק ביי אַ סעודה, פאַרגלוסט זיך איר עפּעס אַ באַזונדער מאכל. זי קען זיך נישט קיין עצה געבן. זאָל זי עפנטלעך זאָגן, אַז זי פאַרלאַנגט די שפּייז, איז עס נישט שיין. זאָל זי נישט זאָגן, האָט זי צער. מאַכט זי דאָס שטילערהייט. קיינער באַמערקט נישט, ווי מען ברענגט איר דאָס, וואָס זי וויל. ביז אַהער איז די גמרא. (פסחים נ״ו ע״א).

ווי ווונדערלעך זענען די ווערטער פון דער גמרא! וואָס באַטייט דער משל? וואָס פאַר אַ פאַרגלייך איז די מעשה פון דער בת המלך, צום ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד? לויט דעם משל קומט אויס, אַז פונקט ווי ביי יענער מעשה, אַזוי איז עס אויך ביי אונדז, מיט דעם פסוק. אויב מיר זאָלן אים נישט זאָגן, וואלטן מיר גע-

האָט צער. אויב מיר זאָגן אים יאָ. איז עס נישט שיין; מיר וואלטן זיך פאַרשעמט. וואָס מיינט דאָס אַלעס?

לויט חז"ל. האָט יעקב אבינו אין די לעצטע שעהן פון זיין לעבן. זיך פאַרטראַכט וועגן דעם גורל פון זיינע קינדער. ער האָט געזען, אַז יידן וועלן זיין אין גלות, צווישן פרעמדע פעלקער. יידן וועלן זיין אין גלות, ביי פעלקער פון עשום שטאם און ביי פעלקער פון ישמעאל'ס שטאם. ער האָט דערפאַר מורא געהאַט, אַז זיינע קינדער וועלן זיך אַסימילירן מיט די גויים, צווישן וועלכע זיי וועלן לעבן און פון זיי וועלן אַרויסקומען: עשו'ס און ישמעאל'ס. זיינע קינדער וועלן רעדן אין גויישע שפּראַכן און אַננעמען גויישע זיטן און וועלן אויפהערן צו עקזיסטירן אַלס יידן. יעקב'ן האָט דאָס זייער וויי געטאָן. ער האָט געוואלט, אַז זיינע קינדער זאָלן בלייבן די בני ישראל אויף לעולם ועד; אויף אייביק און אייביקייט. ער האָט געוואלט, אַז עם ישראל זאָל זיין: חי וקים לנצח. ער פילט אָבער, אַז די שכינה טוט זיך אָפּ פון אים; אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען ביי יידישע קינדער, וועט זיך אָפּטאָן די שכינה. יידן וועלן נאָכטאָן די גויים און דער יידישער המשך און דער יידישער קיום וועלן זיין אין סכנה. דאַמאָלס, ווען ער שרעקט זיך אַזוי, קומען אַלע קינדער צו אים און אַלע שרייען אויס דעם: שמע ישראל; זיי פאַרזיכערן אים, אַז אין וואָס פאַר אַן אומשטענדן, זיי זאָלן זיך אַלץ נישט געפינען, איינס איז זיכער: ד' אלקינו ד' אחד; זייער אמונה וועלן זיי נישט

טוישן. זיי וועלן תמיד בלייבן ביי דער אמונה פון זייערע עלטערן. אויף דעם ארויף זאָגט יעקב דעם: ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד. ער האָט שוין אַ רעכט צו רעדן פון אייביקייט און פון נצחיות פונם יידישן פאָלק.

מיט רעכט זאָגט דאָן די גמרא: מיר היינט, ווען מיר קוקן זיך צו, צו אונדזער היינטיקער לאַגע; ווען מיר זען, וואָס אַ פּנים אונדזערע קינדער האָבן, וואָס זאָלן מיר טאָן? זאָלן מיר זאָגן דעם פסוק? זאָלן מיר רעדן פון דער יידישער אייביקייט און פון יידישער נצחיות? דאַכט זיך, אַז דאָס וואלט געווען פון אונדזער זייט, אַ ציניזם, אַ בושה אין פּנים. אונדזערע קינדער לערנען אַלע תורות, נאָר נישט די יידישע; זיי רעדן אַלע שפּראַכן, נאָר נישט די יידישע; זיי וויסן פון פאַרשידענע אידעאַלן, נאָר נישט פון קיין יידישע. מיט וואָס אַ רעכט קענען מיר דאָס היינט רעדן פון אַ לעולם ועד, פון אַ יידישער אייביקייט? זאָלן מיר ווידער נישט דערמאָנען די יידישע נצחיות, וואָס פאַר אַ שמערץ איז דאָס; אַז דער יידישער המשך איז אין סכנה! אַ געוואַלדיקער שמערץ! מיר דערמאָנען זיך, אין טויזנטער יאָר מסירת נפש, וואָס מיר האָבן געהאַט פאַר יידישע אידעאַלן און היינט זאָלן מיר אַליין ברענגען צו דעם, אַז ווייטערע דורות פון יידישע קינדער, זאָלן אויסוואַקסן עשו׳ס און ישמעאל׳ס. מיר קענען נישט פאַרציכטן אויף דעם לעולם ועד און מיר קענען אים אויך נישט זאָגן. יאָ זאָגן, וואָלט געווען אַ בושה. נישט זאָגן, מיינט דעם גרעסטן צער, וואָס אַ ייד דאַרף פון דעם

האָבן. דערפֿאַר האָבן חכמים געזאָגט, אַז יידן זאָלן דעם לעולם ועד, זאָגן שטילערהייט...

נאָר איינמאָל אין יאָר, אין יום כיפּור, ווען אַלע: יונג און אַלט, מענער און פֿרויען פֿאַרזאַמלען זיך אין די יידישע שולן און אין בתי מדרשים, דאַמאָלס קענען יידן הויך שרייען, דעם לעולם ועד. זיי קענען פּראָקלאַמירן די נצחיות פֿון דעם יידישן פֿאָלק. באַטאָנענדיק דערמיט, אַז נאָר פֿון אונדז אַליין, איז אָפּהענגיק אונדזער המשך און אונדזער קיום.

די קדושה, וואָס יידן זאָגן יעדן טאָג, הויבט זיך אָן מיט אַ מאָדנעם זאַץ. מיר זאָגן דאָרט: נקדש את שמך בעולם כשם שמקדישים אותו בשמי מרום; מיר פֿאַר־הייליקן ג־ט׳ס נאָמען, אין דער וועלט, פּונקט ווי די מלאכים פֿאַרהייליקן אים אין הימל. איינער פֿון אונדזערע דענקער שטעלט זיך אָפּ און פֿרעגט: ווי קומט דאָס, אַז מיר מענטשן זאָלן זיך נעמען די העזה און די חוצפּה צו באַהויפּטן, אַז מיר קענען פֿאַרהייליקן די ג־טלעכקייט פּונקט ווי מלאכים? ווי קען דאָס אַ ייד זיך אוועקשטעלן און באַהויפּטן אַזאַ מין אבסורד? אַ ייד, איז בלויז אַ מענטש און אַ מענטש איז: היום כאן ולמחר בקבר. דאָס לעבן פֿון אַ מענטש איז אַזוי קורץ, ממש אַ הרף עין, אין פֿאַרהעלטעניש צו דער עקזיסטענץ פֿון אַ מלאך, וואָס לעבט אייביק. ווי קומט דאָס, וואָס דאַך זאָגן מיר, אין אַזאַ הייליקער תּפֿילה ווי קדושה, אַזאַ מין ליגן, אַז מיר קענען פֿאַרהייליקן די ג־טלעכקייט, גלייך מיט די

מלאכים? עס איז אָבער באמת גאָר קיין ליגן נישט, ווייל מיר יידן רעדן קיינמאָל נישט פון קיין יחידים, נאָר פון דעם גאַנצן פאָלק. אמת, יעדער איינצלנער ייד לעבט נישט אייביק, אָבער דאָס יידישע פאָלק, גלויבן מיר, אַז עס לעבט אייביק. אַלס אַן אייביק פאָלק קענען מיר זיך דערלויבן צו זאָגן, אַז מיר קענען פאַרהייליקן די ג-ט־לעכקייט, אין דער וועלט, פונקט ווי די מלאכים טוען דאָס אין הימל. אַ סך פעלקער זענען געבוירן געוואָרן און זענען פאַרשוווּנדן, עס איז פון זיי קיין זכר נישטאָ. מיר יידן אָבער ,שטייען שוין טויזנטער יאָרן און מיר פאַרהייליקן די אמתע ג-טלעכקייט, אין דער וועלט, ממש ווי די מלאכים טוען דאָס, אין הימל.

אָבער דאָס אַלעס איז אמת בלויז דאַמאָלס, ווען מיר פאַרזיכערן, אַז די צוקונפטיקע דורות זאָלן אויך בלייבן ביי די זעלבע אידעאַלן. טאָמער האָבן מיר נישט די פאַר־זיכערונג פון דעם נייעם דור, האָבן מיר נישט קיין רעכט צו זאָגן קיין קדושה אַלע טאָג.

דערפאַר זאָגן מיר תיכף נאָך קדושה, דעם: לדור ודור נגיד גדלך ולנצח נצחים קדושתך נקדיש ושבחך אלקינו לא ימוש מפינו לעולם ועד. אויב פון גענעראַציע צו גענעראַציע, וועלן מיר איבער געבן די גרויסקייט פון אונדזער ג-טלעכקייט און מיר וועלן די יידישע הייליקייטן פלעגן פון דור צו דור, מיט דעם, פאַרזיכערן מיר די נצחיות פונם יידישן פאָלק און מיר קענען דאַן רויִק רעדן פון לעולם ועד. פון אייביק און אייביקייט.

שמות

די סדרה פון דער היינטיקער וואָך שילדערט פאַר אונדז דעם גלות מצרים און דעם אָנפאַנג פון דעם יציאת מצרים.

אין דעם יידישן מוח און אין דעם יידישן האַרץ האָט זיך איינגעבירגערט אַ טיפער גלויבן און אַ טיפע איבער־צייגונג, אַז די ענדלעכע גאולה פונעם יידישן פאָלק וועט פאָרקומען אויף דעמזעלבן אופן, ווי עס איז פאָרגעקומען די גאולת מצרים. דער נביא זאָגט: כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות; יציאת מצרים איז נישט קיין אָפּ־געשלאָסן קאַפּיטל פאַר זיך, נאָר פיל מער אַ מוסטער, לויט וועלכן עס וועט זיך געשטאַלטן די לעצטע יידישע גאולה. מיר טאָרן נישט באַטראַכטן דעם יציאת מצרים פאַר בלויז, אַן איינמאָליק היסטאָריש געשעעניש, נאָר צוגלייך, אַלס אַ צייכן און אַ סימבאָל פאַר דער קומענדי־קער גאולה. פאַרשידענע פּראָבלעמען פון אונדזער היינ־טיקער צייט, באַקומען דערפאַר זייער ריכטיקע לעזונג, אין דער געשיכטע פון יציאת מצרים.

לאָמיר דערפאַר אַדורכנעמען נאָכאַמאָל אין קורצן,

עטלעכע פרטים פון דעם גאולת מצרים קאפיטל.

חז״ל באמערקן כסדר, אז יידן זענען איז מצרים גע־וועז פארשקלאפט קערפערלעך און גייסטיק. פיזיש האבן יידן געמוזט ארבעטן בחומר ובלבנים; זיי האבן געבויט פתם ורעמסס. פסיכיש זענען יידן געווען משוקע אין די מ״ט שערי טומאה, ווייל זיי האבן נישט געהאט קיין מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן אין זייערע אידעאלן און אין זייער גייסט. די גאולה האט דערפאר געמוזט זיין א צוויי־פאכע.

אינטערעסאנט איז אויך דער פאקט, אז די תורה, ווען זי רעדט פון גאולת מצרים, באנוצט זי זיך מיט צווייערליי אויסדרוקן. איינמאל דערמאנט זי דעם ארויס־גאנג פון ארץ מצרים און א צווייט מאל באטאנט זי די באפרייאונג פון מצרים. ארויסגיין פון לאנד מצרים, מיינט די באפרייאונג פון דעם קערפערלעכן יאך, וואס יידן האבן געטראגן אין דעם לאנד מצרים. דאקעגן ארויסגיין פון מצרים, מיינט די באפרייאונג פון דעם מצרישן גייסט. אין אנדערע ווערטער: אומעטום, ווו די תורה דערמאנט דעם ארויסגאנג פון מצרים און עס שטייט נישט דער ווארט „ארץ״, מיינט דאס, נישט דעם פיזישן פארלאזן פונעם מצרישן לאנד, נאר דעם גייסטיקן פארלאזן פון מצרישן קולט. יידן האבן פארלאזט מצרים. אבער מצרים האט נישט פארלאזט די יידן. דער מצרישער קולט איז מיט זיי מיטגעגאנגען. אזוי ווי יידן זענען נאר ארויס פון רעמסס, זענען זיי מער אין מצרישן לאנד נישט גע־

ווען. דער מצרישער גייסט אָבער, האָט זיי באַגלייט לאַנגע יאָרן. ביי יעדער געלעגנהייט האָבן זיי באַלד געזאָגט: ונשובה מצרימה. נישט ונשובה ארצה מצרים. צום מצ־רישן לאַנד האָבן זיי נישט געבענקט, אָבער פון די מצרי־שע אידעאַלן, האָבן זיי זיך אַזוי לייכט, נישט געקענט באַפרייען.

מערקווירדיק איז, אַז אויך היינט זעען מיר די זעלבע דערשיינונג. עס זענען שוין אַוועק אַ סך יאָרן, זייט מיר, דער שארית הפליטה האָבן פאַרלאָזט די לענדער פון אונ־זערע אייראָפּעאישע גלותן. דאָך איז אונדז ביז היינט נים געלונגען, זיך איינגאַנצן צו באַפרייען פון דעם פוילישן, ליטווישן, אונגאַרישן, אָדער דייטשן גייסט. מיר זענען נאָך אַלץ געטיילט אין אַזוי גערופענע לאַנדסמאַנשאַפטן, פון וועלכע מיר ווילן נישט, אָדער מיר קענען נישט אַזוי לייכט זיך באַפרייען. אפילו אין אונדזער אייגענער מדי־נת ישראל, זענען מיר נאָך אַלץ אין דער בחינה פון: קיבוץ גליות; צונויפגעזאַמלטע גלותן; ברוכשטיקער, וועל־כע מען דאַרף ערשט צונויפשמידן אין איין פאָלק.

ווען ג־ט שיקט משה רבינו קיין מצרים אָנזאָגן די יידן די בשורה, אַז זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן, באַפעלט ער אים צו רעדן צו די יידן מיט דעם לשון: פקד פקדתי אתכם; דאַכטן האָב איך געדאַכט אין אייך. חז״ל זאָגן אַז יידן האָבן געהאַט אַ סימן, אַז דער אמתער גואל וועט זיין נאָר דער, וואָס וועט זיך באַדינען מיט דעם דאָפּלטן אויסדרוק, פון פקוד יפקוד. עס פרעגט זיך, וואָס פאַר אַ

סימן איז דאָס געווען? אויב אַלע האָבן געוווסט, אַז מען מוז זיך באַדינען מיט דעם אויסדרוק, האָט דאָך געקענט קומען אַ פאַלשער גואל און זאָגן די צוויי ווערטער? אָבער דאָ איז אַ טיפע כוונה. יידן האָבן געוווסט, אַז דער אמתער גואל וועט זיין נאָר דער, וואָס וועט קומען מיט צוויי לאָזונגען; מיט דעם שטרעבן צו אַ גשמיותדיקער גאולה. צו דער באַפרייונג פונ׳ם יאָך און צו אַ רוחניותדיקער גאו־לה. אַ גואל, וואָס וועט קומען בלויז מיט אַן אידעע, אָדער בלויז מיט אַ שטרעבן פון פיזישער באַפרייאונג, איז ניט קיין ריכטיקער גואל. גאולה מיינט נישט בלויז, דאָס זיצן פריי אין אַן אייגן לאַנד און גאולה מיינט אויך נישט בלויז, דאָס האָבן אַן אייגענע קולטור. גאולה מיינט נאָר ביידע צוזאַמען.

מערקווירדיק איז די שילדערונג פון דער תורה. וואָס דערציילט: ג־ט שיקט משה רבינו קיין מצרים, אויסצו־פירן צוויי שליחותן. ער דאַרף גיין צו פרעהן און פון אים פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל אַרויסלאָזן די יידן. און ער דאַרף גיין צו די יידן און זיי אָנזאָגן, אַז זיי זאָלן זיך גרייטן צו דעם אַרויסגאַנג. גאָט זאָגט אויך צו משהן, ער זאָל אַזוי פאַר פרעה׳ן, ווי אויך פאַר די יידן מאָטיווירן זיין שליחות. אָבער די מאָטיוון טאָרן נישט זיין די־זעלבע. ווען ער וועט רעדן צו פרעה זאָל ער ניט דערמאָנען די גשמיותדיקע לאַגע פון די יידן: ער זאָל ניט רעדן פון קיין עלנט, פון קיין פיין, אָדער פון אַ פאַרשקלאַפונג פון די יידן אין מצרים. ער זאָל בלויז

זאָגן: שלח עמי ויעבדני; ער זאָל ארויסשיקן די יידן פון זיין לאַנד ווייל אין מצרים קענען זיי נישט פלעגן זייער קולט, הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלוני; אין מצרים האָבן יידן ניט קיין מעגלעכקייט, זיך אויס צו לעבן אין זייער גייסט. מער זאָל ער צו פרעה נישט רעדן. בלויז דעם איינציקן רוחניותדיקן מאָטיוו און נאָר דערפאַר, פאַרלאַנגט ער פון אים ער זאָל די יידן ארויס־שיקן.

דאַקעגן אָבער ווען ער וועט רעדן צו די יידן, באַפעלט אים ג־ט, ער זאָל פאַר זיי נישט דערמאָנען דעם רוחניות־דיקן מאָטיוו. ער זאָל זיי זאָגן, אז דער ג־ט פון זייערע אָבות, האָט דערזען זייער עלנט און זייער פיין. ער זאָל רעדן פון זייער גשמיותדיקן מצב און זיי שילדערן די רייכקייט און שיינקייט פון דעם לאַנד, אין וועלכן זיי גייען. זיי וועלן קומען אין אַ לאַנד פון זבת חלב ודבש. דאָס איז אַלץ. נישט מער.

מיט רעכט האָט הקב"ה געהייסן משה רבינו אַזוי טאָן. יידן אין מצרים זייענדיק דורך לאַנגע יאָרן פאַר־זונקען אין דער מצרישער טומאה, זענען בכלל נישט פע־איק געווען אויפצונעמען קיין שום געדאַנק, פון אַ גייס־טיקע באַפרייאונג, אייגענע אידעאַלן, און פרייהייט, איי־גענע קולטור, ווער דאַרף דאָס? די מצרישע קולטור, די מצרישע חרטומים, די מצרישע אַקאַדעמיעס, זענען דען שלעכט? דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען איז געווען, זייער שלעכטער גשמיותדיקער מצב, זייער שווע־

רע אַרבעט און זייערע פּרנסות, וואָס זענען געווען בדוחק.

פּרעה דאַקעגן, ווען משה רבינו זאָל געווען קומען צו אים מיט אַ גשמיותדיקן מאַטיוו, באשר: יידן ווערן שלעכט באַהאַנדלט, זיי אַרבעטן שווער און האָבן בדוחק פּרנסה, וואָלט פּרעה באַלד געווען געענטפערט, מען זאָל ברענגען אַ שריפטלעכן מעמאָראַנדום און ער וועט מאַכן אַ זיצונג און וועט אַליין זיך באַשטרעבן, מען זאָל פאַר־לייכטערן די מענטשן זייער אַרבעט. אַ רעגירונג מוז דאָך זאָרגן פאַר אירע בירגער. אויב זיי ווערן באַעוולהט, מוז דאָס גוט געמאַכט ווערן. אָבער דאָס קען ניט זיין קיין גרונט פאַר אַרויסשיקן אַ פּאָר מיליאָן מענטשן פון לאַנד. דערפאַר האָט מען צו פּרעה גערעדט אָנווענדן דעם גייס־טיקן מאַטיוו. אַ גאַנץ פאָלק האָט נישט קיין מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן אין זיין אייגענעם גייסט און דערפאַר איז עס אַ מאָראַלישער חוב זיי אַרויסצולאָזן.

די פּסוקים דערציילן דאן ווייטער: ווען פּרעה האָט דערהערט פון משה רבינו, אז יידן ווילן אוועק פון מצרים כדי צו קענען פלעגן אייגענע אידעאַלן, האָט ער געזאָגט: אויב אַזוי, אויב, זיי האָבן אין זין קולטור און גייסט, איז אַ סימן, אַז עס גייט זיי קערפּערלעך צו גוט. דערפאַר: תכבד העבודה על האנשים ואל ישעו בדברי שקר; דאַרף מען זיי באַשווערן די אַרבעט, וועלן זיי נישט אין זין האָבן קיין חלומות פון פוסטע אַבסטראַקציעס. די יידן דאַקעגן האָבן זיך דערוווסט פון דער גאַנצער מעשה,

ערשט דאַמאָלס ווען פרעה זאָגט צו זיי: נרפים אתם נר־פים על כן אומרים נלכה נזבחה לאלקינו; איר גייט אַרום ליידיק און טוט גאָר נישט, דערפאַר ווילט זיך אייך אַרויסגיין, כדי דינען אייער ג־ט. זיי ווענדן זיך דערפאַר צו משה רבינו און אהרן און זאָגן: ירא ד׳ עליכם וישפוט אשר הבאשתם את ריחנו בעיני פרעה ובעיני עבדיו לתת חרב בידם להרגנו; איר האָט אונדז פאַרמיאוסט אין די אויגן פון פרעה און אין די אויגן פון זיינע קנעכט. איר האָט זיי געגעבן אַ שווערט אין זייער האַנד אונדז צו הרגענען.

מיט דעם ענדיקט זיך די היינטיקע סדרה. וואָס עס איז געשען ווייטער, שטייט אין דער נעכסטער סדרה.

דאָס אַלעס איז אַ מוסר השכל אין אונדזערע היינ־טיקע צייטן. קודם כל, מוזן מיר געדענקען, אַז אמתע, יידישע גאולה איז נאָר די, וואָס ברענגט ביידע: אי גאולת הגוף און אי גאולת הנפש. די, וואָס דענקען, אַז מדינת ישראל האָט בלויז איין אויפגאַבע, צו האָבן וואָס מער הויכע קוימענס, וואָס מער פאַבריקן און וואָס מער ביז־נעס, האָבן אַ טעות. בלויז חלב ודבש איז נישט קיין גאולה. פאַראַן לענדער, ווו יידן האָבן מער חלב ודבש, ווי זיי קענען האָבן אין ישראל, אָבער זיי זענען דאָך אין גלות. עס האָבן אויך אַ טעות די, וואָס נעגירן אינ־גאַנצן די יידישע מדינה און האַלטן, אַז נאָר רוחניות אַליין איז גאולה. אין די מיטל אַלטערלעכע געטאָס, האָבן יידן געהאַט אַ סך, גאָר אַ סך רוחניות. די יידישע גאולה,

אין דער יידישער מדינה, וועט קומען, ווען עס וועט פאַרווירקלעכט ווערן די לאָזונג פון: ארץ ישראל לעם ישראל על פי תורת ישראל; דאָס יידישע לאַנד פאַר דעם יידישן פאָלק, וואָס וועט לעבן דאָרט, מיט דער יידישער תורה.

וארא

די היינטיקע סדרה איז אַ ווייטערע פאָרזעצונג פון דער געשיכטע פון יציאת מצרים. דער קאַמף פאַר דער גאולה, ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער. אין ערשטן מאָמענט האָבן יידן געגלויבט, אַז ג־ט האָט דערהערט זייער געשריי און עס דערנענטערט זיך זייער פיזישע באַפרייאונג. אָבער נאָכדעם, ווי פרעה האָט נאָך מער באַשווערט די אַרבעט פאַר די יידן; נאָכדעם, וואָס משה רבינו האָט געהאַלטן זיין גרויסע באַפרייאונג־רעדע און האָט אויך אויפגעקלערט, די גייסטיקע זייט פון דער באַפרייאונג, האָבן יידן זיך ניט צוגעהערט צו משה רבינו. ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה; יידן האָבן נישט געהערט צו משה, פון קורצן גייסט און פון שווערער אַרבעט.

ג־ט שיקט נאָכאַמאָל משה רבינו צו פרעה. אָבער משה רבינו ענטפערט: הן בני ישראל לא שמעו אלי; מה דאָך די יידן הערן מיך נישט, ווי אַזוי וועט פרעה, מיך וועלן הערן? אַלע מפורשים שטעלן זיך אָפּ אויף די ווערטער פון משה רבינו. דאכט זיך, אַז דער קל וחומר איז גאַר

ניט לאַגיש. די יידן האָבן נישט געוואלט הערן, ווייל עס שטייט דאָך, פאַר וואָס: מקוצר רוח ומעבודה קשה! אָבער פרעה וועט אפשר יאָ הערן ,ווייל ביי פרעה איז דאָך נישטאָ קיין מקוצר רוח און קיין מעבודה קשה.

אין אמתן אָבער אנטהאלט אין זיך דער מקוצר רוח ומעבודה קשה אַ זייער טיפן זין. אין די פיר ווערטער, איז אויסגעדריקט דער הויפּט-שטער און די הויפּט שווע־ריקייט, וואָס יעדער אידעאַל באַגעגענט אויף זיין וועג; אין די פיר ווערטער ליגט די הויפּט סיבה, וואָס דער־לאָזט נישט דעם ר־כטיקן אידעאַל, זיך איינבירגערן אין דעם מענטשלעכן מוח און אין דעם מענטשלעכן האַרץ. נישט בלויז דאַמאָלס, האָבן מיר געליטן פון דעם מקוצר רוח ומעבודה קשה, נאָר תמיד ליידן מיר פון דער דאָזי־קער שוואַכקייט. נישט בלויז מיר יידן, נאָר טאַקע די גאַנצע מענטשהייט אין אַלע צייטן ליידט פון דעם. פּרובן מיר היינט, אין אונדזער היינטיקער צייט, צו אַנאַלי־זירן די סיבות פאַרוואָס די מענטשהייט איז היינט אַזוי געפאַלן, אַזוי גייסטיק אָרעם, וועלן מיר קומען צו דער איבערצייגונג, אַז שולדיק אין דעם מצב איז בלויז דער קורצער גייסט און די שווערע אַרבעט, וואָס הערשט אין אונדזער צייט.

אין פלוג דאַכט זיך, וואָס האָט די היינטיקע מענטש־הייט צו טאָן מיט קוצר רוח ומעבודה קשה? מיט אַ קורצן גייסט און שווערע אַרבעט?

די היינטיקע מענטשהייט, ספּעציעל אין די פרייע

לענדער, איז ניט פאַרשקלאַפט. זי אַרבעט אַזוי פיל און אַזוי לאַנג, ווי פיל זי וויל. זי ווערט פון קיינעם נישט געצוואונגען צו קיין אַרבעט. אָבער אין דעם באַשטייט דער הויפּט טעות וואָס מענטשן מאַכן. מען דענקט, אַז שווערע אַרבעט מיינט בלויז די אַרבעט, וואָס אַנדערע וואַרפן אַרויף אויף אַ מענטש. אין אמתן אָבער איז פאַרקערט. די שווערסטע אַרבעט איז נישט די וואָס ווערט אויף אַ מענטש אַרויפגעוואָרפן פון דרויסן, נאָר די, וואָס דער מענטש וואַרפט אַליין, אויף זיך אַרויף. פון פרעמדע אַרבעט שטרעבט דער מענטש זיך צו באַפרייען און ער קען זיך באַפרייען. פון זיין אייגענער אַרבעט, שטרעבט דער מענטש קיינמאָל נישט זיך צו באַפרייען, נאָר יאָגט זיך נאָך איר און מייסטענטיילס, קען ער זיך בכלל פון איר נישט באַפרייען. דער הייניטיקער מענטש טוט זיך אַליין אָן אַ שווערן יאָך פון אַרבעט און טראָגט דעם יאָך כסדר אויף זיך.

איך מיין נישט חלילה מיט דעם צו באַהויפּטן, אַז אַ מענטש, וואָס אַרבעט טוט שלעכט. חלילה! אונדזער תורה שטעלט די אַרבעט, אויף דער העכסטער מדרגה פון מענטשלעכן אויפשטייג. אַרבעט איז אַ ברכה פאַר דעם מענטש. אַרבעטן, הייסט לעבן. אָן אַרבעט, איז נישטאָ קיין לעבן. ווען די תורה באַפעלט אונדז, שבת צו רוען און נישט צו אַרבעטן, זאָגט זי פריער אָן דעם: ששת ימים תעבוד; זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן. אַ לעבן מיט אַרבעט, איז דאָס העכסטע גליק פאַר אַ ייד. דער

פסוק זאָגט: יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך; ווייל איז דעם, וועלכער דערנערט זיך מיט זיין אַרבעט. אַרבעט אָבער, מיינט נישט בלויז, דאָס גשמיות׳דיקע זיך יאָגן נאָך פאַרמעגנס; די פיזישע אָנשטרענגונג, כדי צו פאַר־גרעסערן דאָס האָב און גאָב. דער מענטש איז אַ קאָמבי־נאַציע פון קערפּער און גייסט. פונקט ווי אַ מענטש דאַרף אַרבעטן פאַר זיינע גשמיות׳דיקע באַדערפנישן, אַזוי דאַרף ער אויך אַרבעטן פאַר זיינע גייסטיקע הצטרכותן. עבו־דה, מיינט פיזישע אַרבעט און עבודה מיינט אויך, די גייסטיקע אַרבעט, וואָס דער כהן גדול האָט געטאָן אין בית המקדש. די עבודה אין גייסטיקן זין, איז פונקט אַזוי וויכטיק, ווי די אַרבעט אין פיזישן זין. יעדער מענטש מוז אויסער זיין אַרבעט פאַר פרנסה, זיך אָפּגע־בן מיט דער אַרבעט, וואָס האָט די אויפגאַבע, צו פאַר־בעסערן זיינע אייגנשאַפטן, צו פאַרטיפן זיין וויסן און צו פאַרפיינערן זיינע באַגערן, זיינע אינסטינקטן און זיינע שטרעבונגען. דער מענטש, וואָס האָט פאַר די גייסטיקע אַרבעט נישט קיין צייט; דער, וואָס איז אינ־גאַנצן אַריינגעלאָזט אין דער גשמיותדיקייט, דער איז באַלאַסטעט מיט דער עבודה קשה, וואָס ער אַליין וואַרפט אויף זיך אַרויף.

יידישקייט פון אַמאָל, האָט געהאַט דעם עבודת השם. יעדער ייד האָט יעדן טאָג אַ געוויסע צייט זיך געמוזט אָפּגעבן מיט גייסטיקער, ג־טלעכער אַרבעט. דאָס דאַוו־נען דריי מאָל אַ טאָג; דאָס לערנען אַ שיעור יעדן טאָג,

דאָס איז געווען די רוחניותדיקע אַרבעט. ראשית חכמה יו'את ד'; צוערשט איז געקומען די הייליקע אַרבעט. ערשט שפּעטער איז מען געגאַנגען צו דער טאָג טעג־לעכער אַרבעט. אַ הײנטיקער ייד, ווייסט גאָר נישט פון דעם. ער מיינט, אַז די גאַנצע ברכה איז אין דעם, וואָס ער קען זיך מער אָנהאָרעווען און ער קען מער געלט אָנזאַמלען.

ווען מען מאַכט אויפמערקזאַם אַ הײנטיקן ייד, וועגן זיין גייסטיקן מצב. האָט ער תמיד פאַרשידענע תירוצים. קודם כל, זאָגט ער ,אַז די הײנטיקע געשעפטן און אונ־טערנעמונגען, אַבסאָרבירן דעם מענטש אַ גאַנצן טאָג און לאָזן אים נישט פריי אַ רגע. אַנדערע דאַקעגן באַ־הויפּטן, אַז אַן ערלעכע באַשעפטיקונג, אין אַן ערלעכן אונטערנעמען, אין אַן ערלעכן געשעפט, אָדער גאָר אין כלל אַרבעט, איז אַליין פאַר זיך שוין אַ גייסטיקע אַר־בעט; מען קען מיט דעם יוצא זיין די רוחניותדיקע זייט פון לעבן.

די ביידע תירוצים זענען ניט אמת. מוז דען נישט יעדער מודה זיין, אַז ביי אַ ביסל ווילן, קען יעדער נאָך אָפּשפּאָרן אַ ביסל צייט פאַר רוחנית, פאַר גיין הערן אַ שיעור, אַ לעקציע, אָדער קומען אין אַ בית המדרש. ער טוט דאָס נישט, ווייל די עבודה קשה האָט אין אים אָפּגעשטומפּט יעדן חוש, פאַר גייסטיקער אַרבעט. עס איז אויך אמת, אַז ערלעכע באַשעפטיקונג איז זייער אַ הויכע באַשעפטיקונג און איז זייער אַ הויכע מדרגה. אָבער

זי קען דאָך נישט דעם מענטש ברענגען, צו פאַרבעסערן זיין גייסט, זיין מוח און זיינע געפילן.

איך וויל באַטאָנען, אַז איך מיין נישט דאָ צו פּראָפאַגירן בלויז די רעליגיעזע זייט פון אַ מענטש, ווייל היינטיקע צייטן, ליידט די ווּיסנשאַפט נאָך מער פון דער רעליגיע. וויסנשאַפט ליגט היינט אַליין אין דעם גרוב, וואָס זי האָט יאָרן לאַנג געגראָבן פאַר רעליגיע. טויזנטער יאָר האָט וויסנשאַפט געפּרעדיקט, אַז זי האָט די פּריווילעגיע פון דערהויבן דעם מענטש, פון פאַרבעסערן דעם מענטשלעכן געדאַנק און פון דעם דערציען אים, צו אמתער ווערטפולקייט. היינט לעבן מיר אין אַ צייט, ווען וויסן אַליין האָט קיין שום ווערט נישט. וויסן איז אויף אַזוי פיל ווערט, אויף וויפל מען קען דערפון אַרויסציען נוצן. דאָס אמתע וויסן וואָס ברענגט נישט קיין פיזיש נוצן, נאָר דערהויבט דעם מענטשלעכן גייסט, דאָס האָט היינט קיין שום ווערט נישט. עס איז בלויז אַ פוסטער חלום און עס גיט זיך היינט קיינער נישט אָפּ, מיט קיין וויסן לשם וויסן. וויסנשאַפט פון היינט, איז אַ פשוטע גשמיותדיקע מלאכה, ווי שוסטעריי, אָדער בויקונסט.

ווען מיר זאָלן זיך מאַכן אַ ריכטיקן חשבון פון דעם גייסטיקן מצב פון אונדזער היינטיקער מענטשהייט, וואָלטן מיר געקומען צו אַ באַשלוס, אַז שולדיק איז קודם כל דער: קוצר רוח, וואָס הערשט היינט אין דער וועלט. קוצר רוח מיינט נישט, אַז עס פעלט גייסט. עס שטייט

נישט חוסר רוח. עס שטייט: קוצר רוח, דאָס מיינט: אַ קורצער, אַן ענגער גייסט. קיין גייסט פעלט ניט. פאַרקערט ס'איז דאָ צופיל. עס איז אָנגעלאָדן מיט רוח, מיט גייסט. נאָר דער גייסט האָט אַ קורצן קרייז, אַן ענגן האָריזאָנט.

דער ענגער האָריזאָנט פון דעם היינטיקן ווימן איז אַ קאָנסעקווענץ פון צוויי סיבות. קודם קומט דאָס, וואָס די היינטיקע וועלט קוקט אויף אַלעם מיט אַ מאַטעריעלן בליק. במילא באַשרענקט מען זיך בלויז צו איינצלהייטן און מען דערבליקט נישט קיין שום אוניווערסאַלן כוח. מען אָפּערירט בלויז מיט ענדלעכקייטן און מען דערבליקט נישט די אוממענדלעכקייט; מען באַטראַכט אַלסדינג פון שטאַנדפונקט פון נוצן. דער מענטשלעכער געדאַנק איז קאָנצענטרירט, בלויז אויף אַרויסצוברענגען עפּעס אַ גשמיותדיקן געווין. ווייטער, גייט ער נישט. פון דעם קומט: דער ענגער האָריזאָנט און קורצער קרייז.

אַ צווייטע סיבה איז, דאָס צופיל לייגן געוויכט אויף דעם דרויסן און פאַרגעסן אין זיך אַליין. אין פילאָזאָפישע טערמינען הייסט דאָס, אַז דער היינטיקער „האָמאָ פאַבער", האָט באַזיגט דעם „האָמאָ סאַפּיענס". מען שטרעבט צו קאָנטראָלירן דעם דרויסן און מען פאַרגעסט אין זיך אַליין.

דער קוצר רוח, דער ענגער האָריזאָנט פון דעם גייסט, דער ברענגט צו עבודה קשה. דער מענטש יאָגט זיך צופיל אין דעם דרויסן, אין דער אַרבעט און ווערט

פאַרשקלאַפט פון דער עבודה, וועלכע ער אליין וואַרפט אויף זיך כסדר ארויף. ער האָט דעם דרויסן קיינמאָל נישט געגנוג און קומט נישט דערצו, ער זאָל זיך באַרע־כענען מיט זיך אליין.

קוצר רוח און עבודה קשה, ברענגען צו דעם, אַז דער מענטש באַקומט אַ קורצן האָריזאָנט פון דענקען און זעט נאָר דאָס, וואָס איז פאַר זיינע אויגן. ער האָט נישט קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר קיין צוקונפט.

יידן אין מצרים האָבן דערפאַר ניט געקענט זיך צו־הערן צו משה רבינו וואָס איז געקומען מיט זיינע גאולה פּלענער, אויף דער צוקונפט. זיי האָבן געזען בלויז די קעגנוואַרט; בלויז דאָס, וואָס לעת עתה האָבן זיי באַקו־מען נאָך מער אַרבעט.

מיט רעכט זאָגט דאָן משה רבינו: אויב יידן, קענען נישט זען קיין שום צוקונפט, פון זייער קוצר רוח, ווערט אַ פרעה, אוודאי ניט האָבן קיין חוש פאַר עפּעס אַ ווייטן בליק. פרעה האָט זיכער נישט קיין ברייטערן האָריזאָנט. זיין „הבה נתחכמה" איז דער בעסטער באַווייז, פאַר זיין קוצר רוח און עבודה קשה. קיין גייסטיקע אויפקלע־רונג קען ביי אַ פרעה זיכער נישט העלפן. עס מוזן דאָן קומען די מכות. דאָס איז אַן אייביקער אמת.

ב א

די היינטיקע סדרה שילדערט פאַר אונדז, ווי אַזוי עס האָבן אויסגעזען די לעצטע קלעפּ, די לעצטע מכות, מיט וועלכע פרעה און די מצרים זענען געשלאָגן געוואָרן. מיר האָבן קיינמאָל נישט. אַזוי גוט פאַרשטאַנען דעם פּירוש און דעם באַדייט פון דער גאַנצער מכות־געשיכטע פון מצרים, ווי היינט. אין אונדזערע צייטן, האָבן מיר געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען, מיט אייגענע אויגן, וואָס פאַר אַ סוף עס קען קומען אפילו אויף דעם גרעסטן קול־טור־פאָלק, ווען עס לאָזט זיך אויף פאַלשע וועגן. מיר זענען געווען לעבעדיקע עדות פון פאַרשידענע שרעק־לעכע מכות, וואָס זענען געקומען אויף פעלקער, וועלכע זענען אַראָפּ פון דעם גלייכן וועג.

מאָדערנע סאָציאָלאָגיע פאַרגלייכט אַ גאַנץ פאָלק צו אַ יחיד, צו אַן איינצעלנעם מענטש. אַ יחיד, ווען ער האָט אין זין בלויז זיך, ווען ער ווערט אַן עגאָיסט, ווען ער רעכנט זיך נישט מיט קיינעם אויסער זיך, טוט ער אָפּ מעשים אשר לא יעשו און ברענגט אַליין אויף זיך, די גרעסטע צרות. אויך אַ גאַנץ פאָלק, ווען עס דענקט

בלויז פון זיך אליין, ווען דער שאָוויניזם גייט ביי אים אזוי ווייט, אַז עס רעכנט זיך כלל נישט מיט קיינעם דאַמאָלס פאַרלירט עס זיין קולטור און זיין גייסט. דער ענטוזיאַזם פאַר זיך אליין ברענגט דאָס פאָלק צו דעם, אַז עס הויבט אָן צו גלויבן, אַז לטובת זיין פּאַטריאָטיזם, מעג עס עובר זיין אויף אַלע געזעצן פון עטיק, מאָראַל און מענטשלעכקייט. עס קומט דאַמאָלס אין אַ לאַגע, אין וועלכער עס דראָט אים, ממש פיזישער אונטערגאַנג.

מיט דריי טויזנט פינף הונדערט יאָר צוריק, איז מצ־רים געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה פון קולטור און ציוויליזאַציע. די מצרישע מלוכה, האָט געשמט מיט אירע אַקאַדעמיעס, מיט אירע חרטומים, מיט איר בוי־קונסט און פיראַמידן. אָבער דער גליקלעכער מצב זייע־רער, האָט זיי פאַרפירט. זיי זענען אַריינגעפאַלן אין אַ פוסטן שאָוויניסטישן פּאַטריאָטיזם, וועלכער האָט אויף זיי געבראַכט די גרעסטע מכות און אומגליקן.

חז״ל פרעגן: ווי קומט דאָס, אַז אַזאַ קולטורעל פאָלק זאָל נעמען מיליאָנען מענטשן און זיי פאַרשקלאַפן? חז״ל ענפערן, אַז זייער גליקלעכער מצב האָט זיי אַראָפּגע־פירט פון וועג. זיי האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי זענען די העכסטע קאַסטע פון דער מענטשהייט און זיי קענען טאָן אַלעס, וואָס נאָר זיי ווילן.

דערפאַר ווייזט משה רבינו פרעהן, צו אַלעם ערשטן, אַז פון אַ מטה קען ווערן אַ שלאַנג. מטה אין לשון הקודש, מיינט: פירערשאַפט (מטה ראובן, מטה

שמעון...) פירערשאַפט, איז אַ ברכה פאַר אַ גרופּע, פאַר אַ פאָלק און פאַר אַ מלוכה. אָבער, ווען די פירער האָבן כאַראַקטערן פון שלאַנגען, ווען זיי בייסן מיט גיפט, זע־נען זיי נישט מער קיין פירער, נאָר רשעותדיקע דיקטאַ־טאָרן.

די קאָנסעקווענצן פון רשעותדיקע דיקטאַטורן זענען קודם כל: דם; עס גיסט זיך דאָס בלוט אין די גאַסן. דיקטאַטאָרן שטעלן זיך נישט אָפּ און שרעקן זיך נישט פאַר קיין בלוט. וואָס מער בלוט עס גיסט זיך, אַלץ פעס־טער זיצן זיי אויף זייערע טראָנען. אָבער אייביק קען דאָס נישט עקזיסטירן. עס געלינגט צו האַלטן די מאַסע אַ צייט. עס קומט אָבער אַ מאָמענט, ווען עס באַווייזט זיך אַ „צפרדע". חז"ל זאָגן, אַז דער וואָרט איז צוזאַמענגע־זעצט פון צוויי ווערטער: פון צפר און דע. „צפר", מיינט, אַ פויגל און „דע", שטאַמט פון דעה. צפרדע, מיינט דער־פאַר: אַ קלוגער פויגל. עס באַווייזט זיך אַ קלוגער פויגל, וואָס האַלט אין איין שרייען ווי אַ פראָש. ער ווערט נישט מיד, שרייעדיק און אויפקלערנדיק, אַז די מענטשן זע־נען נאַראָנים, וואָס לאָזן זיך פירן פון רשעותדיקע דיק־טאַטאָרן. עס הערן זיך כסדרדיקע געשרייען, פראָטעסטן און קלאָגן, ביז עס קומט צו אַ רעוואָלוציע און די דיק־טאַטורן פאַלן.

וועגן דעם צפרדע פון מצרים, איז אין דער גמרא פאַראַן אַ זייער אינטערעסאַנט מחלוקת פון אונדזערע גרעסטע תנאים. ר' אליעזר זאָגט: עס שטייט אין דער

תורה: ותעל הצפרדע; די צפרדע, די פראָש, איז אויפגע־גאַנגען. הייסט דאָס, אַז עס איז געווען בלויז איינע. נישט מער! אָבער פון דער איינער זענען געבוירן געוואָרן אַ סך. ר׳ עקיבא זאָגט: ניין! עס איז געווען בלויז איינע און טאַקע נישט מער. די איינע, האָט אָנגעפילט גאַנץ מצרים. ר׳ אליעזר בן עזריה בייזערט זיך אויף רבי עקיבא און זאָגט אים: עקיבא! מה לך אצל אגדה, ווי קומסטו צו זאָגן אַ מיינונג אין אגדה. דו ביסט אַ גרויסער רבי אין הלכה. אָבער אין אגדה פאַרשטייסטו דיך נישט. דער־פאַר זאָלסטו וויסן, אַז אמת, עס איז געווען בלויז איין צפרדע אין מצרים, אָבער זי האָט אַ געשריי געטאָן, האָבן זיך אַרויס איר פאַרזאַמלט גאַנצע מאַסן פון פרעש. (סנ־הדרין ס״ו).

ווי פרעמד עס זאָלן נישט קלינגען די ווערטער פון דער גמרא, וואָלט דאָך כדאי געווען, אַז אפילו מאָדערנע סאָציאָלאָגיע זאָל זיך פאַרטיפן אין דעם מחלוקת, ווייל דאָ איז פאַראַן אַ גאַנץ קאַפּיטל פון הלכות רעוואָלוציע.

אונדזערע גרויסע תנאים האָבן דאָ געשטרייטעט, וועגן דעם אופן ווי אַזוי עס אַנטשטייט אַ רעוואָלוציע. דער ענין איז געווען באַזונדער אַקטועל פאַר ד יתנאָים, וועלכע האָבן געלעבט אין אַ צייט, ווען יידן האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק, אויפצוהויבן אַ רעוואָלט קעגן רוים. זיי האָבן דערפאַר גערעדט מיט פאַרשטעל־טע ווערטער. קודם כל, האָבן אַלע דריי תנאָים איינ־געשטימט, אַז אַ רעוואָלוציע קומט נישט פון דער מאַסע,

נאָר פון יחידים. זיי האָבן אַלע באַמערקט, אַז די תורה, ווען זי רעדט פון דער מכה, וואָס הייסט: צפרדע, שטייט אויסדריקלעך. ותעל הצפרדע; דאָס הייסט, אַז עס איז געווען בלויז איין צפרדע, איין „צפר דע״, איין קלוגער פויגל. דער איינער האָט געהאַלט אין איין שרייען, ווי אַ פּראָש. רבי אליעזר אָבער האָט געהאַלטן, אַז די איינע צפרדע האָט קודם געבוירן אַ גאַנצע מחנה פון צפרדעים און ערשט דאַמאָלס איז געווען די אמתע מכה. איין צפר־דע, קען גאָר נישט אויפטאָן. מען מוז דערפאַר וואַרטן ביז די איינע, וועט שאַפן אַרום זיך אַ מאַסע, דאַן וועט מען ערשט קענען אָנהויבן די רעוואָלוציע. רבי עקיבא האָט געהאַלטן, אַז איין שטאַרקע צפרדע איז גענוג. זי קען באַלד אַליין אָנהויבן די רעוואָלוציע און ברענגען די איבערקערעניש. רבי אליעזר בן עזריה האָט געהאַל־טן, אַז רבי עקיבא איז נישט גערעכט. איין איינציקער כח קען גאָר נישט אויפטאָן. אָבער וואַרטן ביז עס וועלן זיך שאַפן נייע רעוואָלוציאָנערע כוחות, דאַרף מען אויך נישט. דער איינער כח דאַרף בלויז אָנהויבן און אויף זיין ערשטן געשריי, וועלן זיך פאַרזאַמלען באַלד גאַנצע מאַסן שרייערס און פּראָטעסטירערס. ר׳ אליעזר בן עז־ריה איז געווען איבערצייגט, אַז עס איז נישט נויטיק צו וואַרטן, ביז עס וועלן געבוירן ווערן רעוואָלוציאָנערן. זיי זענען תמיד דאָ אין דער געזעלשאַפט. מען דאַרף בלויז אַ ווונק טאָן צו זיי, וועלן זיי קומען צו לויפן. אין מצרים, האָט די איינע פּראָש אַ קוואַקע געטאָן און גאַנצע

מחנות פון פרעש זענען געקומען פון אלע זייטן און האבן פארפלייצט דאס לאנד. די מיינונג פון ראב״ע, האט טא־קע געזיגט, עס איז דעצידירט געווארן אז מען זאל באלד א געשריי טאן און עס האבן זיך פארזאמלט א סך כוחות אונטער בר כוכבא און די רעוואלוציע האט זיך אנגע־הויבן. ראב״ע, האט מיט רעכט זיך געבייזערט אויף רבי עקיבא. עס איז נישט אמת, אז אין א דיקטאטור זענען אלע שוין אזוי פארשקלאפט, אז קיינער איז נישט מער פעאיק אויף פראטעסט. אין יעדער דיקטאטור, זענען תמיד דא רעוואלוציאנערע עלעמענטן. מען דארף זיי ניט צו באשאפן. מען דארף זיי בלויז ארגאניזירן און צו דעם איז געענוג איינער.

נאך איבער איין מכה פון דער היינטיקער סדרה, וויל איך זיך אפשטעלן. דאס איז די מכה פון חשך. די תורה דערציילט: ויהי חשך בכל ארץ מצרים; א פינס־טערניש האט באדעקט דאס גאנצע מצרישע לאנד. וימש חשך; מען האט די פינסטערניש ממש געקענט אנטאפן מיט די הענט.

דער מדרש זאגט, אז בנוגע צו דער מכה פון חשך, האבן צוויי גרויסע תנאים געשטרייטעט. קודם האבן זיי אוועקגעשטעלט די פראגע: מהיכן היה אותו חושך? פון וואנען איז געקומען די פינסטערניש? ר׳ יהודה אומר מחושך של מעלה; ר׳ יהודה האט געהאלטן, אז זי איז געקומען פון דער פינסטערניש פון אויבן. ר׳ נחמיה אומר מחושך של מטה; ר׳ נחמיה האט געהאלטן, אז

זי איז געקומען פון דער פינסטערניש פון אונטן. דאָן פרעגט דער מדרש: וכמה היה עוביו של אותו חושך? ווי דיק איז געווען די פינסטערניש? רבותינו אמרו, כעוביו של דינר זהב; אונדזערע רבים האָבן געזאָגט, אַז די פינסטערניש איז געווען אַזוי דיק, ווי אַ גאָלדענע מטבע, מען דאַרף נישט צו זיין קיין דרשן, אָדער עפּעס אַ פּלפּוליסטישער דיאַלעקטיקער, כדי אויפצווייזן, אַז די ווערטער זענען נישט קיין פּשוטע, נאָר אַנטהאַלטן אין זיך פאַרשטעלטע געדאַנקען און באַהאַלטענע כוונות.

שוין אין דער תורה גופא, באַמערקן מיר אַ אַנדייטונג, אַז חושך מצרים איז געמיינט, ניט בלויז די פיזישע פינסטערניש. אָט זאָגט די תורה: לא ראו איש את אחיו ולא קמו איש מתחתיו; קיין מאַן האָט נישט געזען זיין ברודער. דער עגאָיזם אין מצרים איז געווען אַזוי גרויס, אַז יעדער האָט געזען בלויז זיך אַליין, אפילו נישט זיין אייגענעם ברודער. ולא קמו איש מתחתיו; קיינער האָט זיך ניט אויפגעהויבן פון זיך, יעדער האָט געלעבט נאָר פאַר זיך אַליין.

מיט רעכט פרעגן דאָן אונדזערע תנאָים; פון וואַנען איז געקומען צו די קולטורעלע מצרים, אַזאַ מין גייסטיקע פינסטערניש? דאָ קומט דער שטרייט. ר׳ יהודה זאָגט, אַז פון אויבן; שולדיק זענען געווען די אויבערע, העכערע שיכטן פון פאָלק. זיי האָבן געפּרעדיקט די פינסטערע לאָזונגען. זיי האָבן פאַרפירט די מאַסן און זיי גייסטיק פאַרקריפּלט. ר׳ יהודה האָט געהאַלטן, אַז פאַר דעם נידעריקן

שטאַנד פון פאָלק, זענען פאַראַנטוואָרטלעך די העכערע קלאַסן, די פירער. ר׳ נחמיה דאַקעגן, האָט געהאַלטן, אַז די פינסטערניש איז געקומען פון אונטן, פון דעם פאָלק אַליין. קיינער האָט דעם באַרבאַריזם נישט געפּרעדיקט. אַ פאָלק פאַלט אַליין אַראָפּ. צום אויפשטייג, מוז מען האָבן אַ פירער. אָבער צום פאַלן דאַרף מען קיין פירער נישט צו האָבן. דאָס פאָלק איז אַליין שולדיק, אין זיין ירידה. מען קען ניט פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן בלויז די פי־רער פאַר דער געפאַלנקייט פון דער מאַסע. דער מדרש פרעגט דאָן: ווי ווייט איז געגאַנגען די געפאַלנקייט? און דער מדרש ענטפערט: ביז צו דער דיקהייט פון אַ גאָל־דענער מטבע.

ווייטער פון דער מטבע, מער פון גאָלד האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען. דאָס גאָלד איז געווען זייער הויפּט אידעאַל. אָבער איין זאַך איז געווען מערקווירדיק: ולכל בני ישראל היה אור במושבותם. אין יענער געוואַלדי־קער פינסטערניש איז דאָך ביי יידן געווען ליכטיק, ווייל זייערע אַלטע טראַדיציעס האָבן פאַר זיי געלויכטן אין זייער לעבנסוועג.

בשלח

די היינטיקע סדרה שילדערט פאַר אונדז דעם גרויסן נס פון יציאת מצרים. מיט טריאומף און שטאָלץ, גייען די יידן אַרויס פון מצרישן לאַנד; זיי ווערן באַפרייט פון זייער לאַנגער שקלאַפעריי.

חז״ל שטעלן זיך אָפּ און פרעגן: אויב אַזוי, אויב אַזאַ שמחה, אַזאַ נס און אַזאַ גליק, ווי קומט דאָס, וואָס די סדרה הויבט זיך אָן מיט אַ „ויהי״? ווו אַ ויהי, איז דאָך אַ צרה. פאַרוואָס הייסט עס: „ויהי״ בשלח? אַ גאַנצע רייע פון דרשות זענען געזאָגט געוואָרן, אויף דעם „ויהי״, פון דער היינטיקער סדרה. פון אַלע פאַרשידענע דרשות, קלינגט אַרויס אַ טאָן פון חז״ל׳ס אומצופרידנ־קייט, מיט דעם מצב ,אין וועלכן יידן האָבן זיך דאַמאָלס געפונען. שוין דער אינהאַלט פון דעם ערשטן פסוק פון דער היינטיקער סדרה, גיט זייער אַ סך אַריינצוקלערן און נאָכצודענקען.

פון מצרים קיין ישראל, איז זייער אַ קורצער וועג. יעקבס קינדער, זענען אין די הונגער יאָרן, געגאַנגען דריי מאָל אַהין און צוריק, פון כנען קיין מצרים און פון

מצרים קיין כנען. לויט חשבון, זענען זיי, כמעט אין איין יאר, געגאנגען דריי מאל דעם וועג, אהין און צוריק אבער די יידן, האבן נישט געקענט גיין מיט דעם קורצן וועג, ווייל... ווייל: יידן קענען נאך צוריקגיין קיין מצרים... אזוי זאגט דער ערשטער פסוק, אין דער הייגטיקער סדרה. חז״ל זאגן דערפאר, אז דאס איז געווען א גאר גרויסער „ויהי״, א גרויסע צרה. די פסיכישע באפרייאונג פון די יידן איז נישט געגאנגען צוזאמען, מיט זייער פיזישער באפרייאונג. די יידן האבן פארלאזט דאס מצרישע לאנד; זיי האבן זיך באפרייט פון דעם מצריש יאך. אבער פסיכיש, זענען זיי געבליבן אונטער מצרישן איינפלוס. דער מצרישער גייסט, די מצרישע פסיכאזע, האט זיי נישט פארלאזט. ביי יעדער מינדעסטער געלעגנהייט, ביי יעדן טאג טעגלעכן לעבנס נסיון, ביי יעדער אומאנגענעמלעכקייט. זענען זיי געווען גרייט צוריקצוגיין קיין מצרים.

אינטערעסאנט איז דער פאקט, אויף וועלכן חז״ל ווייזן אן. אפילו, דער געוואלטיק גרויסער נס פון קריעת ים סוף, יענער גרויסער נס, וואס אלע האבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען דעם גרעסטן וואנדער אין דער וועלט. א קלייניקייט! א ים שפאלט זיך, יידן גייען דורך אין דער טריקעניש און די מצרים, פאלן אריין און ווערן דערטרונקען. אפילו דער, גאר גרויסער נס, האט די יידן נים אינגאנצן אויסגעניכטערט. זיכער, זענען יידן שטארק נתפעל געווארן פון דעם נס. ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל; דער קלענסטער פון די יידן, האט

דאַמאָלס מער געזען פון דעם גרעסטן נביא, אין שפּע־טערע צייטן. אָבער די התפעלות איז געווען פון אַ קורצן דויער. זי איז געווען בלויז אין דעם מאָמענט פון דעם נס. קוים איז דער מאָמענט פון נס, פאַראיבערגעגאַנגען און עס איז געקומען דאָס טאָג טעגלעכע, שאַרע לעבן, זענען יידן ווידער אַריינגעפאַלן אין יאוש און פאַרצווייפלונג. זיי שעמען זיך נישט אָפן צו פרעגן: היש ד׳ בקרבנו; זיי צווייפלען, צו ג־ט איז מיט זיי און עס הערן זיך שטימען פון: נשובה מצרימה. לאָמיר צוריק גיין קיין מצרים.

די ווערטער פון חז״ל זענען אַ געוואַלטיק גרויסע לע־רע פאַר שפּעטערע דורות. נישט איינמאָל זענען, אין דער יידישער געשיכטע, פאָרגעקומען געוואַלטיק גרויסע מאָמענטן, מאָמענטן, וואָס אַלע האָבן געמוזט מודה זיין, אַז זיי זיינען אומנאַטירלעך, ממש נסים. געמיינט האָט מען, אַז אַזעלכע מאָמענטן, וועלן אויפרודערן און אויפ־שטורעמען דאָס געוויסן פון דעם גאַנצן פאָלק. אַלע וועלן איינזען די וויכטיקייט פון מאָמענט; אַלע וועלן זיך אינגאַנצן איבערגעבן, פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויק־לונג פון דעם נס. אָבער, כמעט תמיד, ענדיקט זיך אַזאַ גרויסער מאָמענט מיט דעם, וואָס באַלד נאָך דעם נס, ווען עס קומען די טעגלעכע זאָרגן, ווען מען דאַרף אַליין זיך אויך אָנשטרענגען, אַליין צולייגן אַ פלייצע צו דער ווייטערדיקער אַרבעט, דאַמאָלס קומט אַ מין מאָדנע אויסניכטערונג. עס קומט אַ מין שטילע, אינערלעכע חר־טה אויף דעם גאַנצן עסק. עס הערן זיך שטימען: בעסער

צו בלייבן אין דער שקלאַפעריי, איידער זיך אָנשטרענ־גען, איידער געבן כוחות, איידער אויפנעמען אַ קאַמף וכדומה. דאָס איז דער „ויהי״, דאָס איז אַ צרה.

אין דעם זין, גייען חז״ל נאָך ווייטער, מיט זייערע דרשות, אויף דער היינטיקער סדרה. ווי דער פסוק דער־ציילט האָט די אמונה, דער גלויבן אין ג־ט, זיך איינגע־בירגערט ביי יידן, ערשט דאַמאָלס, ווען זיי זענען גע־שטאַנען ביים ים. אַזוי זאָגט דער פסוק: וירא ישראל את היד הגדולה אשר עשה ד׳ במצרים ויראו העם את ד׳ ויאמינו בד׳ ובמשה עבדו; ווען יידן האָבן געזען די גרויסע שטאַרקייט, וואָס ג־ט האָט געטאָן קעגן די מצ־רים, האָט דאָס פאָלק מורא געהאַט פאַר ג־ט און זיי האָבן געגלויבט אין ג־ט און אין זיין קנעכט משה. ווען מיר זאָלן היינט, אַנאַליזירן יענעם מאָמענט, ווען יידן זענען אַדורך, דורך דעם ים, וואָלטן מיר אויסגעפינען, אַז צוויי וויכטיקע געשעענישן, זענען דאַמאָלס פאָרגעקומען. אַ גרויסער נס איז געווען דאָס, וואָס יידן זענען אַדורכגע־גאַנגען דעם ים, אין דער טריקעניש און זיי זענען גערא־טעוועט געוואָרן פון דער מצרישער געפאַר. אַ צווייטע וויכטיקע זאַך איז פאָרגעקומען, וואָס די מצרים, די יידי־שע שונאים, זענען דערטרונקען געוואָרן און פון זיי איז נישט געבליבן קיין שריד ופליט. ווען מיר פאַרטראַכטן זיך אין די ביידע געשעענישן, מוזן מיר קומען צו אַ באַ־שלוס, אַז דער ערשטער נס; די רעטונג פון די יידן, איז געווען דאָס וויכטיקסטע, וואָס עס איז דאַמאָלס געשען.

מיר מוזן דאָך קודם צוגעבן, אַז דאָס, וואָס די מצרים זענען דערטרונקען געוואָרן, איז קיין נס נישט געווען. דערטרינקען ווערן אין וואסער, איז דאָך נישט קיין נס. עס איז דאָך גאַנץ נאַטירלעך, אַז אין אַ ים ווערט מען דערטרינקען. וואָס פאַר אַ ווונדער איז דאָס געווען, אַז מצרים, גייענדיק אין ים, ווערן דערטרונקען. עס דאַרף דאָך אַזוי צו זיין. דעם נס, איז געווען בעיקר דאָס, וואָס יידן, גייענדיק אין ים, זענען נישט דערטרונקען געוואָרן. נאָר דורכגעגאַנגען אין דער טריקעניש. פון אַ צווייטן שטאַנדפונקט, איז אויך דער עיקר נס געווען, נאָר די רעטונג פון די יידן און נישט דער אונטערגאַנג פון די מצרים. וואָס האָט די יידן געדאַרפט אָנצוגיין, וואָס עס וועט געשען מיט די מצרים. דער עיקר: זיי זענען גע־רעטעט און קענען זיך גיין זייער וועג רואיק ווייטער. עס האָט זיי מער נישט געדאַרפט אינטערעסירן, וואָס עס טוט זיך מיט די מצרים. צו זענען זיי דערטרונקען, אָדער זענען זיי צוריק קיין מצרים דאָס האָט שוין מיט דער יידישער רעטונג גאָר נישט צו טאָן געהאַט.

חז״ל באַמערקן, אַז פאַקטיש איז אַזוי נישט געשען. יידן האָבן בכלל גאָר נישט רעאַגירט אויף דעם נס פון זייער אייגענער באַפרייאונג. זיי זענען כלל נישט נתפעל געוואָרן פון זייער אייגענער רעטונג. זיי זענען בלויז גע־ווען, אונטער דעם איינדרוק פון דער מצרישער מפלה. זיי האָט בלויז אימפּאָנירט דאָס, וואָס די מצרים זענען דערטרונקען געוואָרן.

דער פסוק דערציילט דערפאר: ויושע ד׳ ביום ההוא את ישראל מיד מצרים וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים .דאס מיינט, אז דער עיקר נס איז אייגנטלעך געווען דער: ויושע ד׳ את ישראל מיד מצרים; ג-ט האט די יידן געהאלפן און זיי זענען ניצול געווארן פון די מצ־רישע הענט. אבער, וירא ישראל; וואס האבן יידן געזען? זיי האבן געזען, בלויז דעם: את מצרים מת על שפת הים; זיי האבן זיך בלויז געקוויקט מיט דעם בליק, אויף די טויטע מצרים; מיט דער נקמה איבער זייערע שונ־אים. די אמונה וואס איז דאמאלס געקומען, איז דער־פאר, לויט חז״ל, ניט געווען פון קיין הויכער מדרגה. עס איז געווען: ויראו העם את ד׳; יידן האבן בלויז מורא געהאט פאר דעם ג-ט פון נקמה. אמונה, וואס קומט פון מורא, איז נישט די ריכטיקע אמונה. אויך די געצנדינער האבן געדינט צו כוחות, פאר וועלכע זיי האבן מורא געהאט. וואלטן אבער יידן געווען געזען, אין יענעם מא־מענט, זייער אייגענע ישועה, זייער דערהויבנקייט, וואלט אויך זייער אמונה געווען, א הויכע, אן אמונה מאהבה.

אפילו ביי דער שירה, שטייט דערפאר בלויז: אז ישיר און נישט: אז שר דאס הייסט, אז די שירה, וואס יידן האבן דאמאלס געזונגען, איז אויך נאך נישט געווען קיין פערפעקטע. אין דער שירה, ווערט אויך באזונגען דער: סוס ורוכבו רמה בים; דאס, וואס דאס מצרישע פערד און זיין רייטער זענען אריינגעפאלן אין ים.

אמתע שירה, איז נישט אויף קיין: מעשי ידי טובעים בים; עס זינגט זיך ניט אויף קיין נידערלאגן, אויף קיין פאַרניכטונג. דערפאַר, איז: אָז ישיר, לשון עתיד; די אמתע שירה וועט געזינגען ווערן לעתיד, ווען יידן וועלן פאַרשטיין די אמתע מדרגה פון אמונה, ונאמר לפניו שירה חדשה הללויה.

די דרשות פון חז״ל אויף דער היינטיקער סדרה, דערקלערן אונדז אַ סך פּראָבלעמען פון אונדזער היינטיקער צייט. מיר האָבן געהאַט די זכיה צו זען אַ גרויס נס ביי אונדז. דאָס איז די ווידערגעבורט פון מדינת ישראל, אויך אין דעם גרויסן געשעעניש, זענען געווען צוויי מאָמענטן. איין נאָר וויכטיק געשעעניש, איז געווען דער נס פון דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה, דורך אַ קליינע צאָל געוואַגטע מענטשן און דער גרויסער שטראָם פון קיבוץ גלויות, וואָס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן. דער צווייטער מאָמענט איז געווען דאָס, וואָס די גויאישע וועלט האָט די מדינה אָנערקענט. אייגנטלעך איז די גויאישע אָנערקענונג, נישט קיין נס. אַ קליינע עולה, איז די גויאישע וועלט קעגן אונדז באַגאַנגען, אין משך פון גאַנצע טויזנטער יאָר. מיט זייער אָנערקענונג פון מדינת ישראל, האָבן זיי בכלל נאָך נישט גוט געמאַכט, זייערע רציחות לגבי אונדז. פון וואָס איז דאָ פאַראַן נתפעל צו ווערן? דער עיקר נס איז די עטאַבלירונג פון דער מדינה און דאָס, וואָס איז משך פון 10 יאָר, זענען אַריינגעקומען מער פון אַ מיליאָן יידן קיין יש־

ראל. פון דעם דאַרפן מיר נתפעל ווערן. דאָס איז אַ גרויס נס! זאָל אונדזער התפעלות פון מדינת ישראל, נישט שעפן קיין יניקה, פון דער גויאישער וועלט, אונדזער בליק, אונדזער פאַרוואונדערונג דאַרף קומען פון אונדז אליין, פון דעם גרויסן גוואַלטיקן נס, פון דער יידישער מדינה און דעם קיבוץ גלויות. נאָר אַזאַ בליק, קען אונדז ברענגען צו אמתער אהבת הארץ און אהבת העם; נאָר אַזאַ בליק, קען אונדז געבן מוט און ווילן, צו גרויסע מעשים, פאַר ארץ ישראל און עם ישראל.

יתרו

די סדרה פון דער היינטיקער וואָך שילדערט פאַר אונדז דעם, אַזוי גערופענעם, מעמד הר סיני; וויאַזוי ג־ט ב"ה האָט געגעבן די תורה צו די יידן אויף דעם באַרג סיני. אָט האָבן יידן טריאומפירט איבער זייער דעספּאָטישן שונא. פון שקלאַפן זענען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן; אין פרייע מענטשן; זיי זענען געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיק פריי פאָלק. פאַר יידן אָבער איז נישט גענוג געווען בלויז צו זיין אַ פריי פאָלק, ווי אַלע פעלקער. צו גרויס זענען געווען די אומנאַטירלעכע נסים ביז יידן זענען באַפרייט געוואָרן; צו גרויס זענען געווען די שוועריקייטן, ביז זיי זענען אַרויס פון מצרים. דאָס אַלעם האָט נישט געקאָנט געשען, בלויז צוליב דעם, כדי עס זאָל זיין בלויז, נאָך איין אומה, צווישן די אומות. דאָס איז געשען צוליב אַ העכערע סיבה, צוליב דעם, אַז יידן זאָלן פירן אַזאַ לעבן, כדי אַלע אומות זאָלן האָבן אַ געלעגנהייט צו זען, וויאַזוי מען דאַרף לעבן אויף דער וועלט. דער אמתער ציל פון דער יידישער באַפרייאונג איז געווען, כדי יידן זאָלן אָננעמען אַ תורה און ווערן אַן עם קדוש, אַ הייליק

פאָלק, פאר זיך אַליין און אַ ממלכת כהנים פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אַזוי זאָגן די פסוקים פון דער היינ־טיקער סדרה.

אונדזער גרויסער נביא ישעיה, דריקט זיך אוים אין אַ פאָר געציילטע ווערטער, וועגן דעם מעמד הר סיני. ער זאָגט אין נאָמען פון ג־ט: ואשים דברי בפיך ובצל ידי כיסיתך לנטוע שמים וליסוד ארץ ולאמור לציון עמי־אתה; מיינע ווערטער האָב איך אריינגעטאָן אין דיין מויל און מיט דעם שאָטן פון מיין האַנט האָב איך דיך צוגעדעקט, כדי צו פלאַנצן דעם הימל און צו באַפעסטיקן די ערד און כדי צו זאָגן צו ציון: דו ביסט מיין פאָלק. (ישעיה נ״א ט״ז) אין די פאָר ווערטער ליגט באַהאַלטן דער גאַנצער סוד פון דער יידישער תורה. די עשרת הדברות זענען געטיילט אין צוויי טיילן: איין טייל פלאַנצט איין אין דער מענטשהייט דאָס הימלעשע; דער צווייטער טייל באַפעסטיקט דאָס ערדישע.

חז״ל באמערקן, אז אין דער תורה שטייט דער ווארט „לוחת" חסר; עס פעלט אַ וואוו. געלעזן, ווערט דער ווארט, ווי עס וואָלט געשטאַנען „לוחות". געשריבן אָבער איז: לוחת. לוחות מיט אַ וואוו, איז אַ מערצאָל און מיינט: צוויי. לוחת אָן אַ וואָוו, איז אַן איינצאָל און מיינט: בלויז איינס. דאָס לערנט אונדז: ווען מען קוקט אויף די לוחות, זעט מען אַז זיי זענען צוויי; ווען מען לערנט שטודירט די אויפשריפט פון די לוחות, געפינט מען אויך, אַז זיי זענען צוויי. זייער אינהאַלט איז אַ צווייפאַכיקער.

דער ערשטער לוח רעדט בלויז פון די פליכטן, וואָס אַ מענטש האָט לגבי ג־ט. דער צווייטער לוח רעדט בלויז פון פליכטן, וואָס אַ מענטש האָט לגבי דעם מיט מענטש. געשריבן איז: לוחות, איינס, כדי צו באַטאָנען. אז עס זאָל קיינער חלילה נישט דענקען, אַז דאָס זענען צוויי אָפּגעטיילטע זאַכן חלילה! ביידע זענען איינס. מען קען נישט האַלטן איין לוח און פאַרנאַכלעסיקן דעם צווייטן. מען קען נישט זיין אין אָרדענונג לגבי ג־ט, ווען מען איז נישט אין אָרדענונג לגבי דעם מענטש. אויך פאַרקערט: מען קען נים זיין אין אָרדענונג לגבי מענטש, ווען מען איז נישט אין אָרדענונג לגבי ג־ט. פוסטע פרומקייט אָן גוטסקייט טויג צו גאָרנישט. אויך בלויזע גוטסקייט אָן ג־טלעכקייט, איז נאָר הפקרות, הולטייסטוואָ און מאָראַלישע נעפּאַלנקייט.

ווי באַקאַנט שטייט דער מאָדערניזם אויף אַ שטאַנדפּונקט, אַז ג־טלעכקייט און מענטשלעכקייט זענען צוויי באַזונדערע באַגריפן, וואָס האָבן קיין שייכות נישט איינער צום צווייטן. אַ סך באַהויפּטן גאָר פאַרקערט, אַז מענטשלעכקייט, וואָס שעפּט איר יניקה פון ג־טלעכקייט, איז נישט דאָס ריכטיקע. אַ מענטש דאַרף זיך אויפפירן מענטשלעך, נישט דערפאַר, ווייל ער האָט מורא פאַר דער ג־טלעכקייט, אָדער דערפאַר כדי צו דערפילן אַ ג־טלעכן פאַרלאַנג, נאָר דערפאַר, ווייל דאָס מענטשלעכע איז בעצם גוט און דאָס אוממענטשלעכע איז בעצם שלעכט. פון דעם קומט די באַקאַנטע שיטה, וואָס באַ־

הויפטעט, אַז כדי זיך אויפצופירן מאָראַליש, דאַרף מען ניט האָבן קיין רעליגיעזן יסוד, קיין ג־טלעכן פונדאַמענט.

די שיטה איז פאַלש. נישט בלויז לערנט אונדז די פּראַקטיק, אַז דאָס איז נישט ריכטיק, נאָר טעאָרעטיש, ווינסשאַפטלעך איז אַזאַ טעאָריע ניט אויסגעהאַלטן. מען מוז שטודירן דעם מענטש און זיינע אייגנטימלעכקייטן, דאַמאָלס פאַרשטייט מען, ווי פאַלש די אַלע טעאָריעס זענען. אין איין קורצן זאַץ האָבן אונדזערע חז״ל ווידערלעגט די אַלע שיטות. חז״ל זאָגן: לא נתנה תורה למלאכי השרת; אַ מענטש מוז האָבן אַ תורה, ווייל אַ מענטש איז ניט קיין מלאך אַ מלאך האָט ניט קיין איך, האָט נישט קיין סוביעקטיוויטעט. אַ מלאך קען טאָן דאָס גוטע, בלויז דערפאַר, ווייל עס איז אָביעקטיוו גוט ער קען אויסמיידן דאָס שלעכטע, בלויז דערפאַר, ווייל עס איז אָביעקטיוו שלעכט. וווּנדערלעך דריקן זיך חז״ל אויס: אין מלאך אחד עושה שתי שליחות; אַ מלאך קען נישט אָפּטאָן קיין צווייערליי זאַכן. דער שטן איז אַ שלעכטער מלאך און קען טאָן בלויז שלעכטס. אַ גוטער מלאך קען קיינמאָל קיין שלעכטס נישט טאָן. דער מלאך טוט דאָס גוטע דערפאַר, ווייל אַזוי איז זיין נאַטור. ער קען נישט טאָן אַנדערש. פּונקט ווי פייער מוז ברענען און וואַסער מוז לעשן. פייער קען נישט לעשן און וואַסער קען ניט ברענען. דער מענטש אָבער, פאַרמאָגט אַ ווייער קליינעם אָרגאַן, וואָס הייסט הארץ און דאָס האַרץ,

האָט צוויי קעמערלעך. אַ מענטש, איז פון נאַטור נישט קיין איינהייטלעך וועזן, נאָר אַ טאָפּלט באַשעפעניש און אין דער טאָפּלטקייט, הערשט תמיד אַ קאָנפליקט. עס העלפט ניט קיין אויפקלערונג, קיין בילדונג. עס איז אַ פאַקט, אַז דווקא צווישן די גאָר גוט דערצויגענע און געבילדעטע, געפינט מען ראַפינירטקייטן און שלעכטיקייט און דווקא, צווישן די גאָר פּראָסטע אומגעבילדעטע, קען מען געפינען גוטסקייט, ברידערלעכקייט. אַ מענטש איז נישט קיין מלאך, ווייל אַ מענטש האָט אויסער אָביעקטיוויטעט, אויך סוביעקטיוויטעט; אויסער אַלטרואיזם, אויך עגאָאיזם. אַ מענטש איז גאָר ניט פעאיק צו פאַרשטיין, וואָס עס מיינט: **בעצם גוט.** ווען מען זאָל לאָזן די עטישקייט אינגאַנצן צום מענטש, וועלן מיר האָבן אַזויפיל פאַרשידענע עטישע באַגריפן, וויפיל עס זענען פאַראַן פאַרשידענע מענטשן. יעדער וועט אויסגעפינען, אַז עטיש איז דאָס וואָס עס איז גוט פאַר אים, כאָטש עס איז שלעכט פאַר דעם צווייטן. דערפאַר מוז דער יסוד פונם מענטשלעכן אויפפיר זיין, בלויז דאָס ג-טלעך גוטע און נישט דאָס מענטשלעך גוטע.

אונדזער גרויסער פילאָזאָף און מאָראַליסט, דער רמב"ם, ברענגט אין זיין הלכה ספר דעם באַקאַנטן דין פון אונדזער גמרא, אַז אַ גוי, וואָס לעבט מאָראַליש און עטיש, האָט אַ חלק לעולם הבא. דערויף באַמערקט דער רמב"ם, אַז דאָס איז נאָר דאַמאָלס, ווען זיין מאָראַלישקייט און עטישקייט שטאַמען פון דעם גלויבן, אַז עס איז פאַ-

ראַן אַ ג־ט און אַז ג־ט פארלאַנגט אַזאַ לעבן. קוים אָבער שטאַמט זיין מאָראַלישקייט, בלויז פון זיין שכל, דאַן האָט ער נישט קיין רעכט, אויף אַ חלק לעולם הבא.

די עשרת הדברות הויבן זיך אָן מיט ג־טלעכקייט. צוערשט קומט דער: לנטוע שמים; דאָס איינפלאַנצן דאָס הימלישע און ג־טלעכע אין דעם מענטשנס הארץ. יעדער אידעאל מוז האָבן זיין פונדאַמענט אין דעם הימלישן. לא תעשה לך פסל וכל תמונה; דו זאָלסט דיר נישט מאַכן קיין בילד און קיין געשטאַלט. אַלצדינג, וואָס דער מענטש שאַפט אַליין און בוקט זיך דערצו, איז געצענדינסט, אפילו אַן אידעע, וואָס איז געשאַפן בלויז פונעם מענטש און ער דינט צו איר איז געצנדינסט. וואָס פאַר אַ חילוק איז פאַראַן, צווישן אַ געמאַכטן, אויסגעשניצטן געץ און צווישן אַ געמאַכטן, אויסגעקלערטן אידעאַל? לא תשא־את שם ד׳ אֱלקיך לשוא; דו זאָלסט דיינע אייגענע, גע־מאַכטע אידעאַלן ניט אָנרופן, מיט קיין שום גייסטיקע, ג־טלעכע נעמען, ווייל זיי אַלע זענען פאַלש. זכור את השבת; אויב דו ווילסט פאַרשטיין אַמתדיק, גייסטיק, ג־טלעך לעבן, שטעל קודם אָפּ אויף איין טאָג דאָס וואכענ־דיקע, דאָס גשמיותדיקע. הויב דיך אויף, כאָטש איין טאָג, העכער פון דיין אייגענעם איך, העכער פון דער ערד, דאַ־מאָלס וועסטו פילן ג־טלעכקייט און קדושה. דאַן קומט נאָך אין דעם ערשטן לוח, דער כבד את אביך ואת אמך; זאָלסט ערלעך האַלטן דיין טאַטע און מאַמע. דאכט זיך, אַז דאָס באַלאַנגט נישט צו ג־טלעכקייט. דאָס וואָלט גע־

דאַרפט שטיין אין דעם צווייטן לוח? אָבער איינער פון אונדזערע דענקער באַמערקט, אַז דאָ איז געמיינט: רייס דיך נישט, צו קיין נייע אידעאַלן! האָב אַביסל דרך ארץ פאַר דיינע אייגענע טאַטע מאַמע! טרעט נישט די הייליקייטן, וועלכע דיינע עלטערן האָבן אָפּגעהיט און זענען געווען באַרייט צו גיין, אויף די שייטערהויפנס כדי זיי צו שיצן.

אָפּגעפאַרטיקט זיך מיט דעם: לנטוע שמים, קומט דער: וליסוד ארץ; קומט די באַפעסטיקונג פון דעם ערדישן. דאָס איז דער יסוד פון יידישקייט. גשמיות און רוחניות, גייען ביי אונדז האַנט ביי האַנט. ביי פעלקער פון דער וועלט, קענען די צוויי באַגריפן נישט לעבן בשלום, איינער מיט דעם צווייטן. ביי זיי, אויב מען וויל לעבן אַ הימלישן לעבן, מוז מען זיך אָפּזאָגן פון דער ערד. כל זמן מען האָט דעם מינדעסטן קאָנטאַקט מיט דעם ערדישן לעבן, קען מען קיין הייליקער נישט זיין. ביי אונדז איז פונקט פאַרקערט. אויב מען זאָגט זיך אָפּ פון דעם ערדישן קערפּערלעכן לעבן, איז מען איבערהויפּט נישט געאייגנט פאַר קיין הימלישן לעבן. כל המצטער מן החיים נקרא חוטא. ווער עס זאָגט זיך אָפּ פון עולם הזה, דער איז אַ זינדיקער. מיר זענען אָבער קיינמאָל נית מסכים, צו באַזירן דאָס לעבן אויף דעם בלויזן עולם הזה. אַן עולם הזהדיק לעבן אַליין, איז בכלל קיין לעבן נישט. דאָס עולם הזהדיקע לעבן, דאַרף זיין געהייליקט. נאָר אין דעם עולם הזהדיקן לעבן, קען מען זיך הייליקן, פונקט

ווי מען קען זיך פאַראומרייניקן. דעם סוד פאַרשטייט די וועלט ביז היינט נאָך נישט.

מיט רעכט זאָגט דאָ דער נביא: לנטוע שמים וליסוד ארץ ולאמור לציון עמי אתה; ווען יידן וועלן פאַרשטיין, אז מען דאַרף איינפלאַנצן דאָס הימלישע און באַפעסטיקן דאָס ערדישע; ווען יידן וועלן שאַפן די סינטעזע פון קערפּער און גייסט, דאַמאָלס וועט ציון, דאָס יידישע פאָלק, באמת זיין דער ממלכת כהנים, דאָס פאָלק, וואָס וועט זיין דער: עמי; וואָס וועט לעבן אַ גשמיותדיק לעבן, לאָ בחיל ולא בכח כי אם ברוחי.

משפטים

די סדרה פון משפטים שטייט אין דער תורה נאָך דער סדרה פון יתרו. אין יתרו זענען דעם יידישן פאָלק געגעבן געוואָרן די עשרת הדברות; אין משפטים זענען געלערנט געווארן די דינים און די משפטים.

חז"ל באַמערקן אָבער, אז מען זאָל נישט מיינען אז די דינים און משפטים זענען מיט די יידן געלערנט געוואָרן ערשט נאָך די עשרת הדברות, נאָר טאַקע פריער, פאַר די עשרת הדברות. באַלד ווי יידן זענען נאָך אַרויס פון מצרים און זענען געקומען קיין מרה, שטייט אין דער תורה: שם שם לו חוק ומשפט. דאָרט זענען אים געגעבן געוואָרן געזעצן און משפטים. פאַר די עשרת הדברות, האָבן יידן געלערנט דעם חוק און דעם משפט. דער מדרש זאָגט: עס איז אַ משל צו א פרינצעסין וועלכע גייט אין מיטן און פון ביידע זייטן באַגלייטן זי הויכע באַאמטע אַזוי אויך די תורה. זי גייט אין דער מיט. דאָס זענען די עשרת הדברות און די דינים און משפטים באַגלייטן זי פון ביידע זייטן.

פרייהייט, גערעכטיקייט יושר, גוטסקייט, רחמנות און אָנשטענדיקייט עקזיסטירן ביי מענטשן נאָר דאַמאָלס, ווען זיי גייען אין דער באַגלייטונג פון עשרת הדברות, פון תורה. אויך פאַרקערט: צו דער תורה אַליין, צו די עשרת הדברות, קען מען ערשט דאַמאָלס צוקומען, ווען מען באַגעגנט זיך קודם מיט אירע באַגלייטער, מיט די דינים און משפטים. די תורה איז אַרומגענומען פון ביידע זייטן מיט דינים און משפטים. ווען מען איז נישט שווה בשווה מיט די דינים און משפטים, קען מען די תורה אַליין קיינמאָל נישט דערגרייכן.

דער אומגליק פון דער היינטיקער וועלט איז דאָס, וואָס מען רעדט זיך איין, אז דינים און געזעצן זענען פּראָדוקטן פון דעם מענטשלעכן שכל. קלוגע מענטשן האָבן — הייסט עס — אויסגעקלערט פאָרמולן און פּרינציפּן. לויט וועלכע די מענטשן זאָלן איינריכטן זייער צוזאַמענלעבן. לויט אַזאַ מיינונג וואָלט אויסגעקומען אַז רעכט שטאַמט פון הכמה און וואָס מער חכם אַ מענטש איז, וואָס מער חכמה ער באַזיצט, אַלץ מער גערעכט איז ער. דאָס וואָלט אויך געהייסן אַז דער קליגסטער איז דער גערעכטעסטער. אַזאַ באַהויפּטונג איז ניט בלויז פאַלש נאָר אויך נישט שכלדיק. עס איז כלל נישט נויטיק אויפצווייזן דעם אַבסורד פון אַזאַ באַהויפּטונג. קלוגשאַפט און חכמה ברענגען צו דעם, וואָס עס איז פאַרקערט פון רעכט. מיט קלוגשאַפט קען מען אָפטאָן די אַממייסטן אומגערעכטע מעשים און דאָן מיט ראַפינירטקייט פון חכמה אויפווייזן, אַז

די מעשים זענען גאָר די גערעכטעסטע. מיר לעבן היינט אין אַ צייט, ווען דאָס געשעט כמעט בכל יום.

די פאַראַלע פון דער יידישער תורה איז: כי המשפט לאלקים הוא; רעכט איז נישט דאָס, וואָס דער מענטשלעכער שכל דיקטירט, נאָר דאָס, וואָס ג־טלעכקייט לערנט. ווען דער מענטש האָט נישט קיין אמונה אין ג־ט קען ער נישט זיין גערעכט, נישט אין זיין פּריוואַטן, נישט אין זיין עקאָנאָמישן און נישט אין זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

נישט־גלויבן אין ג־ט מיינט צוגלייך: גלויבן אין זיך אַליין; זיין צופערלעסיק אויף אייגענע כוחות; שטאָלצירן מיט אייגענע פעאיקייטן און זיין זיכער מיט אייגענער קראַפט און שטאַרקייט: אַזאַ געדאַנקענגאַנג, איז דאָס גרעסטע אומגליק פאַר אַ מענטש, הן אין זיין פּריוואַטן, הן אין זיין עקאָנאָמישן והן אין זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן. צופיל זיין צופערלעסיק אין אייגענע כוחות, פאַרפירט דעם מענטש און ברענגט אים צו טראַגישע אַנטוישונגען אין זיין פּריוואַטן לעבן. צופיל שטאָלצירן מיט אייגענע פעאיקייטן ברענגט דעם מענטש דערצו, אַז ער נעמט זיך אונטער צו פאַרשלינגען די גאַנצע וועלט. ער איז פעאיק פאַר זיינעט וועגן צו פאַרשקלאַפן יעדן. צופיל זיך פאַרלאָזן אויף אייגענער קראַפט און שטאַרקייט הייסט זיך יאָגן נאָך פאַרמעגנס דאָס גאַנצע לעבן און זיין כסדר פאַרהאָרעוועט אין אַרבעט אָן רו אָן מנוחה און אָן גליק.

חז"ל האָבן אָנגעוויזן אויף אַ מערקווירדיקע צוזאַמענשטעלונג פון דינים אין דער היינטיקער סדרה. קודם שטייט די פרשה פון אַן עבד עברי, פון אַ יידישן קנעכט. ווען אַ ייד ווערט אָנגעשטעלט ביי אַ צווייטן ייד, האָט דער שטאַנד פון יידישער קנעכטשאַפט ניט געטאָרט דויערן לענגער פון 6 יאָר, אין דעם זיבעטן יאָר איז דער פארקנעכטעטער ייד באַפרייט געוואָרן.

שפּעטער שטייט דער דין, אַז אַ ייד טאָר אין זיין אייגן פעלד נישט אַרבעטן מער פון 6 יאָר און דאָס זיבעטע איז שמיטה. דאַמאָלס באַלאַנגט דאָס פעלד נישט צו אים נאָר איז פריי פאַר יעדן.

די תורה דערמאָנט דאַן דעם דין פון שבת. ששת ימים תעשה מעשיך וביום השביעי תשבות, דער ייד מעג אַרבעטן בלויז 6 טעג אין דער וואָך. אין דעם זיבעטן טאָג טאָר ער נישט אַרבעטן. ער מוז רוען. די צוזאַמענשטעלונג לויטעט דערפאַר, אַז אין דעם זיבעטן טאָג איז יעדער ייד, קודם כל אַליין פריי פון יעדער אַרבעט; אין דעם זיבעטן יאָר איז די יידישע ערד באַפרייט פון איר בעל בית; אויך נאָך זיבן יאָר ווערט יעדער יידישער קנעכט באַפרייט פון זיין קנעכטשאַפט.

ווי באַקאַנט איז די צאָל זיבן, אַ צענטל פון בעם מענטשנס לעבן. אַ נאָרמאַל מענטשלעך לעבן איז פון 70 יאָר. אַ צענטל פון זיבעציק איז זיבן. אַ צענטן טייל פון זיין לעבן דאַרף דער מענטש ווידמען פאַר גייסטיקייט

און געטלעכקייט. העשירי יהיה קודש לד׳. דער אבן עזרא זאָגט אַז די צאָל צען, איז די ענדע און דער עיקר פון אַלע צאָלן. נאָך צען איז בלויז אַ ווידערהאָלונג פון איינס ביז צען. אַזוי איז עס ביז די מיליאָנען, וואָס זענען אַלץ נישט מער, ווי אַ סך צענער. דערפאַר זאָל דער צענער זיין הייליק. אַ מענטש דאַרף, ווייניקסטנס אַ צענטן טייל פון זיין לעבן, ווידמען פאַר דער ג־טלעכקייט.

אַ מענטש טאָר נישט זיין כסדר פאַרשקלאַפט ביי יענעם. דערפאַר קומט דער דין פון דעם עבד עברי; אַ מענטש טאָר ניט זיין כסדר פאַרשקלאַפט צו זיין פרנסה, צו זיינע עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן. אַ מענטש טאָר ניט זיין כסדר פאַרשקלאַפט צו זיך אַליין, צו זיין אייגענעם איך. דער ייד שאַפט גאָר נישט אום שבת. מיט דעם, ווייזט אַ ייד, אַז איינמאָל איז זיבן מעג איז ער נישט קיין אַליינינקער הערשער. ער אנערקענט דעם אמתן בעל הבית פון דער גאַנצער וועלט, דעם באַשעפער פון אלעם. מיט דעם שבת ווייזט אַ ייד, אַז אַלע זיינע שאַפונגען און לייסטונגען האָט ער באמת צו פאַרדאַנקען דעם, וואָס שאַפט אַלעם. דאָס איז אַ פונדאַמענט פון דעם פריוואַטן מענטשלעכן גליק און לעבן.

אין שמיטה־יאָר האָט דער ייד פראָקלאַמירט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז ער אנערקענט נישט קיין אַבסאָלוט, פריוואַט אייגנטום. זיין פאַרמעגן, זיינע פעלדער, זיינע גערטנער, אפילו זיינע חובות זענען אין שמיטה יאָר ניט געווען זיינע. אַלע מענטשן זענען אין דעם יאָר

גאַנץ אויסגעגלייכט געוואָרן. אין שמיטה יאָר איז נישט געווען קיין רייכע און קיין אָרעמע. אבסאָלוט פאַרמעגן באַלאַנגט בלויז צו ג-ט. 6 יאָר האָט די מענטשלעכע איני־ציאַטיוו געמעגט טאָן, וואָס זי וויל. אָבער אַ גרעניץ איז געווען פאַר דער פּריוואַטער איניציאַטיוו: זעקס יאָר, נישט מער.

אויב אין די זעקס יאָר האָט פּאַסירט, אַז אַ מענטש האָט זיך ניט געקענט שאַפן קיין שטעלונג אין לעבן. ער האָט זיך נעבעך געמוזט פאַרקויפן צו אַן אַנדערן פאַר אַ קנעכט, האָט די קנעכטשאַפט נישט געקענט געדויערן מער פון 6 יאָר. אין זיבעטן יאָר איז יעדער יידישער קנעכט באַפרייט געוואָרן.

זייט טויזנטער יאָרן האָבן אין פאַרשידענע צייטן, פאַרשידענע מענטשלעכע חכמים געפּרוווט שאַפן פאַר־שידענע נייע, שכלדיקע איינריכטונגען פאַר דעם מענטש און פאַר דער געזעלשאַפט. וואָס האָבן אָבער די אַלע אויסגעקליגעלטע טעאָריעס געבראַכט פּאַקטיש און פּראַקטיש? בלויז, נאָך מער שקלאַפעריי, אומרעכט, שווינדל און באַטרוג.

די גמרא דערציילט: אַ קלוגער גוי איז געקומען צו הלל. ער האָט פאַרלאַנגט: הלל זאָל אים, אין איין זאַץ געבן דעם אינהאַלט פון דער יידישער תורה. הלל האָט אים געענפערט: מה דעלך סני להברך לא תעביד; וואָס דיר איז אומאַנגענעם, זאָלסטו אַ צווייטן נישט טאָן. שפּעטערע מאָראַליסטישע פילאָזאָפן האָבן אויסגעפונען, אַז דער זאַץ

איז נישט פאַלקאָמען. פאַרוואָס זאָל אַ מענטש שטעלן דעם צווייטן גלייך מיט זיך? מעגלעך, אַז דאָס וואָס מיר איז אומאָנגענעם, איז גאָר דעם צווייטן ליב. און בכלל: אויב מיר קען אַ געוויסע זאַך ברענגען נוצן, פאַרוואָס זאָל איך מיך דאַמאָלס רעכנען מיט אַ צווייטן? מוז דען ניט יעדער מודה זיין, אַז ער איז גאָר ניט אומשטאַנד, ליב צו האָבן יענעם „פּונקט" גלייך, ווי זיך אַליין? איז ניט גענוג ליב צו האָבן יענעם, אפילו אַביסל ווייניקער, ווי זיך?

די, און נאָך אַנדערע קשיות האָבן געפירט צו דעם, אַז קאַנט, דער גרויסער מאָראַלישער פילאָזאָף, האָט פאַר־פאַסט זיין אייגענע פאָרמול, דעם באַקאַנטן קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו, וואָס לויטעט: אַלץ, וואָס דו טוסט, טו אַזוי, ווי דאָס וואָלט דורך דיין ווילן געוואָרן אַ נאַטור־געזעץ. דאָס מיינט, אַז נאָר דאַמאָלס איז אַ מענטשלעכע האַנדלונג אַ זיטלעכע, ווען אַלע וואָלטן אַזוי געהאַנדלט און ווען אָט די האַנדלונג וואָלט געקענט ווערן אַ געזעץ פון דער נאַטור.

אין אָט אַזאַ מין פאָרמול, ליגט דאָס אומגליק פון דער היינטיגער וועלט. מען האָט, ווי איר זעט, איבערגעלאָזט יושר, מאָראַל און עטיק צו מענטשן און צו זייער שכל. דאָס מיינט: אויב אַלע וואָלטן געווען רויבער, מערדער, וואָלט רויב און מאָרד געווען יושרדיק.

נישט דאָ איז דער פּלאַץ וועגן דעם צו דערן. אָבער איין זאַך איז כדאי צו דערמאָנען. הלל'ס זאָג, האָט נישט

געהאט קיין שכלדיקן יסוד, נאר א ג־טלעכן. הלל האט געזאגט: דאס, וואס עס איז דיר אומאנגענעם, זאלסטו א צווייטן נישט טאן. ווען מען פרעגט, פארוואס? איז די תשובה, ווייל עס איז ביי יידן נישטא קיין צווייטער. דער צווייטער איז אויך איך. אויב דער צווייטער קען האבן אומאנגענעמלעכקייט, טארסטו עס נישט טאן, ניט צוליב דעם צווייטן, נאר טאקע צוליב דיר אליין. יעדער ייד איז א טייל פון א צווייטן און יעדער צווייטער ייד, איז צוגלייך א טייל פון מיר אליין.

אלע יידן בילדן איין גוף, איין קערפער. פונקט ווי מען קען אין איין גוף ניט שעדיקן קיין שום אבר; אפילו א נאגל אדער א האר אז עס טוט וויי, שפירט דער גאנ־צער גוף, אזוי איז דאס יידישע פאלק. יענעמס שמערץ, מוז מען פילן ווי אן אייגענעם. צו אזא געדאנק קען מען מיט קיין שכל נישט צוקומען, נאר מיט א געטלעכן יסוד און דאס איז יידישקייט.

תרומה

נאָך די סדרות פון בשלח, יתרו און משפטים, קומט די סדרה פון דער היינטיקער וואָך, די סדרה פון תרומה. יידישקייט, איז געבויט אויף דריי פונדאַמענטן: גלויבן אין ג־ט, לערנען תורה און צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק, צו דער יידישער נאַציע. אין אַן אַנדערן נוסח האָט דאָס זעלביקע געזאָגט דער תנא: על שלשה דברים העולם עומד על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים; די יידישע וועלט שטייט אויך דריי יסודות: אויף תורה; אויף עבודה, דאָס איז אמונה אין ג־ט, דער עבודת הקו־דש; און אויף גמילות חסדים, דאָס מיינט: פליכטן, וואָס איינער האָט לגבי דעם צווייטן, סאָציאַלע פאַרהעלטע־נישן, באַגריפן פון פאָלק און נאַציע.

נאָכדעם, וואָס יידן האָבן דערקענט די ג־טלעכקייט ביים ים, ווי עס ווערט געשילדערט אין בשלח; נאָכדעם, וואָס יידן האָבן גענומען די תורה, ווי עס ווערט געשיל־דערט אין יתרו; אויך נאָכדעם, וואָס יידן האָבן געלערנט די דינים און געזעצן, רעכט און קאָנסטיטוציע, וועלכע זענען דער ווינקלשטיין פון פאָלקסטום, קומט די סדרה

פון דער היינטיקער וואך און באפעלט צו בויען א משכן, א הייליקן פלאץ, ווו יידן זאלן פון צייט צו צייט זיך צו־זאמענקומען.

ג־ט, פאלק און תורה, זענען נישט קיין אפגעטייל־טע, באזונדערע באגריפן, נאר זיי מוזן זיך פארייניקן אין איין גאנצעס. קוב"ה ישראל ואורייתא חד הוא; ג־ט, ייד און תורה זענען איינס. ווי אזוי, קען מען די דריי באגריפן פארייניקן? גאר פשוט! מען בויט אויף א בית המקדש, א הויז, ווו אלע דריי קומען זיך צוזאמען. אין דעם הייליקן הויז איז געווען דער: ושכנתי בתוכם; דארט האט ג־ט גערעדט צו משה, דארט איז געהערט געווארן די ג־טלעכע שטימע; אין מקדש זענען געווען: דער ארון מיט די לוחות, דאס איז די תורה; און אין דעם הייליקן הויז זענען יידן זיך צוזאמענגעקומען דארט האבן זיי זיך איינגעזאמלט, געבילדעט א פאלק.

היינט האבן מיר נישט קיין משכן, אויך נישט קיין בית המקדש, אבער מיר האבן אונדזערע בתי מדרשים און אונדזערע שולן. אין דער שול אריין קומט א ייד, קודם כל, כדי אויסצוגיסן זיין הארץ פאר ג־ט — כדי צו הערן די ג־טלעכע שטימע אין זיך אליין. דאן כדי צו הערן א תורה־ווארט. א דרשה, א שיעור — כדי צו לער־נען תורה. און דאן כדי זיך צונויפצוקומען מיט אנדערע יידן, כדי צו זיין פארייניקט — כדי צו בילדן איין פאלק.

דער מדרש אין דער היינטיקער סדרה רעדט זייער א סך, וועגן די באדייטונג פון משכן פאר די יידן. איין

מאמר וויל איך דאָ ציטירן, ווייל ער איז באמת זייער אינטערעסאַנט: ועשו לי מקדש; זיי זאָלן מיר מאַכן אַ מקדש. אמר הקב"ה, ג־ט האָט געזאָגט צו די יידן, איר זייט מיינע שאָף און איך בין אייער פאַסטוך. דערפאַר מאַכט אַ געצעלט פאַר אייער פאַסטוך, ער זאָל קענען אַכטונג געבן אויף זיינע שאָף. אמר הקב"ה, ג־ט האָט געזאָגט צו די יידן, איר זייט מיין וויינגאַרטן און איך בין אייער שומר. דערפאַר מאַכט אַ ביידל פאַר דעם שומר, ער זאָל קענען היטן דעם וויינגאַרטן. אמר הקב"ה ג־ט האָט געזאָגט, איר זייט מיינע קינדער און איך בין אייער פאָטער. דערפאַר מאַכט אַ הויז פאַר דעם פאָטער, ער זאָל קענען זיין לעבן זיינע קינדער. דערפאַר איז געזאָגט געוואָרן: ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.

דריי משלים, ברענגט דער מדרש, כדי אויפצוקלערן די באַדייטונג פון דעם מקדש. אַ משל פון שאָף מיט אַ פאַסטוך. אַ משל פון אַ וויינגאַרטן מיט אַ שומר און אַ משל פון אַ פאָטער מיט קינדער. צו וואָס ברענגט דער מדרש דריי משלים און וואָס באַדייטן די משלים?

דער מדרש וויל דערמיט באַטאָנען, אַז דריי מאָטיוון זענען געווען ביים בוי פון דעם משכן און אַז די זעלבע דריי מאָטיוון דאַרפן תמיד שטיין פאַר די אויגן פון די וואָס ווילן בויען אַ ג־טלעך הויז ביי יידן. קודם קומט דער רעליגיעזער מאָטיוו. אַ שול דאַרף קודם דינען אַלע אַ פאַרבינדונגסאָרט, צווישן מענטש און ג־ט. פונקט ווי די

שאָף געפינען זייער שוץ ביים פּאַסטוך, אַזוי דאַרף דער מענטשן זוכן זיין שוץ אין ג־ט. כבקרת רועה עדרו מעביר צאנו תחת שבטו; דאָס איז דער רעליגיעזער מאָמענט פון אַ ייד. ווען ער איז מתפלל צו ג־ט, פילט ער זיך נישט ווי אַ בלאָנדזשעדיקע שאָף, נאָר ער פילט זיך געשיצט פון אַ פּאַסטוך, וואָס גיט אַכטונג אויף אים.

עס קומט דאַן אַ צווייטער מאָטיוו: די שול דאַרף די־נען אַלס פּלאַץ פאַר פאַרשפּרייטן תורה און יידיש וויסן. נישט אומזיסט רופט מען דעם בית הכנסה: שול. דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָרט דאַרף זיין די שולע פאַר די דערוואַקסענע, דאָרט דאַרפן די עלטערע לערנען און שטודירן תורה און יידיש וויסן. אין אונדזער שלחן ערוך, איז די דרשה פון דעם רב לאחר קריאת התורה, באַ־טראַכט געוואָרן אַלס אַ טייל פון דעם ג־טעסדינסט. פון דעם שטאַנדפּונקט, איז די שול געגליכן, צו אַ כרם, צו אַ ווייננגאָרטן. יינה של תורה; תורה איז וויין. וויין, וואָס עלטער ער איז, אַלץ געשמאַקער, אַלץ בעסער, אַלץ טייערער איז ער. דאָס זעלבע איז מיט תורה. וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צו די עלטערע שאַפונגען אין אונד־זער תורה, וואָס נענטער צום קוואַל, אַלץ ריינער, אַלץ פרישער און אַלץ מער גייסטיקן געניסן האָבן מיר. דער־פאַר קומט דער צווייטער משל פון מדרש, מיט דעם וויינ־גאָרטן און דעם שומר.

צו לעצט קומט דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו: די שול דאַרף דינען צו דעם צוועק, כדי צוזאַמענצוהאַלטן און

צונויפצושמעלצן די יידישע יחידים אין איין גאַנצעם, אין איין פאָלק. דאָס געפיל קומט אַמשטאַרקסטן דאַ־מאָלס, ווען אַלע באַטראַכטן זיך אַלס ברידער, אַלס קינ־דער פון איין טאַטן. דערפאַר ברענגט דער מדרש דאָס דריטע משל מיט אַ פאָטער און זיינע קינדער.

ווייטער ברענגט דער מדרש אַ זייער אינטערעסאַנטן וויכוח, אַ שמועס צווישן די תנאים, בנוגע דעם, וועלכער פסוק אין דער תורה אַנטהאַלט אין זיך אַממייסטן אינ־האַלט; וועלכער פסוק האָט אין זיך אַ סך תוכן. בן זומא האָט געזאָגט: מיר געפינען אין דער תורה איין פסוק, וואָס נעמט אַרום אַ גרויסן אינהאַלט און דאָס איז דער פסוק, שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד. בן ננס האָט גע־זאָגט: מיר געפינען אַ פסוק מיט נאָך אַ גרעסערן אינ־האַלט און דאָס איז דער פסוק ,ואהבת לרעך כמוך; זאָלסט ליב האָבן דיין חבר, ווי דיך אַליין. בן פזי האָט געזאָגט: מיר געפינען אַ פסוק, וואָס נעמט אַרום נאָך אַ גרעסערן אינהאַלט און דאָס איז דער פסוק, את הכבש אחד תעשה בבוקר; איין שעפעלע זאָלסט דו מאַכן אין דער פרי. דער מדרש דערציילט, אַז רבי, רבינו הקדוש. האָט זיך דאָן אויפגעשטעלט און געזאָגט, אַז די הלכה איז ווי בן פזי. דער פסוק פון את הכבש אחד תעשה בבוקר, איז דער אינהאַלטסרייכסטער.

די כוונה פון דעם שמועס איז זייער איינפאַך. די תנאים האָבן געשטרייטעט אין דעם, וועלכער מאָטיוו איז דער שטאַרקסטער און אַממייסטן ווירקזאַמסטער פאַר

דער דערהאַלטונג פון דעם יידישן פאָלק. בן זומא האָט אָנגעוויזן אויף דעם רעליגיעזן מאָמענט, אויף דעם פסוק פון שמע ישראל. דער גלויבן אין איין ג-ט, די יידישע אמונה, דאָס איז דער יסוד, פאַר דעם קיום פון דעם יידישן פאָלק. בן ננס האָט געזאָגט, אַז אמונה אַליין, אָן תורה קען נישט פאַרזיכערן דעם יידישן קיום. דערפאַר האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם פסוק פון ואהבת לרעך כמוך. זיין רבי, רבי עקיבא, האָט שוין לאַנג געהאַט געזאָגט, אַז הילל איז גערעכט געווען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז דער ואהבת לרעך כמוך, איז דער יסוד פון תורה. בן ננס, האָט דעם תורה-מאָמענט געשטעלט העכער פון אמונה. קודם מוז מען טאַקע האָבן אמונה, אָבער תורה מוז קומען. אָן תורה איז נישטאָ קיין געזיכערטער קיום פאַר דעם ייד. בן פזי איז געגאַנגען ווייטער און געזאָגט, אַז צו אמונה און צו תורה, מוז מען נאָך האָבן דעם נאַציאָנאַלן מאָטיוו ,דעם כח פון אחדות. אויב עס איז נישטאָ קיין פאַרייניקונג פון יחידים, אין איין גאַנצעם, קען נישט זיין קיין פאַרזיכערונג, פאַר דעם קיום פון דער יידישער אומה. דער הויפּטמאָטיוו פון דעם בית המקדש. איז לויט בן פזי געווען אָט דאָס, וואָס אַלע יידן האָבן זיך פאַראייניקט. יעדער האָט געגעבן יאָר יערלעך אַ האַלבן שקל און פאַר דעם געלט האָט מען, טאָג טעג־לעך, מקריב געווען דעם קרבן תמיד. איין קרבן פאַר אַלע יידן. די פאַרייניקונג איז געווען די אידעאַלסטע, ווייל זי האָט נישט אָנערקענט קיין שום קלאַסן אונטער־

שיידן; אַן אָרעמער, אַ רייכער, אַ געלערנטער און אַ פּראָסטער מענטש, אַלע האָבן זיך גלייך באַטייליקט אין דעם קרבן תמיד. דאָרט זענען אַלע אויסגעגלייכט געוואָרן. נאָר אַזאַ אחדות געפיל, גיט די זיכערקייט פאַר דעם קיום פון אַ פאָלק.

מיט רעכט האָט רבינו הקדוש זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט, אַז די הלכה איז ווי בן פזי. דער רעליגיע־זער מאָמענט אַליין און אַפילו דער תורה מאָמענט אַליין, זענען נישט אימשטאַנד צו פאַרזיכערן דעם קיום פון דער יידישער אומה. עס מוז קומען דער נאַציאָנאַלער מאָ-מענט, דער אחדות, די פאַראייניקונג פון אַלע יידן אין איין געוויסן אידעאַל, וואָס זאָל זיי כסדר האַלטן פאַריי־ניקט. דאָס איז די גרעסטע און זיכערסטע גאַראַנטיע, פאַר דעם קיום פון דעם יידישן פאָלק.

די געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק לערנט אונז טאַקע, אַז די שיטה פון בן פזי און רבינו הקדוש איז גערעכט. ווי באַקאַנט. איז די געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק איינגעטיילט אין דריי עפּאָכעס, אין דריי תקו־פות: די תקופה פון דעם ערשטן מקדש, די תקופה פון דעם צווייטן מקדש און די איצטיקע תקופה. די תקופה פון דעם ערשטן מקדש, האָט געשטעלט דעם דגש חזק, דעם טראָפּ אויף אמונה .שלמה המלך. ווען ער האָט באַנייט דעם ערשטן מקדש, האָט ער כסדר באַטאָנט בלויז דעם רעליגיעזן מאָמענט ער האָט גערעדט פון רנה, תפלה און תחינה; פון געבעט, געזאַנג און תפי־

לות צו ג-ט, וואָס וועלן פאָרקומען אין דעם הויז. אפילו אַ נישט ייד, אַ פרעמדער, וואָס וועט קומען אין דעם הויז, האָט שלמה פאַרזיכערט, אַז ג-ט וועט דערהערן זיין שטימע. דער ערשטער מקדש, איז געווען אַ בית ד׳, אַ געטלעך הויז, אַ הויז, וואָס האָט דערנענטערט דעם מענטש צו השי״ת. דער צווייטער מקדש, איז געווען בעיקר אַ הויז פון תורה. די סנהדרין, זענען געזעסן אין בית המקדש. די אנשי כנסת הגדולה, די סופרים, די גאַנצע אַנטוויקלונג פון תורה שבעל פה, איז געקומען אין די צייטן פון דעם צווייטן מקדש. ריכטיק באַמערקן אונדזערע חז״ל, אַז דער עבודת השם פון דעם ערשטן מקדש האָט נישט געקענט פאַרזיכערן זיין קיום. דער ערשטער מקדש איז חרוב געוואָרן, דורך דעם חטא פון עבודה זרה. אמונה אַליין, אָן תורה, קען גאָר אַראָפּפירן פון דעם וועג פון השי״ת און חלילה ברענגען צו ע״ז. דער צווייטער בית המקדש, האָט געהאַט תורה. אָבער תורה אַליין איז אויך נאָך נישט קיין גאַראַנטיע פאַר דעם קיום. אין די צייטן פון צווייטן מקדש, האָבן יידן זיך אַרומגעריסן אין פאַרשידענע פאַרטייען און סעק־טעס. דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, דורך שנאת חינם. די אמתע יידישע גאולה, די אמתע פאַרזיכערונג פון דעם קיום פון יידישן פאָלק, וועט קו־מען ערשט דאַמאָלס, ווען צו אמונה און צו תורה, וועט נאָך צוקומען דער נאַציאָנאַלער מאָמענט. ווען אַלע יידי־שע קינדער, וועלן זיך פאַרייניקן אין איין געמיינזאַמען

כח, אין איין אידעע, װען אַלע װעלן געדענקען, אַז מיר זענען ברידער, קינדער פון איין טאַטן און אַלע קומען מיר אין דעם בית הכנסת, װאָס איז די היים פון אונד־זער טאַטן. קוב״ה, אורייתא וישראל חד הוא, דאָס איז דער סוד פון דער יידישער אייביקייט.

ת צ ו ה

אויך די סדרה פון דער היינטיקער וואָך רעדט פון דעם משכן. אָבער דער אינהאַלט איז אַן אַנדערער. די היינטי־קע סדרה רעדט נישט פון דעם בוי פון דעם משכן, נאָר פון דעם ג־טעסדינסט, פון דער עבודה, וואָס איז פאָרגעקומען אין משכן. פון דער געביידע גייט איבער די תורה צו די מענטשן, וואָס האָבן באַדאַרפט אויספירן די הייליקע טעטיקייט, וואָס איז פאָרגעקומען אין משכן. די פסוקים דערציילן אונדז, אַז אהרן הכהן איז באַשטימט געוואָרן פאַר דעם צוועק. אויב ביז אהער האָבן מיר באַגעגנט אהרן הכהן, בלויז אַלס אַ באַגלייטער פון משה רבינו, בלויז אַלס זיין געהילף, זעען מיר אים פון איצט אָן און ווייטער, אַלס זעלבסטשטענדיקע, לייטענדיקע פערזענלעכקייט, וואָס פירט אַליין אָן מיט דער עבודה אין משכן.

מערקווירדיק קלינגען די ווערטער פון דער תורה. דער רבש״ע זאָגט צו משה: ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך ואת בניו אתו; און דו מאך גענענען צו דיר דיין ברודער

אהרן און זיינע זין מיט אים, כדי זיי זאָלן זיין כהנים צו מיר. עס איבערראשט אונדז, נישט בלויז דאָס, וואָס דער פסוק זאָגט, נאָר פיל מער דאָס, וואָס דער פסוק פאַרשווייגט. חז״ל באַמערקן, אַז אויסער דעם אָנזאָג צו מאַכן אהרן און זיינע קינדער פאַר כהנים, ליגט אין די ווערטער אויך אַן אָנדייט צו משה רבינו, אַז נישט ער און ניט זיינע קינדער וועלן זיין כהנים. פאַר אהרן אַליין און פאַר אהרנס קינדער, בלייבט די כהונה אויף אייביק. חז״ל האָבן פאַרשידענע דרשות וועגן דעם ענין. איך וויל זיך אָפּשטעלן בלויז אויף אַ פּאָר אינטערעסאַנטע באַמערקונגען פון חז״ל.

לויט די פסוקים פון דער תורה, הייסט עס, אַז משה רבינו האָט אויפגעשטעלט דעם משכן. משה רבינו האָט אויך מחנך געווען דעם משכן און אין די ערשטע זיבן טעג האָט ער אויך אויסגעפירט די טעטיקייט פון כהן גדול. דאַן האָט ער באַקומען דעם באַפעל פון השי״ת, זיך צוריקציען פון דער שטעלע און איבערצוגעבן די כהונה צו זיין ברודער אהרן. מיט וואָס האָט אהרן זוכה געווען צו דער גדולה? מיר האָבן ביז איצט זיך זייער ווייניק באַגעגנט מיט דער פּערזענלעכקייט פון אהרן און מיר קענען דערפאַר נישט אַרויסברענגען די גרויסע אייגנשאַפטן זיינע, וואָס האָבן אים באַרעכטיקט צו דער שטעלע. חז״ל קומען אונדז צו הילף און זיי ווייזן אונדז אָן, אין וואָס עס איז באַשטאַנען אהרנס גרויסקייט.

דער מדרש זאָגט: בשעת, ווען ג־ט האָט געזאָגט צו

משה אין מדין, ער זאָל גיין קיין מצרים אויסלייזן די
יידן, דאַמאָלס איז די ג-טלעכע שטימע געווען געטיילט
אין צוויי טיילן. זי איז געהערט געוואָרן פון ביידע ברי־
דער: פון משה און פון אהרן. משה האָט געהערט די
שטימע, וואָס האָט אים גערופן צו גיין קיין מצרים
און אהרן האָט געהערט די שטימע, וואָס האָט אים
גערופן, ער זאָל גיין פון מצרים, משהן אַנטקעגן. אהרן
איז באַלד געגאַנגען אַנטקעגן משהן. דאָס מיינט דער
פסוק: חסד ואמת נפגשו, צדק ושלום נשקו;
דער חסד האָט זיך באַגעגענט מיט דעם
אמת און דער צדק האָט זיך געקושט מיט
דעם שלום. משה רבינו, האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך
דעם אמת און דעם צדק. אהרן דאַקעגן איז געווען דער
רעפּרעזענטאַנט פון שלום און חסד. ביי אהרן שטייט:
בשלום ובמישור הלך אתי, אויך ווערט אהרן אָנגע־
רופן איש חסידך. דאַקעגן אויף משה רבינו זאָגט די
תורה: צדקת ד" עשה ומשפטיו עם ישראל. אויך שטייט
ביי משה רבינו: נאמן הוא, דאָס מיינט: אמת.

דער מדרש דערקלערט דאַן דייטלעך, אַז משה און
אהרן די צוויי גרויסע פירער, וואָס האָבן אויסגעלייזט
די יידן פון מצרים, זענען געווען צוויי באַזונדערע כאַ־
ראַקטערן, וואָס האָבן סימבאָליזירט צוויי מערקווירדי־
קע שטריכן פון כאַראַקטער. אויב דער כאַראַקטערשטריך
פון משה רבינו, איז געווען נויטיק ביים באַפרייען די יידן
פון מצרים און ביים געבן די תורה, אין דער כאַראַקטער־

שטריך פון אהרן געווען נויטיק ביי דער כהונה פונעם יידישן פאָלק.

וואונדערלעך שילדערט דער מדרש די באַשאַפונג פון דעם מענטש. דער מדרש זאָגט: איידער דער רבונו של עולם איז געגאַנגען באַשאַפן דעם מענטש, האָט ער זיך פריער בּאַראַטן מיט די מלאכים: צו יאָ באַשאַפן דעם מענטש, צו ניט באַשאַפן דעם מענטש. צווישן די פאַרשידענע מלאכים, וואָס געפינען זיך אין הימל, איז דאָ אַ מלאך, וואָס איז דער מלאך האמת, דער רעפּרעזענטאַנט פון אמת. ער ווייסט בלויז פון אמת. אָט דער מלאך האָט זיך קעגנגעשטעלט קעגן דער שאַפונג פון אַ מענטש. ער האָט געטענהט: אל יברא! נישט באַשאַפן קיין מענטש־ווייל דער מענטש איז בלויז שקר, בלויז פאַלשקייט. אין הימל איז אויך דאָ אַ מלאך וואָס שטעלט פאַר דעם שלום. ער ווייסט נישט פון קיין מחלוקת. ער איז בלויז שלום, דורך און דורך שלום. אויך דער מלאך איז געווען אַ קעגנער פון דער שאַפונג פון אַ מענטש. ער האָט געטענהט: אל יברא! נישט שאַפן קיין מענטש! דער מענטש איז דורך און דורך אַ קריגער, אַ בעל מחלוקת. דער מדרש דערציילט, אַז ג־ט ב״ה האָט דאָך באַשלאָסן דעם מענטש צו באַשאַפן און ער האָט דעם אמת באַשטראָפט. ער האָט אים אַ שליידער געטאָן צו דער ערד. די וועלט פרעגט: פאַרוואָס האָט ג־ט באַשטראָפט דעם אמת און ניט דעם שלום? האָט דאָך אויך דער שלום געטענהט אַז ער איז קעגן באַשאַפן דעם מענטש? די

מפרשים טייטשן, אז דער אמת און דער שלום זיינען נישט געקומען מיט קיין באַזונדערע טענות נאָר זיי זענען געקומען צוזאַמען. זיי האָבן געזאָגט, אַז מיט דער באַשאַפונג פון דעם מענטש, וועט אמת מיט שלום קיינ־מאָל נישט קענען הויזן צוזאַמען. אָדער דער מענטש וועט זיין אַ בעל אמת און וועט יעדן זאָגן דעם אמת וועט ער זיך האַלטן אין איין אַרומקריגן. עס וועט דאַמאָלס קיין שלום נישט עקזיסטירן. אָדער דער מענטש וועט וועלן האָבן שלום, וועט ער מוזן פאַרבייגן אויף דעם אמת. ער וועט זאָגן כסדר ליגן כדי צו לעבן בשלום. עס איז געווען בלויז איין טענה, ניט קיין צוויי.

דערפאַר האָט דער רבש״ע גענומען דעם אמת און אים געוואָרפן צו דער ערד. אַז מען וואַרפט אַ זאַך צו דער ערד, צעברעכט זי זיך. דאָס האָט דער רבש״ע גע־טאָן. ער האָט געוויזן, אַז דאָ אויף דער וועלט ווו דער מענטש לעבט מוז נישט זיין קיין גאַנצער אמת. עס איז גענוג אַ צעבראָכענער אמת, אַ שטיקל אמת, אבי עס זאָל זיין שלום.

אמת מיט צדק, מיט אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, זע־נען די העכסטע אַטריבוטן. אָבער נישט אין דער עלמא דשקרא, אין וועלכער עס לעבן די פשוטע בשר ודמם. דאָ אין דעם צוזאַמענלעבן פון מענטשן, איז נויטיק דער חסד און שלום, די מדה פון אהרן הכהן.

אין אונדזערע קבלה ספרים, איז משה רבינו דער מדת הנצח, אהרן איז דער מדת ההוד. נצח איז אייבי־

קייט. זיכער איז אמת און אַבסאָלוטע גערעכטיקייט איי־ביק. אָבער הוד, פּראכט, גלאַנץ איז גאָר עפּעס אַנדערש. שלום איז פּרעכטיק. אָבער ער איז נישט אייביק. דאָס וואָס עס ברענגט דעם שלום היינט, קען ברענגען צו מחלוקת מאָרגן.

ווען דער רבש"ע זאָגט צו משה, ער זאָל גיין אויס־לייזן די יידן פון מצרים, זאָגט ער זיך אָפּ פון דער שלי־חות. משה, אַלס דער אמתער, אַבסאָלוט גערעכטער מאַן, זעט ניט איין, אַז די יידן זענען ראוי אויסגעלייזט צו ווערן. ער קען זיי, די יידן. ער האַלט אַז עס איז נאָך ניט געקו־מען די צייט יידן זאָלן אויסגעלייזט ווערן. דער רבש"ע זאָגט אים, ער זאָל גיין, ער וועט באַגעגענען אהרן און אהרן וועט זיך פרייען מיט דער בשורה, אַז יידן ווערן אויסגעלייזט. וראך ושמח בלבו; אהרן וועט זיך נישט רעכענען מיט דעם אמת און נישט מיט דער אַבסאָלו־טער גערעכטיקייט. ער וועט זיך רעכענען מיט דעם הארץ, מיט דעם חסד, מיט דעם געפיל, וואָס וויל נישט וויסן פון קיין הונדערטפּראָצענטיקן אמת. עס איז גענוג אַ שטיקל אמת. דאָס שטיקל אמת זאָגט אונדז, אַז אמת, יידן שטייען נאָך אויף אַ נידעריקער מדרגה, אָבער זיי זענען נישט אינגאַנצן שולדיק. דער מצב, די לאַגע, די נויט, דאָס האָט געברענגט זייער געפאַלנקייט. אהרן פאַרבייגט דעם אמת, צוליב דעם חסד און שלום.

ווונדערלעך שילדערט דאָן דער מדרש די גרויסקייט פון אהרן, בשעת יידן האָבן געמאַכט דעם עגל. אַ קליינ־

קייט! יידן, נעמען גאָלד און גייען מאַכן אַ געצנבילד, כדי דערצו צן דינען. אַט האָבן זיי דאָך ערשט געהערט דעם, לא תעשה לך פסל און פלוצים אַ גאָלדן קאַלב? משה רבינו. ווען ער האָט דערזען די מעשה, איז ער אַרוים פון די כלים און האָט צעבראָכן די לוחות, וואָס ער האָט באַקומען פון ג־ט. אהרן דאַקעגן, ווען ער האָט געהערט ,אַז יידן רעדן פון אַן עגל, האָט ער גאָר געזאָגט: הערט יידן! אַן עגל? מהיכי תיתי! אָבער, ברענט נישט! וואַרט צו אַביסעלע! ווער איז נאָך דאָ, אַ גרעסערער מומחה פון מיר אין ענינים פון ג־טלעכע דינסטן? אהרן האָט גאָר אַליין גע־זאַמלט דאָס גאָלד פאַר דעם עגל. ער האָט זיך געשפּילט ביים מאַכן. ער האָט געקלאַפּט מיט דעם האמער, כדי צו פאַרשלעפּן און פאַרצעגערן דעם ענין. משה רבינו, דער בעל האמת, בייזערט זיך אויף אהרן. משה רבינו, קען ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קען זינדיקן קעגן דעם אמתן אמת. די בעסטע כוונות, קענען נישט פאַרטיידיקן גאָר אַזאַ שקר, ווי אַן עגל. אהרן אָבער פאַרשטייט, אַז יידן ווילן נישט קיין עגל. באמת זענען די יידן גאָר ווייט פון אַזאַ נאַרישקייט, ווי אַן עגל. נאָר וואָס דען? עס איז זיי באַפאַלן אַ מאָמענטאַלער־שגעון. דאַרף מען, צוליב דעם, זען מיט אַלע מיטלען דאָס פאָלק צו רעטן און זיי אַרויסצופירן צום אמת.

אהרן פאַרשטייט די יידישע נשמה, דאָס טאָגטעגלע־כע לעבן פון דעם ייד און פאַרטיידיקט אפילו די מ״ט שערי טומאה, אין וועלכע יידן זענען געווען משוקע אין

מצרים. ביי משה רבינו אָבער דויערט עס גאַנצע זיבן טעג, ביז ער גייט קיין מצרים. דערפאַר זאָגט דער מדרש, אַז הקב״ה האָט געזאָגט צו משה: חייך שאני נפרע ממך; איך שווער דיר, אַז איך וועל דיר אָפּצאָלן פאַר דעם. די באַצאָלונג איז געקומען איצט, ווען דער משכן איז געשטאַנען און מען האָט געדאַרפט טאָן די עבודה. אָבער דאַן האָט הקב״ה געזאָגט, אַז אהרן זאָל דאָס איבערנעמען. משה רבינו, דער אמת און דער משפט קען נישט טאָן קיין עבודה אין בית המקדש, טאָג טעג־לעך אָננעמען קרבנות פון מענטשן, וואָס קומען זיך מודה זיין אין זייערע זינד. משה רבינו, ווען ער וואָלט געוועזן געהערט די אַלע מעשים טובים פון יידן, וואָס פלעגן קומען מיט זייערע קרבנות, וואָלט ער פון שטאַנדפּונקט פון אמת נישט געוועזן געקענט די עבודה טאָן. צו דעם האָט מען געדאַרפט אָן אהרן, דעם מדת ההוד, מדת החסד, דעם אהרן, וואָס האָט געקענט טראָגן אויף זיין הארץ די נעמען פון אַלע יידן, אויסגעקריצט אויף דעם חושן. על לבו, לזכרון לפני ד׳ תמיד; אהרן האָט אויף זיין האַרץ געטראָגן אַלע יידן, אפילו די זינדיקסטע. פאַר אַלע האָט ער געבעטן, פאַר אַלע האָט ער מכפר געווען. דאָס האָט געקענט נאָר אהרן. מיר דאַרפן זיך פאַרטיפן אין די ווערטער פון חז״ל, וועלן מיר פיל פון זיי לערנען.

ת ש א

די סדרה פון דער היינטיקער וואָך שילדערט פאַר אונדז די מעשה פון דעם עגל. אין דער גמרא און אין דעם מדרש רופט זיך דאָס: אותו מעשה. מערקווירדיק! חז״ל, האָבן זיך פאַראינטערעסירט, נישט בלויז מיט דעם עצם פאַקט פון מאַכן אַן עגל, נאָר פיל מער מיט דער אייגנשאַפט פון די יידן, וואָס האָט זיי געבראַכט דערצו, צו קענען מאַכן אַ עגל. אין אונדזער היינטיקער סדרה ווערן יידן צום ערשטן מאָל אָנגערופן: עם קשה עורף. פיר מאָל באַנוצט זיך דער פסוק מיט דעם טיטול לגבי יידן.

כדאי זיך אַמאָל אָפּצושטעלן אויף דער באַדייטונג פון אָט דעם טיטול. דער נאָמען עם קשה עורף, איז אריין ביי אונדז אין אונדזער טאָג-טעגלעכער שפּראַך. מיר באַדינען זיך מיט אים כסדר, דערפאַר גיבן מיר זיך כלל קיין רעכענונג נישט אָפּ, וואָס אָט דער אויסדרוק מיינט; וואָס פאַר אַן אינהאַלט ער האָט אין זיך. אייגנטלעך איז נישט צו פאַרשטיין, וואָס אָט דער אויסדרוק מיינט; וואָס פאַר אַן אינהאַלט ער האָט אין זיך. אייגנטלעך

איז נישט צו פאַרשטיין, וואָס האָט דער נאָמען צו טאָן מיט דער מעשה פון דעם גאָלדענעם קאַלב? וואָס פאַר אַ פאַרבינדונג האָט די געשיכטע פון דער מעשה, אַז יידן האָבן זיך געמאַכט אַן עגל, מיט דער אייגנשאַפט פון עם קשה עורף? דאַכט זיך, אַז האַרטנעקיקייט האָט ווייניק וואָס צו טאָן מיט טאַנצן אַרום אַ גאָלדענע קאַלב? פאַרקערט: שפּרינגען אַרום אַ געטש איז מער לייכטזין, ווי האַרטנעקיק? די מעשה פון דעם עגל, וואָס יידן האָבן געמאַכט, קוים 40 טעג נאָך מעמד הר סיני, איז זיכער אַ גרויסער שאַנדפלעק אויף דעם יידישן פאָלק. אַ קלייניקייט! אָט זענען יידן ערשט מיט אמתער, ג-טלעכער קראַפט באַפרייט געוואָרן פון מצרים; אָט האָבן זיי ערשט געזען נסים ונפלאות, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזוינס נישט געהערט. אָט זענען זיי געשטאַנען ביים באַרג סיני און געהערט די ג-טלעכע שטימע פון עשרת הדברות מיט דעם: לא תעשה לך פסל, און פּלוצים גאָר, אַ גאָלדענע קאַלב? יידן בוקן זיך צו אַן עגל און טאַנצן און זינגען אַרום אַ: תבנית שור אוכל עשב; אַרום אַ גראָז פרעסנדיקן קאַלב. אמת, זייער מיאוס! אָבער: צי איז דאָס, אָדער צי קען דאָס זיין, די קאָנסעקווענץ פון האַרטנעקיקייט, שטייפקייט און אומבויגיקייט?

יאָ! דער עגל איז געווען די דירעקטע קאָנסעקווענץ פון עם קשה עורף מיר דאַרפן דעם אויסדרוק בלויז ווערטלעך צו איבערזעצן, וועלן מיר טאַקע באַלד אויסגעפינען די אמתע סבה פון דעם עגל. די טייטש פון עם

קשה עורף איז: אַ פּאַלק מיט אַ האַרטן נאַקן. דאָס מיינט: אַ שטייפן, אומבויגזאַמען נאַקן. ווען אַן איינ־צעלנער מענטש ווערט געבוירן מיט האַרטן נאַקן, קען ער זיין קאָפּ קיינמאָל ניט אויסבייגן, ער קען אים נישט באַוועגן, ער קען אים נישט אויסדרייען אויף צוריק; ער קען אפילו נישט קוקן אויף דער זייט. אַ מענטש, מיט אַ שטייפן האַלדז, קען בלויז זען דאָס, וואָס עס ליגט פאַר אים, אָבער קיינמאָל נישט דאָס, וואָס עס איז הינטער אים. ער זעט נישט דאָס, וואָס געפינט זיך הינטער זיין רוקן. ער קוקט נאָר מיט אַ גלייכער ליניע פאָרויס, אָבער נישט צוריק. דעם צוריק זעט ער ניט.

אַ יחיד, קען זיין פיזיש געבוירן מיט אַזאַ דעפעקט פון האָבן אַ גלייכן ,שטייפן רוקן און נישט קענען קוקן אויף צוריק. ער קען אָבער אויך זיין פסיכיש געבוירן מיט דעמזעלבן דעפעקט. ווען אַ מענטש איז געבוירן מיט דעם פעלער פון שכחה, פון פאַרגעסנקייט, איז ער אויך גלייך צו איינעם, וואָס האָט אַ שטייפן נאַקן און ער קען זיך נישט אויסדרייען צום עבר, צו דעם, וואָס עס איז שוין געווען. ער קוקט נאָר פאַר זיך, אָבער נישט הינטער זיך. אַזאַ מענטש דענקט נאָר פון דעם מאָרגן און געדענקט ניט אין דעם נעכטן. נישט געדענקען דעם נעכטן, הייסט אויך: נישט לערנען פון דעם נעכטן, נאָר יעדן טאָג אָנהויבן פון דאָסניי. אַ יחיד, וואָס איז גע־שלאָגן מיט דער מדה פון שכחה, ווערט קיינמאָל נישט קליגער. ער מעג אפילו לעבן מתושלחס יאָרן וועט ער

אויך קיינמאָל נישט זיין קליגער פון אַ קליין קינד, וואָס איז ערשט געבוירן געוואָרן. דאָס, וואָס עס איז מיט אַן איינצעלנעם מענטש, איז אויך מיט אַ גאַנץ פאָלק. אויך אַ פאָלק טאָר נישט האָבן קיין שטייפן נאַקן, טאָר נישט חלילה זיין געשטראָפט מיט שכחה. אַ פאָלק מוז האָבן אַ זכרון. אָן אַ זכרון קען אַ פאָלק נישט קליגער ווערן. עס מעג זיין ווי אַלט, אויב עס פאַרגעסט אין זיין עבר, איז עס ווי אַ קינד, וואָס איז ערשט היינט געבוירן געוואָרן און קען זיך אַליין גאָר ניט העלפן. פון וואַנען זאָל עס וויסן, ווי אַזוי זיך צו העלפן, אַז דאָס, וואָס עס האָט שוין אַמאָל דורכגעמאַכט איז געגאַנגען אין פאַרגעסנהייט און איז נישטאָ מער ביי אים אין זכרון. ווען עס איז נישטאָ קיין עבר, קען נישט זיין עתיד. אַ בליק אויף דער פאַרגאַנגענהייט איז פונקט אַזוי וויכטיק ווי דער בליק אויף דער צוקונפט. דאָ ליגט די אייביקע שוואַכקייט פון דעם יידישן פאָלק. אָט די קראַנקהייט האָט זיך אַרויסגעשטעלט ביי יידן, תיכף ביי זייער אַרויסגאַנג פון מצרים. לויט דעם חשבון פון די יידן, האָט משה רבינו זיך פאַרשפּעטיקט מיט אַ טאָג. אמת, די יידן זענען דאַמאָלס געווען אין אַ מדבר; זיי האָבן געמוזט האָבן אַ פירער און האָבן אָן אַ מנהיג ניט געקענט עקזיסטירן. אָבער, נאָך איין טאָג אָפּוועזנהייט, אַזוי צו פאַרגעסן און צו זאָגן: כי זה משה האיש לא ידענו מה היה לו: משה דער מאַן, מיר וויסן גאָר נישט, וואָס עס איז מיט אים געשען. אַזאַ שכחה, איז נאָר אַ קאָנסעק-

ווענץ פון נישט קענען קוקן אויף צוריק. מיט רעכט זאָגט הקב"ה צו משה רבינו: ראיתי את העם הזה והנה הוא עם קשה עורף; איך זע, אַז דאָס פאָלק האָט אַ שטייפן נאַקן און איז נישט פעאיק אויף אויסצודרייען זיך צום נעכטן. אמת, עס געפינט זיך אין אַ שווערע לאַגע. עס מוז אָבער געדענקען, אַז עס איז שוין געווען אין אַ סך ערגערע פאַרהעלטענישן און עס איז אַרויס פון די צרות. עס דאַרף דערפאַר לערנען פון זיין עבר. אויב עס לערנט נישט פון זיין עבר, איז עס אַן עם קשה עורף, עס בליקט נישט אויף צוריק.

חז"ל זאָגן: אין לך פורעניות באה על ישראל שלא יהיה בה ממעשה העגל; יעדע צרה, וואָס קומט אויף יידן האָט אין זיך שפורן פון דעם מעשה העגל. דער אומגליק פון יעדער צרה ביי יידן איז, וואָס זיי דערבליקן די צרה ערשט, ווען זי איז שוין דאָ. ווען יידן וואָלטן אָבער געדענקט אין זייער עבר, וואָלטן זיי אַ סך צרות אויסגעמיטן. יידן זענען געווען אין מצרים און האָבן געקענט די מענטשלעכע רשעות פון פרעהס גרויזאַמקייטן, אָבער ווען עמלק קומט אויף יידן שטייט: אשר קרך. קרך מיינט, עס האָט דיך געטראָפן אומגעריכט, ווי אַראָפּגעפאַלן פון הימל. אויך ביי המן שטייט: את כל אשר קרהו; וואָס עס האָט די יידן פלוצלונג געטראָפן. יידן, אויב עס שיינט פאַר זיי אויף אַ ליכט פון פרייהייט, זענען זיי עלול צו פאַרגעסן אין אַלעם, וואָס האָט זיי פּאַסירט. דאַן, ווען עס קומט חלילה אַן

עת צרה, פאַרלירט מען די הענט און מען ווייסט גאָר נישט, וואָס צו טאָן. יידן זענען אָן עם קשה עורף, אַ פאָלק מיט אַ שטייפן נאַקן; זיי קענען נישט אויסדרייען זייערע קעפּ צו דעם עבר און פון אים עפּעס לערנען.

אונדזער משנה זאָגט: הוי רץ כצבי וגבור כארי. דו זאָלסט לויפן ווי אַ הירש און זיין שטאַרק ווי אַ לייב. איינער פון אונדזערע דענקער זאָגט, אַז די כוונה איז: אַ הירש לויפט פאָרווערטס. אָבער ווען ער לויפט, האָט ער אַ טבע תמיד צו בליקן אין די זייטן און הינטער זיך. נישט בלויז, ווען ער אַנטלויפט פאַר אַ שונא, נאָר אפילו ווען ער לויפט זוכן עסן, קוקט ער זיך כסדר אום. דאָס מיינט דער תנא: דער מענטש דאַרף זיין אַ רץ. ער דאַרף לויפן פאָרווערטס אָבער נאָר דאַמאָלס, ווען ער איז רץ כצבי, ווען ער קוקט זיך אום, ווייל נאָר ביי אַזאַ לויפן, קען מען ווערן אַ גבור כארי; שטאַרק ווי אַ לייב. אָבער ווען מען לויפט נישט כצבי, נאָר מען לויפט סתם אין דער וועלט אַריין, קען מען נישט זיין קיין גבור כארי.

אונדזער גמרא האַלט דערפאַר נישט פון דעם, וואָס וויל זיין בלויז אַ נביא און וויל נאָר וויסן דעם עתיד. ער רעכנט זיך נישט מיט דעם, וואָס עס איז געווען, נאָר קוקט אין דער צוקונפט. די גמרא זאָגט: חכם עדיף מנ־ביא; דער חכם שטייט העכער פון דעם נביא. זיכער איז, אַז דער נביא וואָס פאַרמאָגט הכמה אויך, שטייט העכער פון דעם בלויזן חכם. אָבער אַ נביא וואָס האָט אין זיך קיין שום חכמה נישט, נאָר אָפּערירט מיט נביאות פון

צוקונפט, דער שטייט נידעריקער פון דעם בלויזן חכם. דער מענטש איז געשאפן מיט צוויי אויגן דערפאר, אז תמיד ווען ער קוקט, זאל ער קוקט מיט ביידע. מיט איינעם זעט ער די צוקונפט, זאל ער פארדאם מיט דעם צווייטן זען אויך דעם עבר און נאר פון דער קאמבינאציע פון ביידע, זאל ער זיך שאפן זיין דעציזיע. בלעם סומא באחת מעינו היה. אויף דעם נביא בלעם זאגט די גמרא, אז ער איז געווען בלינד אויף איין אויג ער האט געקוקט בלויז מיט איין אויג, בלויז אין נביאישער צוקונפט און האט זיך מיט דעם עבר נישט גערעכנט. אזא נבואה קענען אפילו די שוטים אויך האבן. א נאר, זאגט די וועלט, איז א האלבער נביא. די נאראנים, ווענדן זייערע בליקן בלויז אין צוקונפט אליין, זיי בויען זיך דערפאר גאנצע לופט שלעסער, זיי מיינען, זיי וועלן איינגעמען וועלטן. זיי האבן נישט קיין דערפארונג. זיי רעכענען זיך נישט מיט דער פארגאנגענהייט. איזהו חכם, הרואה את הנולד. מיט רעכט ווערט דער מאמר אויסגעטייטשט, אז דא איז געמיינט א טיפע כוונה. עס שטייט נישט הרואה את הוולד; דער, וואס זעט דאס געבוירענע, נאר את הנולד; דאס געבוירן ווערן. דער חכם קוקט נישט אויף דעם געבוירענעם אליין, דער געבוירענער אליין, דאס איז די צוקונפט. דער חכם קוקט אויף דעם נולד, אויף דעם געבוירן ווערן. אויף דעם פראצעס פון דעם געבוירן ווערן. פון דער פארגאנגענהייט ווייסט ער, ווי אזוי עס ווערט געבוירן. עס מוזן פריער זיין סבות

צו דער געבורט. ווען מען באַקענט זיך מיט די סיבות, דאַמאָלס פאַרשטייט מען ערשט דאָס געבוירענע, די צו־קונפט.

די יידישע געשיכטע לערנט אונדז, אַז דעם שיינעם טיטול פון עם קשה עורף, האָבן מיר זיך כשר פאַרדינט, יידן, האָבן נישט איינמאָל אין זייער געשיכטע געמוזט פאַרלאָזן די לענדער, ווו זיי האָבן געהאַט זיך איינגע־בירגערט. אָבער תמיד, ווען זיי זענען געקומען אין אַ ניי לאַנד און עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז עס בלאָזן לי־בעראַלע ווינטן, האָבן זיי באַלד באַקומען אַ האַרטן שטייפן נאַקן און פאַרגעסן אין זייער עבר. זיי האָבן בלויז געקוקט אין דער צוקונפט און געטראַכט, וואָס מער זיך דאָרט צו פאַרזאָרגן פאַר דעם עתיד. זיי האָבן אַלע זייערע כוחות אַוועקגעגעבן אין די נייע לענדער, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען זיכער, אַז דאָס, וואָס האָט פּאַסירט אַמאָל, קען קיינמאָל מער ניט פאַרקומען. דער מדרש טייטש; עם נבל ולא חכם; אויב אַ פאָלק דענקט ניט פון דעם עתיד, איז עס אַ נבל. ווען עס געדענקט אָבער נישט דעם עבר, איז עס: ולא חכם.

אויב יידן זוכן היינט נייע אידעאַלן און נייע אָפּגע־טער, מיינענדיק, אַז זיי זענען אַ רפואה פאַר דער צו־קונפט, איז דאָס אויך נישט מער, ווי יענער עגל, וואָס יידן האָבן אַמאָל געמאַכט, פאַרגעסנדיק אין דער גאַנ־צער וואונדערלעכער יציאת מצרים. דער האַרטער נאַקן, וואָס מיר פאַרמאָגן איז שולדיק אין אונדזערע אַלע אומ־

גליקן, נאָר אויף דעם וועג פון אונדזער גלאָרייכן, הער־
לעכן עבר וועלן מיר דערגרייכן אונדזער ליכטיקע צו־
קונפט.

ויקהל-פקודי

אין היינטיקן שבת לייענען מיר צוויי סדרות: ויקהל און פקודי. ביידע סדרות רעדן פון דעם אויפבוי פון דעם משכן. חז"ל, וועלכע האָבן אַריינגעדרונגען טיף אין יעדן וואָרט פון דער תורה, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מערקווירדיקן אויסדרוק, וואָס געפינט זיך אין ביידע סדרות. די סדרה פון ויקהל דערציילט, אַז משה האָט איינגעזאַמלט אַלע יידן און זיי געזאָגט: אלה הדב־רים אשר צוה ד'; דאָס זענען די רייד, וואָס ג־ט האָט באַפוילן. דאָס ערשטע וואָרט פון דער סדרה ויקהל איז, ווי מיר זעען, דאָס וואָרט: אלה. די סדרה פון פקודי הויבט זיך אויך אָן מיט: אלה פקודי המשכן: אָט דאָס זענען די איבערציילונגען פון משכן. מיר זעען ווייטער דעם וואָרט: אלה. פאַרוואָס האָט די תורה, אין די צוויי סדרות, באַלד אין אָנהויב, זיך באַדינט מיט דעמזעלבן וואָרט אלה? הז"ל ענטפערן: אמר הקב"ה לישראל באלה הכעסתם אותי שנאמר אלה אלהיך ישראל ובאלה אני מתרצה לכם; ג־ט האָט געזאָגט צו די יידן: מיט דעם וואָרט „אלה", האָט איר מיך אַמאָל דערצערנט. איר

האָט געמאַכט אַן עגל און געשריגן: אלה אלהיך; דאָס איז דיין גאָט. דערפאַר מוזט איר, מיט דעמזעלבן וואָרט, גוט מאַכן אייער זינד. די כוונה פון דעם דרש איז: מיט דעם וואָרט „אלה אלהיך", זענען יידן דאָך אַמאָל אַראָפּ פון דעם גלייכן וועג און געפאַלן אַזוי נידעריק ביז צו געצנדינסט. דערפאַר דאַרפן זיי מיט דעם זעלבן וואָרט זיך אומקערן צום דרך הישר און גוט מאַכן דאָס, וואָס זיי האָבן אַמאָל פאַרדאָרבן.

פון די פאַרשידענע דרשות, אין דער גמרא און אין מדרש, זעט זיך אַרויס, אַז חז"ל האָבן געהאַלטן, אַז אַזוי דער אלה פון ויקהל, וואָס רעדט פון די דינים פון שבת, ווי אויך דער אלה פון פקודי, וואָס רעדט פון דעם בוי פונעם משכן. ביידע אלהס, קומען גוט מאַכן יענעם שלעכטן „אלה", וואָס איז געזאָגט געוואָרן ביים מאַכן דעם עגל. שבת און משכן, זענען לפי זה געווען אַ תיקון פאַר דעם מעשה העגל.

כדאי זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דעם. וואָס האָט אייגנטלעך שבת, אָדער משכן צו טאָן מיט דער מעשה פון דעם עגל? פאַרוואָס האָט דווקא שבת, אָדער דער משכן געהאַט אין זיך דעם כוח גוט צו מאַכן דעם חטא פון דעם עגל?

באמת, איז די מעשה פון דעם עגל זייער נישט פאַרשטענדלעך. ווי קומט דאָס, אַז אַזאַ דור דעה, אַזאַ פאַרשטענדלעכער און קלוגער דור, וואָס איז ערשט געשטאַנען ביים בארג סיני און איינשטימיק אויסגעשריגן:

נעשה ונשמע, זאָל פּלוצים אַראָפּפאַלן אַזוי נידעריק ביז צו געצנדינסט? אָבער, נישט בלויז דער פאַקט פון מאַכן דעם עגל איז נישט צו פאַרשטיין, נאָר אויך די פּסוקים וואָס דערציילן אונדז וועגן דעם פאַקט, זענען נישט פאַרשטענדלעך. אין דער תורה שטייט: „דאָס פאָלק האָט געזען, אַז משה קומט נישט אַראָפּ פון באַרג, האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט צו אהרן און געזאָגט מאַך פאַר אונדז אַ גאָט, וואָס זאָל גיין פאַר אונדז, ווייל משה, דער דאָזיקער מאַן, וואָס האָט אונדז אַרויסגענומען פון מצרים, ווייסן מיר נישט, וואָס צו אים איז געוועזן". דאַן דערציילט די תורה, אַז אהרן האָט צוזאַמענגענומען גאָלד. ער האָט דאָס גאָלד געוואָרפן אין פייער און עס איז אַרויס אַ גאָלדן קאַלב. די יידן האָבן געשריגן אויף דעם קאַלב, אַז דאָס איז דער גאָט, וואָס האָט זיי אַרויסגענומען פון מצרים. אַזוי זעט אויס די שילדערונג פון דעם מעשה העגל.

מיר קענען פאַרשטיין דעם מצב פון די יידן, ווען זיי האָבן געזען, אַז משה רבינו קומט נישט צוריק. זיי זענען געווען אין אַ מדבר און האָבן באַין אופן נישט געקענט זיין אָן אַ פירער. זיי זענען געבליבן, ווי בלאָנדזשעדיקע שאָף. זיי האָבן געמוזט באַלד האָבן אַן אַנדערן פירער. אָבער, אויב מען דאַרף אַ פירער, איז שייך צו זאָגן, מען זאָל מאַכן אַ קאַלב און דאָס קאַלב, וועט זיין דער פירער? וואָס פאַר אַ שכל אָדער לאָגיק איז געווען אין דעם פאַרלאַנג, צו מאַכן אַ פירער? וואָס הייסט

עפעס מאכן? וויניק פעאיקע מענטשן זענען דאמאלס געווען? טאקע אהרן אליין, זיינע צוויי גרויסע זין נדב ואביהו, האבן דעמאלס געלעבט. אויך א נחשון בן עמינדב, א חור און נאך א סך. האט מען דאך געקענט אויסקלויבן איינעם פון זיי און אים קרוינען פאר א פירער, אבער נישט עפעס לאזן גיסן א קאלב? עס איז אויך נישט צו פארשטיין דאס, וואס יידן האבן געשריגן, אז דאס קאלב האט זיי ארויסגענומען פון מצרים. אט האבן זיי דאך אליין ערשט צוגעגעבן, אז משה רבינו האט זיי פון מצרים ארויסגענומען, נאר ער איז נישטא, ווילן זיי אויף זיין פלאץ, פון היינט אן א נייעם פירער. ווי אזוי האבן זיי דאן געקענט זאגן, אז דאס קאלב, וואס אהרן האט איצט געמאכט, האט זיי ארויסגענומען פון מצרים? אויך, וואס מיינט דאס, וואס זיי האבן געזאגט אויף משה רבינו, אז „לא ידענו מה היה לו״; מיר ווייסן נישט, וואס עס איז געווען צו אים. וואס מיינען די ווערטער? היינטיקע מאדערנע פארהעלטעניש, דער־קלערן פאר אונדז א ביסל, אט דעם פארוויקלטן ענין.

דער פסוק דערציילט: והביטו אחרי משה; מען האט נאכגעקוקט נאך משה׳ן. חז״ל באמערגן, אז עס זענען דא־מאלס געווען צווייערליי נאכקוקער: לשבח ולגנאי. עס זיינען געווען צווישן יידן אזעלכע וואס האבן נאכגע־קוקט נאך משה׳ן לגנאי. זיי האבן געזאגט, אז אלעס וואס משה האט, נעמט ער ביי יידן. פאראן געווען אנדערע, וואס האבן נאכגעקוקט לשבח. זיי האבן געזאגט, אז משה

רבינו איז דער מבחר היצורים און באַקומט אַלעם פון דער ג־טלעכער השפעה.

אין אונדזערע היינטיקע צייטן פאַרשטיין מיר דעם ענין גאָר פשוט. ביז היינט איז נאָך נישט אַנטשידן געוואָרן דער שטרייט: צו אַ פירער האָט בלויז זיין אייגענעם כוח, אָדער האָט ער דעם כוח פון דעם פאָלק, גרופּע, אָדער פאַרטיי. אויב עס געלינגט אַ פירער אַרויפצוברענגען אַ פאָלק, אָדער אַ פאַרטיי אויף אַ הויכער מאַטעריעלער, אָדער גייסטיקער מדרגה, שטעלט זיך דאָן די פראַגע: צו איז דאָס, דער פאַרדינסט בלויז פונעם פירער; צו בלויז זיין אייגענער פערזענלעכער כוח, זיין אייגענע פערזעלעכע השפעה, האָט געברענגט דעם אויפשטייג. אָדער, ניין! דער הויפּט פאַרדינסט באַלאַנגט צום פאָלק, אָדער צו דער פאַרטיי. נאָר אַ דאַנק זייערע מעלות, האָט דעם פירער געקענט געלינגען, צו מאַכן זיינע פאַרשריט אין זיין פירונג.

תיכף, ווי יידן זענען אַרויס פון מצרים האָבן זיי דערגרייכט אַ געוואַלטיק הויכע מדרגה. עקאָנאָמיש זענען זיי געווען באַזאָרגט .עס האָט זיי ניט געפעלט. נישט קיין ברויט און נישט קיין וואַסער. גייסטיק, האָבן זיי געהאַט: אַ תורה, אַ שבת און קיין שום קלאַסן קאַמף האָט ביי זיי נישט עקסיסטירט. אין משך פון קוים דריי חדשים, זענען זיי פון פשוטע שקלאַפן, געוואָרן אַ מאַטעריעל און גייסטיק דיסציפּלינירט פאָלק. ווען די יידן האָבן זיך פאַרטראַכט אין זייערע דערגרייכונגען, זענען

ביי זיי אַנטשטאַנען צוויי מיינונגען: איינע, אַז דאָס אַלצ־דינג איז דער פאַרדינסט בלויז פון משה רבינו. שקול משה כנגד כל ישראל; נאָר די גרויסקייט פון אַ משה רבינו, האָט געקענט ברענגען, אַז יידן זאָלן זיך געפי־נען אין אַזאַ מצב. אַנדערע האָבן געזאָגט ניין! די אַלע דערגרייכונגען, שטאַמען פון דעם פאָלק, פון זייער גרויס־קייט. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אפילו די גרויסקייט פון משה, שטאַמט אויך פון דעם פאָלק, פון דעם דור דעה און, אַז ביי אַזאַ דור, קען יעדער פירער דערגרייכן די העכסטע אויפטואונגען. דאָס מיינען חז״ל: והביטו אחרי משה לשבח ולגנאי.

עס איז געקומען די געלעגנהייט דעם שטרייט צו אַנטשיידן. משה רבינו איז נישטאָ. דאָס פאָלק קומט דאַן צו אהרן און זאָגט: דער משה, וואָס האָט אונדז אַרויסגענומען פון מצרים, לא ידענו מה היה לו; מיר ווייסן ניט וואָס פאַר אַ כוח ער האָט געהאַט: צו זיין אייגענעם, אָדער דעם כוח פון דעם פאָלק. אויב מיר וועלן ווילן אַן אַנדערן פירער, וועט דער שטרייט ווייטער בלייבן. דער נייער פירער, וועט אויך מעגן זאָגן, אַז בלויז אַ דאַנק זיינע אייגענע, פערזענלעכע פעאיקייטן קומען די דערפאָלגן. פאַראַן בלויז איין עצה אַ פירער מוז מען האָבן, אָבער מען קען ווילן אַזאַ פירער, וואָס קיינעם וועט אפילו נישט קענען איינפאַלן, אַז די פאַר־דינסטן זענען זיינע. מיר וועלן איצט ווילן אַ קאַלב און דאָס קאַלב מאַכן פאַר אַ פירער. טאַקע אַ גאָלדן קאַלב,

אַ פירער דאַרף מען געבן כבוד. זאָל עס דערפאַר זיין פון גאָלד. אָבער דאָך אַ קאַלב. אַלע, וועלן דאַן מוזן מודה זיין, אַז אויב עס קומען דערפאָלגן, שטאַמען זיי ניט פון דעם קאַלב, נאָר פון דעם פאָלק. דער פירער, איז נאָר דער סימבאָל פון דער דיסציפּלינירטקייט און ניט מער. אַלע זענען דערויף באַשטאַנען. אַלע האָבן דאַן מיט רעכט געשריגן: אלה אלהיך; אָט דאָס איז דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעפירט פון מצרים. זיי האָבן גע־מיינט צו זאָגן, אַז אויך משה רבינוס כוח איז נישט גע־ווען זיין אייגענער, נאָר פונעם פאָלק און, אַז אפילו דאָס קאַלב וואָלט אויך געווען געקענט ברענגען דיזעלבע דערפאָלגן, ווייל דער עיקר איז דער דור, דער כוח פון די געפירטע.

דעמזעלביקן טעות מאַכט די היינטיקע מאָדערנע וועלט. מען איז מודה, אַז לשם דיסציפּלין מוז מען האָבן אַ פירער. אָבער: ווער דער פירער זאָל זיין, איז נישט קיין נפקא מיניה. דער עיקר איז, די פּאַרטיי, די גרופּע, אָדער כלל. די פּאַרטיי גיט דעם כוח. דער פירער איז בלויז סימבאָליש. ער איז דער אויסדרוק פון דער פּאַר־טיי. די שיטה שטאַמט פון דעם, וואָס מען רעדט זיך איין, אַז אַ גרופּע, אַ פּאַרטיי, אָדער אַ כלל, שטייט אויף דער העכסטער מדרגה. אַ כלל דאַרף ניט קיין משפיע. דער כלל איז דער משפיע אויף דעם יחיד. אָבער ניט, אַז אַ יחיד זאָל קענען זיין אַ משפיע אויף אַ כלל. פון דעם קומט אַ ווייטערער שריט, אַז דער כלל מעג אָפּטאָן, וואָס

ער וויל. נישטאָ פאַר דעם כלל קיין שום באַגרענעצונ-
גען פון עטישן, אָדער מאָראַלישן כאַראַקטער. פון דעם
קומט נאָך אַ ווייטערער שריט, אַז דער יחיד דאַרף דינען
דעם כלל. ער דאַרף זיך פשוט בוקן צו דעם אָפּגאָט, וואָס
רופט זיך פּאַרטיי, אָדער קאָלעקט. דאָס זענען די תורות
פון דער היינטיקער מאָדערנער סאָציאָלאָגיע, וועלכע
שטאַמען נאָך פון די צייטן פון דעם עגל, וואָס יידן האָבן
אַמאָל געמאַכט.

דער רבש״ע זאָגט דערפאַר צו משה רבינו: שחת עמך; פאַרדאָרבן איז געוואָרן דיין פאָלק, דאָס וואָס זיי זענען אַ פאָלק, האָבן זיי דיר צו פאַרדאַנקען. אָבער נישט, אַז דיין כוח שטאַמט פון זיי. עשו „להם״ עגל מסכה; זיי האָבן זיך געמאַכט אַן עגל, דענקענדיק, אַז זיי זענען דער גאַנצער כוח. זיי מוזן פאַרשטיין, אַז אַ כלל איז ווי אַ יחיד. אַ יחיד מוז לערנען, אַ יחיד מוז האָבן אַ ריכטיקן רבי׳ן, אויך אַ כלל מוז לערנען, אויך אַ כלל מוז האָבן אַ ריכטיקן פירער. אויב נישט קען אפילו אַ כלל אַראָפּ פון ריכטיקן וועג און גיין ביז צו שאול תחתיה ר״ל. איין רפואה איז פאַראַן: בויען פאַר דעם כלל אַ הייליקן פּלאַץ און געבן דעם כלל אַ הייליקן שבת. ווען זיי וועלן יעדן שבת זיך פאַרזאַמלען אין דעם הייליקן פּלאַץ, דאַמאָלס וועלן זיי דערזען זייער שפלות און די הויכקייט פון דעם אמתן מנהיג. זיי וועלן דאַמאָלס וויסן, אַז נישט זיי זע-נען די משפיעס, נאָר אַז די השפעה קומט, דורך דעם גרויסן יחיד, וועלכער שעפּט זיין כוח פון דער ג-טלעכ-

קייט און פירט דעם צבור אויף דעם ריכטיקן וועג. משכן און שבת, זענען דערפאַר די איינציקע רפואה, פאַר די פאַרשידענע עגלם אין אַלע צייטן.

תוכן הענינים

מכתב נשיא הקהלה מר פלדמן — — — — — — — — — 9
ברכת קהלת הרטפורד — — — — — — — — — — — — 11
הקדמת המחבר — — — — — — — — — — — — — — 13
מכתב בן המחבר הרב יצחק חיים אביגדור רב בהרט־פורד 31
מכתב בן המחבר אברהם בער אביגדור — — — — — — — 36

חלק ההלכה

בדין ביה"ש — — — — — — — — — — — — — — — — 43
בדין היוצא מן הטמא — — — — — — — — — — — — 67
בדין כאשר זמם ולא כאשר עשה — — — — — — — — 81
עוד בדין דכאשר זמם — — — — — — — — — — — — 113
בסיום ששה נדרי משנה — — — — — — — — — — — 129

חלק האגדה

סליחות — — — — — — — — — — — — — — — — 145
סליחות — — — — — — — — — — — — — — — — 155
ראש השנה — — — — — — — — — — — — — — — 163
ראש השנה — — — — — — — — — — — — — — — 172
ראש השנה — — — — — — — — — — — — — — — 180
יום כיפור — — — — — — — — — — — — — — — 186

יום כיפור — 194
יום כיפור — 202
סוכות — 210
סוכות — 219
קהלת — 227
שמיני עצרת — 236
שמחה תורה — 245
בראשית — 253
נח — 261
לך לך — 268
וירא — 257
חיי שרה — 282
תולדות — 289
ויצא — 297
וישלח — 304
וישב — 312
מקץ — 320
ויגש — 328
ויחי — 336
שמות — 343
וארא — 351
בא — 359
בשלח — 367
יתרו — 375
משפטים — 383
תרומה — 391
תצוה — 400
תשא — 408
ויקהל פקודי — 417